# נח פּרילוּצקי

# שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש

„ביכער פערלאַג"

ווארשע 1920 י.ט.

נח פרילוצקיס כתבים.

באַנד II.

# שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש




וואַרשע, 1920.

דרוק בר. וואַיציקעוויטש, נאַלעווקער קראַמען.

Copyright by Ph. Geliebter
282 Linden str.
New-Jork—Brooklyn 1920.

Юрьевская Еврейская
библiотека имени
Д-ра Я. А. Эйгеса
№______

# מענדעלי מוכר־ספרים.

(יובילייוואָרט).

ווארשע 2 יאנואר 1907.

הײנט איז בײ אונז א גרויסער נאציאנאלישער יום־טוב. א זעלט־
יום־טוב. דער דימענט פֿון אונזער ליטעראטור, דער שײנער פֿארבענ־
טער גײסט פֿון דער יידישער קונסט, דער זינגער פֿון דער יידישער נאט־
מענדעלי מוכר־ספרים — פֿײערט זײן טאָפּעלטען יובילײ.

70 יאָר ווערט ער אַלט.

50 יאָר ווערט צו זײן ליטעראַרישער טעטיקײט.

א גרויסער, פֿעסטער און ערנסטער פֿעלז — אזא סימבאָליש בילד שטעלט זיך פֿאַר די אויגען, ווען מ'דערמאָנט דעם נאָמען „מענדעלי מוכר־ספרים". א טײל פֿון דער מוטער נאַטור איז דער דאָזיגער פֿעלז. זײנע פֿיס שטעקען טיף אין באָדען, צוזאַמענגעוואַקסען מיט די אײביגע סודות פֿון דער טונקעלער ערד. זײן קאָפּ קוקט אין די ברײטע וועלט אַרײן, — זעט זון, וואָלקען, לבנה, געשטערן, — באַגעגענט מיט אן אָפֿענעם פּנים אַלע דערשײנונגען פֿון דעם נאַטור־לעבען: ווינט, רעגען, האָגעל, שנײ. אַלץ, וואָס געשעעט אויף דער ערד און אין דער ערד, — אַלץ שלאָגט זיך אָן אָן אים, און ער זאַפּט־אַרײן אין זיך די אָפּקלאַנגען פֿון די אינערליכע באַוועגונגען. שווערע כמאַרעס פֿון געדאַנקען, אָפּגרינטען פֿון אימפּרעסיעס, ברויזענדיגע שטורעמען פֿון געפֿילען — באַהאַלט אין זײן האַרטער, שווערער ברוסט דער אײביג־שווײגענדיגער פֿעלז. — נאָר אָט איז געקומען א מלאך פֿון הימעל, גאָטס א שליח, האָט דעם פֿעלז אָנגערירט מיט'ן שפּיץ פֿון דעם צויבער־שטעקעל, און א נס איז געשעען: דער שטײן האָט זײן ברוסט געעפֿענט און א אומגעהײער־רײכע, איבעראַשענדיג שײנע סימפֿאָניע האָט אָנגעהויבען צו שאַלען אַרום דעם גרויסען, פֿעסטען און ערנסטען פֿעלז.

און אין דער יידישער גאַס שאַלט רידאָווינע סימפּאָניע. דער אָיי־ מיזר יישער גאַס האָט גאָט אַ װוּנדערקיזאַל געשענקט.

אין דער אָרימער יידישער גאַס קלינגען די פּײַערליכע לידער, די טיפע אומבאַנרענצטע מעלאָדישע כוואַליעס. אין דער יידישער גאַס, פאַר דער יידישער גאַס און וועגען דער יידישער גאַס. און עס איז נישטאָ אין דער יידישער גאַס קיין קינד, וואָס זאָל וועגען מענדעלי מוכר־ ספרים נישט האָבען געהערט... –

ווי די יידישע גאַס, אַזוי אָרעם איז איר יום־טוב. אָרעם אויסער־ ליך. קיין גראַנדיעזישע מאַניפעסטאַציעס װעלען נישט געמאָלט װערען, קיין פעסטען אין די שילען – געװיס נישט: מיר האָבען דאָך קיין יידישע שולען נאָך נישט. – אונזער נאַציאָנאַלקילטורעליש לעבען האָט זיך נאָך נישט אויסגעגאָסען אין אַזעלכע קאָנקרעטע פאָרמען, – אין דאָרט, ווו דידאָ־ ינע פאָרמען אַנטשטײען שוין, געפינען זײ זיך נאָך נישט אין פאַסענדינגע זענט.

אָבער אינערליך – אַזוי וויל זיך אונז גלייבען – וועט דער יום־ טוב נישט זיין אַזוי אָרעם.

הײַנט איז בא אונז אַ נאַציאָנאַלישער יום־טוב, און – מיר ווילען אין דעם נאָר נישט צווייפלען – די הערצער פון דעם גאַנצען 10־מיליאָנינגען יידישען פאָלק װעלען הײַנט קלאַפּען האַרמאָניש ווי איין גרויס האַרץ מיט געפילען פון גליק און אַנטציקונג, פון ליבע צום גרויסען זיידע פון אונזער ליטעראַטור, און פון אַײבינער דאַנקבאַרשאַפט צו זיין שײנעם גײַסט...

לאַנגע יאָרען דעם זינגער פון דער יידישער גאַס!...

„דער װעג“ נומער 287 (י. 1906).

# אַ גאָלדענע עלטער.

(יובּילייוואָרט).

וואַרשע, 8 יאַנואַר 1911.

„מענדעלי מוכר-ספרים“! אַ כּשוף-נאָמען, מיט וועלכען מ׳קאָן און מ׳דאַרף אָנרופען די גאַנצ׳ אויפלעבונגסעפּאָכע אין אונזער איטערליכען – געזעלשאַפטליכען און קול טורעלישען לעבען.

ער איז דאָס דער ערשטער אַרויסגעטרעטען מיט׳ן שאַרפען פּראָ טעסט קעגען דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט געמיינט, אַז בּילדונג הייסט נאָר אַסימילאַציע, האָט אָפּגעריסען אַלע בּאַציהונגען מיט די עלענ טע יידישע פאָלקסמאַסען, האָט נישט געהאַט קיין אַנדער געפיל פאַ דער טרויעריגער יידישער ווירקליכקייט, אויסער פאַראַכטונג...

ער האָט דאָס דער ערשטער שטרענג אָפּגעמשפּט יענע ספרים וואָס זענען געגאַנגען „אַלץ מיט שטראָפווערטער, מיט עצות און אַ גע פּילדער: פע, הבלים! פע, אָפּגעלאָזטקייט! געוואַלט בּילדונג!“ [1])

ער האָט דאָס דער ערשטער זיך געשטעלט אַף דער זייט פון די פּראָסטע יידען, וואָס האָבען זיך מיט אומצוטרוי פאַרהאַלטען צו די משכּילישע געדרערייען און פלוידערייען, – און האָט מכריז געווען דעם גייעם אמת: „בּרויט, בּרויט בּאַדאַרפען זיי האָבען, מוסר און עצות איז קיין סילוק ניט פאַר דעם מאָגען, אים מיט אַ פּזמון קאָן מען נישט אָפּ קימען. קלאָגען זיך אַף אַוועקגעשטעלטע מאַשינען, פאַרוואָס זיי פוילען,

---

[1]) „ווינטשפינגערל“ ג׳ 5 (ציטירט נאָך דער „יידישער פאָלקספּיבּליאָטעק, קיעוו 1888, בּאַנד I). —

שימלען ראָרט ערגעץ אין א ווינקעל, איז נאָר געלעכטער. נעמט בעסער הייבט זיי מיט אייערע הענט אויף, שטעלט זיי אויף די פיס, לאָזען זיי כּאַ איין אַרבעטען, וועלען זיי נישקשה נישט שימלען, גאָר אַ נ׳אַנדער פּנים האָבען״ [1] ...

ער איז דאָס געוועזען דער ערשטער פאָרשטייער פון דעם שפּאַנעלנייעם מין — דייטש אונטערגעשלאָגען מיט חסיד, פּראַק-לייבסערדאַק״ [2], ווי שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש דריקט זיך אליין אויס מיט זיין בילדליכען לשון, — געפרעדיגט, אַז „דייטש זאָל מיט דעם געמיינעם סאָרט יידישען עולם זיין איינס, נישט לאַכען פון זיינע נאַרישע געננ, נישט שטראָפען, מוסרן אים מיט לאַנגע מיטרות, — פאַרקערט, נאָך געבען אים גערעכט, זאָגען: אַ רחמנות נעבעך, זיינע סליחות איז אָהן סכּנית, איבעריג זענען גאָר יענע, די בריה׳שע סליחות, להבדיל״ [3] ...

קורץ, — ער איז דאָס געוועזען דער ערשטער מאָדערנער נאַציאָנאַליזד, וואָס איז געקומען צום סינטעז פון דער היינטוועלטיגער ציוויליזאַציע מיט די גרונטיסודות פון היסטאָרישען יידענטום.

ער האָט דאָס צום ערשטען קענען געלערענט די אינטימסטע ווינקעלעך פון יידישען פאָלקסלעבען; ער איז דאָס געוועזען דער קאָלומבוס פון ער יידישער לעבענסאַרט אין רוסלאַנד; ער האָט דאָס דער ערשטער אונז עוויזען די יידישע פאָלקסנשמה אין איר גאַנצער מערטירערויסגעלייזערטקייט, נעוועקט אין אינז געפילען פון אומענדליכען רחמנות, פון זיפסטער ליבע צו דער פאַרוואָרלאָזטער יידישער פאָלקסמאַסע ...

און ער איז דאָס דער ערשטער צו דער אָרימער יידישער שפּראַך יי צו אַ הייליגען נאַציאָנאַלישען אוצר צוגעגאַנגען, ווי אַ כּהן איר מיט יין מח און מיט זיין הארץ געדינט, און דורך זיין מאַגישער קינסטלערישער קראַפט מיט אַ קעניגליכען גלאַנץ זי געקריינט ...

מענדעלי מוכר-ספרים!

פייערליך און זיס, ווי אַ זילבערנער גלאָק קלינגט דער נאָמען אין יי אויערען פון יעדען ייד, וואָס אים איז טייער זיין פאָלק און זיין קולטור, יאָס ער איז פאַרזאָרגט מכּח׳ן נאַציאָנאַלישען היינט און טרוימט וועגען ז נאַציאָנאַלישען מאָרגען ...

ווי אַ ביבלישע פיגור וועט היינט זיצען דער זקן מיט׳ן שניי־ווייסען

[1]) דאָרטען. — [2]) דאָרטען, ז׳ 6. —

קאָפּ אַף זײַן פּאַטריאַרכאַלישער שטול, און וווּנדערליכע געפֿילען וועלען וויגען זײַן מעלטיגע ברוסט, ווען ער וועט קוקען אַף די מחנות זײַן און אייניקלעך, וואָס בייגען אָן דעם קאָפּ נאָך דער ברכה פֿון זײַן געבענטש־טער מופֿתדיגער האַנט.

קאָן נאָך זײַן אַ גרעסערע מתּנה פֿאַר אַ נאַציאָנאַלישען קעמפֿער ווי אַזאַ סימבאָליש־נאָרענע עלטער!? —

„דער מאָמענט" נ' 44 (י. 1910)

# שלום-יעקב אבראמאוויטש.

(נאָטיצען).

דער אנהייב פון מענדעלי מוכר-ספרים׳ס לעבענסוועג ליגט אין דער השכלה-עפּאָכע, אבער ערשט דאן ווערט שלום-יעקב אבראמאָוויטש דאס, וואס ער איז, ערשט דאן וואקסט ער אויס ביז צו דער גרייס פון א נאציאָנאלישען קינסטלער, ווען ער טרעט-אריבער די גרענעץ פון זיין דור.

דער קרייז פון דער משכילישער וועלטאנשויונג איז געוועזן זייער שמאל; די פּאָליטיש-געזעלשאפטליכע באגריפען פון אבראמאוויטשעס צייטחברים — פּלאך, און דער קוק זייערער אפ׳ן היך פון דער אזויגערופענער יידענפראגע — פּרימיטיוו.

שטרעבענדיג צו באנייען דאס יידישע לעבען אין רוסלאנד, האבען זיי די איינאונאיינציגע סבה פון אונזער קלאגעדיגער לאגע, פון אונזער שפּלדיגען מעמד, פון אונזער יתומדיגער עלענטקייט געזעהען אין דער קולטורעלישער אפגעזונדערטקייט און אפגעשטאנענקייט, און דעם איינ-אונאיינציגען אויסוועג פון דעם ביטערען גלות — אין ביל דונג.

זאלען נאר „יעקבס קינדער" ארייגלאזען די „הימלישע טאָכטער" אין זייערע „געצעלטען" — היכף ומיד וועט ליכטיג ווערען אין איטליכען ווינקעלע, דער נאקעטער וועט „בגדי-מלכות" באקומען, און דער הונגערי-גער געבראטענע טויבען גלייך אין מויל ארייַן...

— „קודם כל זאל מען דער קליאטשע אראפּנעמען די קאלטענעס, לאז זי באמת ווערען אביסעל רייַנער. בכדי אויסצומיידען א סך סכסוכים וועגען דעם ענין און צו פארבעסערען איר צושטאנד אף להבא, מוז מען, נאך אונזער מיינונג, זעין, זי זאל נישט זיין אזוי פארגרעבט, מ׳באדארף איר שטעלען א נאנג — זי בילדען און אויסלערנען, ווי צו שטעלען א פוס

און נאך זאגען, רעגנסטאל ערשט לאז זי זיך באנוצען מיט אינזער רחמנות" [1]), — אזוי טענהען תמיד די טארערנע אונטערדריקער אינזערע מיט דער מאסקע פון ליבעראליזם אפ'ן אלריותדיגען פרצוף — און די קורצזיכטיגע פארשטייער פון דער השכלה האבען נאכגעבאמקעט: — „ריכטיג, ריכטיג!"

— „די חברה וויל דיר פארריכטען דאס מזל, אז ווייטער זאל מען דיך אזוי שלעכט נישט באהאנדלען. נאר דאס ווענדט זיך אבער אויך א סך אן דיר. דיין גליק, דיין בעסערע מערכה הענגט פיל אפ פון דיר אליין, ווען דו וועסט פאלגען, אננעמען אלע פאסטעמפפקעס. אלע גענג פון געלערנטע פערד, וועט דיר, אם־ירצה־השם, שפעטער זיין גוט", [2]) — ווי ישראליק־דער־משוגענער רעדט איין דער אלעגארישער קליאטשע.

— „די רעגירונג איז גוט, איז בארמהארציג, זי האט באפרייט עטליכע און צוואנציג מיליאן פויערן, זי ווינטשט איטליכען גליק, אויך אונז, ייִדען, ווינטשט זי גליק; זי זוכט אלין מיטעל צו פארבעסערען אונזער צושטאנד; זי וויל, ייִדען, נעבעך, זאלען געזונד זיין, זאלען א פנים האבען ווי מענטשען"... — אזוי הויצט זיך אבראמאוויטשס alter ego אין דער „טאקסע", — שלמה וועקער [3]).

מ'דארף נאר באווייזען בפועל דער „אויפגעקלערטער מאכט" — „פראסוועשטשאננאמו פראוויטעלסטוו", — אז מ'איז געטרייע בירגער פון לאנד, אז מ'איז נוצליך דער מלוכה, — וועט נישט לאנג דויערן, און ישועות מיט נחמות וועלען זיך געטען שיטען אפ'ן כלל־ישראל.

און האט די פאלקסמאסע גלייכגילטיג, אפאטיש, אדער זשנאר אוראניש, פיינדליך זיך פארהאלטען צו די גערעדערייען אף דער טעמע: „פריער — בילדונג, דערנאך — גלייכבערעכטיגונג"; צו די פלוירערייען: „ווארפט אוועק דעם האנדעל, נעמט זיך צו ערדארבעט, וועט מען צו אייך צוטרוי האבען", — האבען א סך משכילים אונזערע זיך נישט גענעשעמט צו רעדען הארבע ווערטער אפ'ן עלטען אנטיסעמיטישען שטייגער: „די קליאטשע איז בא מיר געוועזען שטארק אפגערופען נאך אזא אויפפירונג. איך האב זי געהאלטען פאר א פארפאלענע, א כרפאלענע אף אייביג.

---

[1]) „די קליאטשע" 76 (ציטירט נאך ערשטער אויסגאב פון 1889).

[2]) „די קליאטשע" ז' 79. —

[3]) „די טאקסע" 80 (ציטירט נאך ווילנער אויסגאב פון 1872)

עס וועט שוין פֿון איר קיין לייט נישט זיין. שונאים זענען, א פּנים, טאקי נערעכט, א וועלט איז טאקי נישט משוגע, מסתמא איז זי טאקי א שלים־מזל, א פֿארשלעפּטע קרענק פֿון זיין ליבען נאמען" [1])...

מענדעלי מוכר־ספֿרים איז אין נאטור געוועזן אהן א ערך טיפֿער פֿון זיין דור, און זייער גיך האט ער זיך ארויסגעקריגען פֿון דעם משכּילישען וויקעלשנור, און נייע געראנקען זענען געווארען די נשמה פֿון זיינע אנשויונגען.

א היסטארישע דאטע אין זיין שאפֿונג, אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראטור און אין דער כראניק פֿון אונזער געזעלשאפֿטליך לעבען איז „די טאקסע" [2]).

„משד עניים, מאנקת אביונים עתה אקום". — דעם פּסוק פֿון תהלים האט ש. י. אבראמאוויטש אוועקגעשטעלט אלס מאטא אפֿ׳ן שער פֿון „דער באנדע שטאדט־בעלי־טובות" [3]), — און אין דעם בוך, וואס איז דורכגעדרונגען מיט דער צאפּעלדינסטער ליבע צום פֿאלק, הערט זיך, ווירקליך, — „א קיל פֿון א סך צובראכענע הערצער, פֿון א סך אומגליקליכע יידען; א קיל פֿון ארימעלייט, פֿון נויטבארערפֿטינע, פֿון בעלי־מלאכות, און פֿון דערשלאגענע מענטשען, וואס מ׳דרישעט זיי ווי קעץ און מ׳לאזט זיי נישט קיין קאפּ אויפֿהייבען; א קיל פֿון פֿארוויסטע ווייבער און קינדער, וואס מען האט זייערע מאנען, זייערע טאטעס, נעבעך, פֿארשיקט און איינגעזעצט אין די טורמעס; א קיל פֿון א סך דערשלאגענע, פֿארוואגעלטע יידישע קינדער"...

פֿאר דער שטימונג פֿון מחבר, ווען ער האט געשריבען דאס ווערק, זענען העלסט סימפּטאמאטיש עטליכע פֿראזען פֿון שלמה וועקער בשעת׳ן ערשטען שמיס מיט גדליה פּיקהאלץ. וועקער, א משכּיל, לייענט א ביכעל, מסתמא איינס פֿון יענע משכּילישע ביכלעך, וואס זענען געווען כאראקטעריסטיש פֿאר יענער עפּאכע. קומט ארײַן גדליה פּיקהאלץ, וואס האט אוועקגעווארפֿען דאס רבנות אין א קליין שטעטיל, נישט ווילענדיג זיין א ווערקצייג אין די הענט פֿון די שטאטתקיפֿים. ס׳פֿארבינדט זיך צווישען די צוויי חברים א שמיס, וועלכער עפֿענט וועקער

[1]) „די קליאטשע" ז׳ 85. —

[2]) צום ערשטען מאל געדרוקט אין ווינטאטיר 1869. —

[3]) אונטערטיטעל פֿון דעם ווערק. —

די אייגענע אייך אויף די שרעקליכע פֿאַרהעלטעניסען אין דער גלופּ־סקער [1]) קהלה, אין וועלכער ער לעבט. וועקער איז זייער אויפגעבראַכט; פֿאַר גרויס ענטמת־נפש רייסט ער דאָס ביכעל, און אויף פּיקהאָלצס פֿאַר־וואונדערטען פֿראַגע: „וואָס טוסטו, שלמה?“ — ענטפֿערט ער, מיט אַ גערי־טער שטימע: — „איך טו דאָס, וואָס אונזערע עלטערן האָבען געטון אַמאָל בשעת חורבן דאָרטען אויף די טייכען בבֿל. אויף די ווערבעס דאָרטען האָבען די משוררים אויפגעהאַנגען זייערע פֿידלען, זיי האָבען מער ניט געוואָלט זינגען, שפּילען, נאָר קלאָגען, יאָמערן און טרויערן. גענוג זינגען, גדליה! גענוג שרייבען שירים מליצות בשעת אונזער פֿאָלק, אונזער אָרעם פֿאָלק ליידט. אויף דער טייך גנילאָ־פּיאַטקע צווייגס איך די סטרונעס פֿון דער יידישער פֿידעל. יידען זענען ניט געבוירען ניגוניען צו זינגען, צו שפּילען... מ'מוז האָבען אין זינען ערנסטערע זאַכען“ [2])...

דאָס ווערק, וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען אין אַזאַ שטימונג, האָט געוואָלט ווי אַ שווערער האַמער אַראָפּפֿאַלען אויפֿ'ן קאָפּ פֿון די אומפּאַר־שעמטע „שטאָרטפֿאַרזאָרגערס“, וואָס האָבען געריטען אויף די פֿאָלקסמאַ־סען, אויסגעזויגט דעם לעצטען טראָפּען בלוט פֿון די אָרעמע, דאָס לעצטע ביסעל מאַרך פֿון די ביינער. „די טאַקסע“ — דאָס איז אַן אויסגעצייכענטע סאַטירע, וואָס האָט באַדאַרפֿט ברייען, ווי צוגליט אייזען. אין איר ווערט געשילדערט דער „יידישער גלות“ [3]), ד. ה. וויאַזוי די אומבאַהאָלפֿענע שוצלאָזיגע פֿאָלקסמאַסען געפֿינען זיך אין גלות בא דער „באַנדע שטאָרט־בעלי־טובות“. דער מחבר קאַרגט נישט קיין שוואַרצע פֿאַרבען, מאָלענדיג די אומענטשען, וואָס געוועלטיגען איבער אַן עדה יידען, שינדען פֿון זיי די הויט און באָרען זיך אין מילך און אין האָניג אויף שטאָרטס חשבון.

און מערקווירדיג, אפֿילו אין דער אומברחמנותדיגער סאַטירע, וואָס האָט געדאַרפֿט זיין אַן עפֿענטליכער פּאַטש אין פּנים אַלע פּני פֿון דער אַלטער יידישער קהלה; אפֿילו אין דעם פֿאַרניכטענדיגען ווערק, וואָס האָט פֿאַר אַבראַמאָוויטשען געמאַכט אוממעגליך דאָס ווייטערדיגע פֿאַרבלייבען אין בערדיטשעוו און האָט אים געצוואונגען אַריבערצופֿאָרען קיין

---

[1]) ד. ה. בערדיטשעווער. —

[2]) „די טאַקסע“ 19. — איינינע שורות שאַצירט דורך מיר. —

[3]) זעי ז' 73. —

זשיטאָמיר-א. י.: אין דעם גוואַלדיגען קאַמפּספּאַמפּלעט האָט דער גענ-אַלישער מחבר זיך אויפגעהויבען אף אַ העכערען שטאַנדפּונקט, וואָס האָט דעם בוך צוגעגעבען אַ העכערע ווערט, און איז אַ באַווייז פון אַבראַמאָוויטשעס אינטעלעקטועלישע רייפקייט און פון זיין טיפער איינזיכט אין די פאַרוויקעלטע פאַרהעלטענישען פון סאָציאַלישען לעבען.

באַלד אף די ערשטע בלעטלעך פון „דער טאַקסע" ליגט מענדעלי מוכר-ספרים אַריין פיקהאָלצען אין מויל אַריין אַזעלכע מערקווירדיגע ווערטער:

—„יידען וועגען בלייבען נישט שולדיג, ווי האָבען גוטע הערצער, ווי האָבען בעסטע שכל און געפיל, ווי פאַרשטייען אַן עסק, ווי וועגען פּאַקאַרנע און קענען זייער פיל אַראַפּשלינגען. נאָר וואָס העלפט עס, אַז ווי האָבען גענבער נישט קיין מזל, אַז ווי וועגען געבער אומגליקליך, אַז פון כמה שנים שטיקט מען ווי צוגנויף אַלע אינאיינעם אין איין אָרט, ווי די שאָף, אַז ווי ועיען פאַר זיך נישט קיין וועלט און קענען נישט אָטעמען קיין פרייע לופט. אַ מענטש מוז דאָך אָבער עסען, מוז דאָך זיך דערנערען און אינטערהאַלטען זיין לעבען, כל זמן ער זיפעט, כל זמן עס שלאָגט זיך נאָך אין אים אַן אָדער,—דאַריבער וובען ווי שפּע איינער פון דעם אַנדערען, דער שטאַרקערער וויל דערקוועטשען דעם שלאַפערען, טראַכט אוים כל מיני תחבולות, וויאַזוי צו דערטאַפּען אַ שטיקעל ברויט, וויאַזוי נו דערהאַלטען די נשמה [1]). די נאָטור איז שטאַרק, זי פאָדערט אירס, זי סטאַרעט זיך, זי וויל אים ביל צו דערהאַלטען,—אָט דאַריבער וועגען דאָ בא אונז אין טוניעיאַדעווקע די גאַנצע לאַפּטע פּאָרשוינען, וואָס מיר האָבען פון זיי געהערט, אָט דאַריבער וועגען דאָ בא אונז אַזעלכע מענטשעלעך, דערצו נאָך זייער אַ סך ווירעניע יידען, גאַנצע פּאַלקען שדכנים, מלמדים גאַנס סטראַשצעס וגבורות אַזעלכע מיני נאָחניקעס. ווי אַלע ווילען עסען, ווי אַלע האָבען אַ נשמה און סטאַרען זיך זי צו דערהאַלטען [1]), ווי האָבען אַלע היינט אַ טבע פון מענטשען, ווי ווילען לעבען! אָקעגען דער טבע העלפט זיך נישט צו באַרען, אָקעגען איר העלפט נישט קיין עצות, קיין חכמות, זי איז אַלמעכטיג גיבור!" [2])

און צום סוף פון ווערק, ווען ווייקער, נישט קענענדיג מער ציזשען,

---

[1]) שפּאַצירט פון מיר. — [2]) ז' 17. —

וואָס אין דער שטאָדט טוט זיך, נישט קענענדיג מער פאַרטראַגען די עולית, ביז פון די שרעקליכע בילדער, וואָס שטעלען זיך אים פאָר אַף שריט און טריט, לויפט, נאָך אַ נאַכט אָהן שלאָף, אַרויס אַף דער גאַס, אַ כּאַרב טער־טער, אַן אויפגעבראַכטער, אַ צוריצטער, און ברעכט אויס מיט אַ פלאַמענ־דיגער פיליפיקע קעגען די פאָלקסאונטערדריקער, רופענדיג די פאַרוואַר־לאָזטע, אין נויט און הונגער שמאַכטענדיגע פאָלקסמאַסע צום אויפשטאַנד: —„וואָס טויג אייך בעלי־טובות, וואָס נאָגען אייך אויס דעם מאַרך פון די ביינער, וואָס פאַרפירען אייך אין דער בלאָטע, אין די הרי־חשך אַריין? ביז וואַנען וועט איר איבער אייך האָבען באַהעלפערס מיט לאַנגע פאַרצייטע קעשענעס, וואָס לאַטכענען אַראָפּ פון אייער מיטאָג, פון וואַרטעס?”...[1]

— פאַרבלייבט ער דאָך נישט בלויז אין ראָר פון באַשולדיגונגען און זאָגט אַרויס די פאָלגענדיגע אָביעקטיווע אידייע[1]: — „ווער איז דען שולדיג, וואָס בא אייך זענען דאָ אַזעלכע שטאָדטמענטשען, אַזעלכע פירער, אַזעל־כע פאָפּעטשיטעלעס? איך מיין כּלעבען נישט זיי. נישט זיי זענען שולדיג! שולדיג זענען די אומשטענדען, וואָס האָבען פריער געבראַכט דערצו, עס זאָל בא אייך זיין אַ טאַקסע וכדומה אַזעלכע פאַראַדקעס; שולדיג זענען די אומשטענדען, וואָס האָבען אייך פאַרשלאָגען דעם קאָפּ, וואָס האָבען אייך געמאַכט צו נאַרען, צוגענומען דעם מוט, וואָס האָבען אייך פאַרבלענט און פאַרשלעפערט”.[2]

מענדעלי מוכר־ספרים באַשולדיגט שוין נישט אין דער פינ־סטערער יידישער לאַגע בלויז דעם רעליגיעזישען פאַנאַטיזם, די מאַכט פון די בעלי־מופת, דאָס חסידות און דעם מאַנגעל אין בילדונג. ער לייגט די גענויעלשאַפטליכע אויפמערקזאַמקייט אַף די פּאָליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישען, וואָס האָבען נורם געווען דעם יידישען דלות און אַלע דערשטיינונגען, זיין פועל־יוצא.

ער מוסרט נישט די פאָלקסמאַסען, זעצט זיי נישט אויס די חסרונות זייערע, זידעלט זיי נישט פאַר דאָס קולטורעליש אָפּגעשטאַנענקייט, פאַר די אַלטפרענקישע אַבערגלויבענס. „מ'שרייט אַלץ אַף דעם נאַראָר יידען, נעבעך, זיי זענען פויל, זיי זענען נישט געזונט, זיי זענען עקשנים, זיי ווי־לען זיך נישט בילדען וכדומה נאָך אַזעלכע פאַרברעכען. געוואַלט! וועל

[1]) ז' 83. — [2]) שפּאַציר פון ביר. —

איך שרײַען, וואָס זענען זיי נעבעך, שולדיג, וואָס זאָלען זיי נעבעך כּיון, אַז זיי זענען אונטער אַזאַ פֿינסטערער אַפּיטעקע?״ [1] — און וועקער רופֿט: „די אומשטענדען האָבען זיך, מיט גאָטס הילף, הײַנט געענדערט, שטײַטשע אייף, יידען, שטײַט־אויף פֿון דעם לאַנגען שלאָף! געגוג צו זײַן פֿאַרפֿירט, פֿאַרבלענדט, געגוג זײַן נאַראָנים!... זײַט מענטשען מיט שכל, מיט מוט״... [2]

מענדעלע מוכר־ספֿרים האָט געהאַט גרויס אמונה אין די געזונטע גײַסטיגע קרעפֿטען פֿון דער יידישער פֿאָלקסמאַסע, פֿון פּראָסטען „נאַראָר״. דער אמתער העלד פֿון „דער טאַקסע״ איז דער פּשוטער אײַזיק זאַיקע, וואָס אין צעטעל פֿון די פּאַרשוינען כאַראַקטעריזירט איִם דער מחבר מיט די ווערטער: „אַ קרבן פֿאַר זײַן ערליכקײַט״ [3]. אונטער׳ן אײַנדרוק פֿון וועקערס אַגיטאַציע הייבט ער אָן אַנ׳אומערמידליכען קאַמף קעגען די גלופּסקער תּקיפֿים. מוויל איִם פֿאַרשטופּען דאָס מויל מיט געלט — דער ערליכער קבצן זוכט מיט פֿאַראַכטונג אָפּ. שטעלט מען אויס זײַנס אַ לאַנג־באַצאָלט ווקסעל און מ׳קלאָגט איִם אָן אין גערילכט. ער האָט נישט צו באַצאָלען, זעצט מען איִם אײַן אין תּפֿיסה, און ער זאָגט: „בעסער־בעסער, כלעבען, אין דער טורמע, איידער צו שטײַן דאָ מיט פֿאָ־פּרעלמאַן, מיט מע־מע־מענדיל דעם גזלען און מיט נאָך אַזעלכע פּאַ־פּאַ־פּאַרשוינען!... אין דער טורמע, כלעבען, זענען נישטאָ אַזעלכע אָפּאָ־פּאָ־פּאַסנע מענטשען״ [4]... דער פּראָטאָטיפּ פֿון דעם שפּעטערדיגען באַוווסטזיניגען יידישען אַרבעטער, וואָס האָט זײַן גאַנצען מוט און זעלבסטאָפּערונג אַרויסגעוויזען אין די לעצטע פֿופֿציג יאָר...

די מאַסע איז טאַקי פֿאָרלויפֿיג נאָך פֿינסטער, נישט שטענדיג פֿאַרשטײַט זי איִרע אמתע פֿרײַנט, אָט האָט זי זיך ערשט געלאָזט פֿאַרטומלען דעם קאָפּ פֿון שווינדלערס און האָט זיך אָפּגעווענדט פֿון וועקערען, פּיקהאָלץ זאָגט צו איִם: „געשווינט, שלמה! אַוועק פֿון דאַנען! אַוועק, אַוועק פֿון די יידען, פֿון די פּרומע, פֿון די ערליכע יידען!״ [5] וועקער קוקט איִם שאַרף אָן פֿון אויווען ביז אַראָפּ, טרעט אָפּ פֿון איִם עטליכע טריט און שרײַט אויס: „דו זאָגסט, איך זאָל אַוועק פֿון די יידען!״... [6]

---

[1] ו׳ 17 — [2] ו׳ 83. — [3] ו׳ 7. — [4] ו׳ 86. — [5] ו׳ 85. —

[6] שפּאַציִרט אין אָריגינאַל. —

צו דער פאלקסמאסע! [1]) דאס איז געווען מענדעלי מוכר-ספרים׳ס רוף צו דער יידישער אינטעליגענץ [2]). —

---

די נייע תורה געפינט זיך אנ׳אויספירליכע אויסלייגונג און באגרינדונג אין דער בארימטער „קליאטשע", וואס גייט ארויס פון דרוק 4 יאר נאך דער „טאקסע".

„די קליאטשע" - דאס איז א גרינטליכע רעוויזיע, אן אומברחמנות-דיגע קריטיק, א צושטערונג פון דער משכילישער אידעאלאגיע, און נאר א נייע, טיפערע, ריין-סאציאלאגישע אויפפאסונג פון יידישען פראבלעם.

די טויער פון יענער עפאכע זענען געווען ווילדע מאמינים אין די וואונדערבארע קראפט פון גוטען ווילען. זיי האבען געגלייבט: גענוג איז, די יידען זאלען נאר וועלען, זייער לעבען זאל אנדערש ווערען, — דער נס וועט געשעהן: פון בעטלער וועט א פרינץ ארויסשפרינגען! — ווי דער שטן מאכט חוזק פון דיזאזיגע „גרויסע לייט":

„איינער שרייט בא אייך גוואלט אף די מלמדים: ביז וואנען וועט מען אלץ אפגעבען קינדער צו אזעלכע קאטשענעס, וואס מאכען פון זייערע תלמידים ווילדע מענטשען, פיגענעבטסען? נאך איינער ליארעמט: ביז וואנען וועט מען אלץ חתונה מאכען יונגע קינדער? ביז וואנען וועלען שדכנים צונויפפירען צוויי נפשות, וואס קענען נישט און ווייסען נישט איינער דעם אנדערען ביז נאך דער חתונה? א דריטער שרייט אף די בטלנים, וואס וואקסען בא אייך ווי קראפעווע און פאר-

---

[1]) פאר אבראמאוויטשעס דעמאקראטישע געזינונג איז כאראקטעריסטיש אויך די שטעלע אין „דער טאקסע" (ז׳ 20):

—„פע אזא רבנות, וואס שטאנדהאפט גיט זי, — זאגט פיקהאלץ: — פע אזא רבנות, וואס פאר איר דארף מען זיך פארקויפען דעם טמיוועל, וואס פאר איר דארף מען זיין א נבנע, איין עבד כנעני, וואס פאר איר מוז מען הערען, זעיען און שווייגען! פע, פע, פע אזא רבנות! דענסטמאל וועל איך זיין א רב, ווען דער נארד וועט מיך וועלען, ווען אלע ארעם און רייך גלייך וועלען מיך מאכען און מיר שענקען זייער צוטרויען, ווען איטליכער, אפילו דער ארעמער, נעבעך, וועט מיך געפינען פאר ווערט צו פארטרעטען די שטעלע"... —

[2]) דאס קאפיטעל איז געווען געדרוקט אין „מאמענט" נ׳ 37 פון 30 דעצעמבער 1910. — יעצט האב איך עס איבערגעארבעט און פארגרעסערט. —

פֿירען מיט זייערע נאַרישע זאַכען, מיט זייערע קרומע גענג דעם עולם. ווידער אַ פֿערדער שרײַט אַף יענע, וואָס פֿאַרבערענגען זייער גאַנץ לעבען נאָר אין דער גמרא: ביז וואַנען וועט מען זיך אָפּגעבען נאָר דערמיט אַליין און פֿאַרגעסען אַלע אַנדערע נייטיגע זאַכען? אַ פֿיפֿטער שרײַט: ביז וואַנען וועלען מיר זיך פֿרובירן אויפֿיל בעלי-טובות, בעלי-טאַקסעס, שטאָדטפֿאַרוואַרגער וכדומה אועלכע מיני פֿאַר-שוינען? — אַלע שרײַען, פֿילדערן; שוין צײַט דאָס אַלסדינג איבערצוּאַרבּעטען און מערען קליגער, געבילדעטער, געניטער" [1]).

מענדעלי מוכר-ספרים רעכענט זיך שוין מער מיט די פֿאַר-העלטעניסען פֿון דער אָביעקטיווער ווירקליכקײַט:

—„גאָר קומט אָבער פֿין זייער שרײַען עפּעס אַרויס? אַלסדינג בלײַבט טאַקי ווי פֿריער. עס קען טאַקי פֿון זייער שרײַען גאָר נישט אַרויסקומען. פֿאַרוואָס? אָט מחמת דעם. מחמת אין דער וועלט הערשט איין געזעץ פֿאַר אַלע באַשעפֿעניש, פֿאַר אַלע מענטשען גלײַך, אַזאַ געזעץ, וואָס קיי-נער, יהיה מי שיהיה, איז נישט אימשטאַנד עס איבערצומאַכען, וואָס אַקעגען אים העלפֿט נישט קיין שרײַען, קיין רעדען, קיין דרשות און קיין שום מיטעל; אַזאַ געזעץ, וואָס איז שטאַרקער פֿון אַלע שטאַרקע, מער עקשן פֿון אַלע עקשנים, וואָס אַז מ'שטעלט זיך אים אַקעגען, זוכט עס זיך אים טויזענטער אַנדערע וועגען, טויזענטער המצאות און הסברות, כּדי זיך צו דערהאַלטען, — איך מיין דאָ דעמדאָזיגען באַקאַנטען געזעץ, וואָס אַלע ווילען עסען, וואָס איטליכער וויל צו דערהאַלטען זײַן לעבען, עס מעג זיך זײַן אַף וועלכען אופֿן, מיט וועלכע מיטעל עס וויל זיך" [2]).

—„מיך קוועטשען די אומשטענדען, — זאָגט די קליאַטשע, — מיך צווינגט די נויט. ווען איך וועל מיר אַליין נישט זוכען עסען, וועט מען מיר טאַקי נישט געבען. איך וועל פֿויזען ליינען די ציין אַף דער פּאָליצע און שטאַרבען פֿאַר הונגער. אַף דרך-ארץ קען מען נישט וואַר-טען; כּל זמן מ'לעבט, מוז מען עסען. וואָס וויל איך דען מער, ווי עסען?" ...[3])

—„פֿאַר דיר שטייט אַ פֿאַרמאַרעטע, אַ הונגעריגע קליאַטשע, וואָס זי באַדאַרף נייטיג ווי אין לעבען אַרײַן האָבען כאָטש אַביסעל מנוחה, אַ מעסטעל האָבער, אַ ביני-טעל היי, ווילסט דו איר גאָר באַווײַזען אַ היי אין סידור און

[1]) ז' 96. — [2]) ז"ז 96—97 (שפּאַצירט פֿון מיר). — [3]) ז' 30 (צושפּאַצירט פֿון מיר). —

אַלץ אויסדרינגען, ווי גוט, ווי שיין עס איז זיך אויסצו־לערנען עפּעס קונצען!"[1]) — מוסרט דער שטן ישׂראליק־דעם־משוגענעם.

געמענדיג אין אַכט דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישען מאָמענט, — מוז מען מיט עקעל אָפּוואַרפען די טענות, מיט וועלכע עס קומען צום ייִדען אי פֿרעמדע, אי אייגענע, — אין מענדעלי מוכר־ספֿרים טוט דאָס טאַקי.

— „איך בין אין גאָר נישט שולדיג" — זאָגט די קליאַטשע.

דער ייִד לעבט אַזוי, ווי די אויסערליכע און אינערליכע פֿאַר־הערטעניש דערלייבען אים.

פֿאַר יענער צייט — נייע און גרויסע ווערטער!

קען און דאַרף דער ייִד נישט טראָגען קיין פֿאַראַנטוואָרטליכ־קייט פֿאַר זיין געפֿאַלענקייט און פֿינסטערקייט, — טאָר מען זיך מיט אים אויך נישט דינגען וועגען די תּנאים פֿון עמאַנסיפּאַציע.

איזעק מיט דער פֿאָרמעל: „פֿריער בילדונג — דערנאָך מענטשליכע רעכט"!

— „מ'זאָגט, איך זאָל מיך לאָזען לערנען, — טענהט די אַלעגאָרישע קליאַטשע, — פֿרעג איך, ערשטענס, פֿאַרוואָס הייסט מען עס רוקא מיר?[2]) וויפֿיל זענען דאָ אין דער וועלט, אַ שטייגער, נישט געלערנטע פֿערד, טאַקי אמת פּראָסטע, נישט דערצויגען אין קיין שום זאַך, און פֿונ־דעסטוועגען חוץ זייער שאָדען, אַזאַ לעבען אַף מיר נעזאָגט געוואָרען!"[3])

און ווידער: „וואָס פֿאַר אַ שייכות, איך בעט דיך, האָט עסען און דאָס נייטיגע באַדערפֿעניש מיט בילדונג![2]) מיט וואָס פֿאַר אַ יושר[2]) קען מען יענעם נישט לאָזען עסען, אָטעמען פֿריי, סיידען ביז ער וועט זיך אויסלערנען עפּעס קונצען? איטליכס באַשעפֿעניש, וואָס ווערט געבוירען, איז קודם־כּל אַ לעבעדיגע זאַך, פֿאַרזאָרגט פֿון דער נאַטור מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים, טאַקי נאָר פֿונזיינעטוועגען, כּדי דורך זיי צו באַקומען אַלסדינג, וואָס עס באַדאַרף נייטיג האָבען צום לעבען. עס האָט, אַ שטייגער, אַ מויל אַף צו עסען, עס האָט אַ נאָז, כּדי צו אָטעמען, עס האָט פֿיס, כּדי צו גיין, נישט כּדי צו טאַנצען. טאַנצען יכר מה נאָך שטאָכטעלייען, דאָס זענען נאָר אויסגעטראַכטע מעשׂיות, דאָס

[1]) ז׳ 96 (צפּאַצירט פֿון מיר). — [2]) שפּאַצירט פֿון מיר. — [3]) ז׳ 87. —

האָט מען אַלץ אויסגעטראַכט שפּעטער און עס אַ נאָמען געגעבן בילדונג [1].

„איך וויל מיך דאָ נישט אריינלאָזען אין חקירות, אויב די בילדונג מיט די אַלע קונצען וועגען גוט אָדער שלעכט; אויב דאָס אַלסדינג, וואָס מ'לערנט, וויאַזוי מ'האָט עס צונויפגעשטעלט, פון וואַנען מ'האָט עס גענומען, אויב דאָס אינגאַנצען הייסט גאָר בילדונג. וואָרען מ'ווייס דאָך אַ סך קונצען, וואָס אמאָל וועגען זיי געשטאַנען אין דער פּראָגראַמע, שטאַרק געגאַלטען און היינט גייען זיי מער נישט אָן; ווידער נאָך קונצען, וואָס דאָס גאַנצע אָנהאַלטעניש זייערע, מיין שטיינסגעזאָגט, איז אַף יענעמס געשמאַק, אַף יענעמס השערות; ווידער נאָך אַזעלכע, כלומרשט ערנסטע קונצען, וואָס וועגען געבויט אַף יענעמס ווילען, אַף קאַפּריזען, אַף אַלטע פאַרשימעלטע מנהגים; עס וועגען דאָ אויך אַזעלכע מעשיות, וואָס לכתחלה האָט מען זיי געשטעלט אַף אַ הינעריש פיסעל, אַף דער פאַנטאַזיע, אַף דעם בהדמיון; ווי אויך אַזעלכע מעשיות, וואָס וועגען זיך סימך אַף פאַקטען, דאָס הייסט אַף דעם, וואָס אין דער וועלט האָט זיך פאַרלאָפען, נאָר די פאַקטען גופא וועגען אָבער פאַרדרייט, איטליכער דערציילט זיי אַף אַן אַנדער אופן, איטליכער קוקט אַף זיי אַנדערש. חוץ דעם וואָרען זיי ווי־עס־איז אָפּגעשילדערט נאָר פון דרויסען, אָבער מי יודע וואָס איבערווייניג טוט זיך? היינט באַדאַרף מען דאָך טאַקי נישט פאַרגעסען, אַז יענע שוין כלומרשט ערנסטע מעשיות לאָזען דאָך נישט מער הערען ווי שטיקעס, אָנשטעלען, קינדערשפּיל, אינגאַנצען אַ פּוף, אָבער פון יענע, אין תוך אריין גוטע המצאות, שיינע־קונצען אַנטיק אין דער וועלט, פון זיי מוכען די מעשיות עפּעס נישט אַזאַ ציטעס... נאָכאַמאָל זאָג איך, אַז איך לאָז מיך דאָ נישט אריין אין מינע חקירות, אויב די בילדונג מיט אירע קונצען האָבען אַ ממשות אָדער נישט, אויב זיי האָבען דער וועלט געבראַכט גליק אָדער אומגליק, אַזעלכע חקירות גייען מיך אַצינד נישט אָן, איך וויל מער נישט זאָגען, אַז זיי וועגען נאָר בייזאַכען [2].

„בשעת געבוירען וואָרען האָט דאָס באַשעפעניש פון זיי גאָר נישט געוווסט, עס האָט אים טאַקי באַלד זיך געגלוסט עסען, אָטעמען און זיך באַוועגען נאָך איידער עס האָט גאָר געהאַט אַ רמז די־מיזה פון יענע איינגעטראַכטע המצאות. מהיכא־תיתי איר קענט אים נישט געבען די שיינע נאַשייניקעס, די טייערע אופּראַזשען מיט פליטערליך וביימה נאָך ציאַצקעס און שפּילכעלעך, וואָס וועגען פון איך באַשטימט פאַר יענע מיני קונצען, אָבער עסען, פרייע אָטעמען און אַלע נייטיגע זאַכען, וואָס זיין גוף פאָדערט און וואָס אָהן דעם קען עס זיך נישט באַגיין, — דאָס אַלסדינג מוזט איר אים געבען, עס האָט

---

[1] ז״ו 87 — 88. — [2] ז׳ 88. —

דאָרויף אַ רעכט, איר קענט עס בײַ אים בשום אופן נישט אַוועקנעמען. איר קענט נישט דאָס באַשעפעניש האַלטען פֿאַרשפּאַרט, עס זאָל זיך נישט באַוועגען, וואָרום דורך דעם מוז עס ביסלעכווײַז אָפּשטאַרבען — נעמט איר דאָך צו בײַ אים דאָס רעכט צו לעבען; איר טאָרט עס נישט גלאַט פּײַניגען, שלאָגען, וואָרום דורך דעם מוז אים נע־בעך ווײ־טון, עס קען נאָך ווערען אַ ביטערע קאַליקע — נעמט איר דאָך צו בײַ אים דאָס רעכט געזונט צו זײַן און הנאה צו האָבען אין דעם לעבען!״... [1]

ווי מיר זעיען, רעדט שוין אַבראַמאָוויטש וועגען יושר, וועגען נאַטירליכען רעכט פֿון מענטשען אף ברויט און אף לופֿט.

אין דער „טאַקסע״ האָט ער זיך נאָך אַנטציקט מיט דער „באַרעמ־הערציקײט פֿון דער רעגירונג״. דאָ טרעט ער אַרויס קעגען דיזעניגע, וואָס אַפּעלירען צו די רחמנות־געפֿילען פֿון די שטאַרקע, ווי אויך קע־גען דיזעניגע, וואָס שטרעבען צו איבערצײַגען, אַז מיר ברענגען נוצען — דעם לאַנד, דער מלוכה.

גאָלדענע ווערטער לאָזט אונז הערען די אומגליקליכע קליאַטשע:

—„איך בין דיר מוחל דײַן רחמנות! [2] איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט אויסאַרבעטען, מ׳זאָל מיך נישט אַזוי פּלאָגען, מ׳זאָל מיר געבען מײַן באַ־דערפֿעניש צו דערהאַלטען די נשמה, טאַקי נאָר גלאַט פֿאַר רחמנות [2], ווײַל עס איז פּשוט אַ צער בעלי־חיים.

„איך וויל אפֿילו ניט, דו זאָלסט אויסבעטלען [2]) פֿאַר מיר אַלע נייטיגע זאַכען צום לעבען אי מהאי טעמא, וואָס מ׳האָט און וואָס מ׳קען פֿון מיר האָבען נוצען [2]. — דאָס זענען אַלטע מעשיות, אַלטע לידלעך, וואָס איך האָב זיי שוין געהערט אין דער וועלט זינגען אין פֿאַרשידענע צײַטען.

„איך וויל גאָר נישט הערען קײַן רחמנות, קײַן נוצען. איך בין, ווי אַלע אַנדערע, אַ לעבעדיג באַשעפעניש און האָב, ווי זיי, אַ פּראַווע, דאָס רעכט צו לעבען [2]. האָט יענער אף מיר רחמנות, הייסט עס אַזויפֿיל, ווי איך לעב נאָר אין זײַן זכות, ער האָט יאָ דאָס רעכט צו לעבען, און איך ניט, איננאַנצען וואָס איך האַלט מיך, וואָס איך זשיפּע.

[1] ז״ז 88 — 89 (שפּאַצירט פֿון מיר). — [2] שפּאַצירט נאָך ביר. —

האָב איך עס צו פֿאַרדאַנקען אים, נאָר אים, אין דער צײַט, אַז מיר בײַדע זײַנען גאַנץ גלײַכע באַשעפֿעניש מיט אײַנערלײַ באַדערפֿעניש. לאָזט מיך יענער לעבען, ווײַל איך ברענג אים נוצען, הײַסט עס אַזויפֿיל, ער איז דער תכלית, דער עיקר, און איך לעב נאָר, מחמת דערמיט טויג איך אים [1]), פֿאַר מיר אַליין וואָלט איך ניט באַדאַרפֿט נאָר באַשאַפֿען ווערען. איך וויל אָבער לעבען גלײַך ווי אַנדערע, גלאַט ווײַל איך בין אויך אַ באַשעפֿעניש פֿאַר מיר" [2]).

אין 1873־טען יאָר האָט שוין אַבראַמאָוויטש נישט דעם נאַיווען צוטרוי צום אײַראָפּעישען ליבעראַליזם. לגמרי באַוווסטזיניג שפּעט ער אָפּ פֿון די סענטימענטאַלישע האָפֿנונגען, וועלכע מ׳לײַגט אַף די העלדען פֿון דער קלינגענדיגער כלומרשט טאָלעראַנטישער פּראַזע.

„געוויינטליך, אַז די וועלט הייבט ערשט אָן זיך אַרומצוקוקען, זיך צו באַטראַכטען, דערנסטמאָל זינגט מען דאָס לידעל פֿון הומאַניזם, דאָס הײַסט פֿון מענטשליכקייט, פֿון רחמנות, פֿון באַרמהאַרציקייט; שפּעטער אַביסעל, אַז די וועלט הייבט אָן פּאַמעליך פּראַקטישער צו ווערען, זינגט מען שוין יענץ לידעל פֿון אוטיליטאַריזם, דאָס הײַסט פֿון נוצליכקייט, פֿון דעם נוצען, וואָס מען קען פֿון דעם, פֿון יענעם האָבען. ערשט נאָר שפּעטער, אַז די וועלט באַקומט אי שכל, אי יושר, און פֿאַרשטייט בעסער דעם ג׳ נ׳ פֿון דער נאַטור מיט אַלע אירע באַשעפֿעניש, דערנסטמאָל זינגט מען דאָס לעצטע, דאָס בעסטע לידעל פֿון אמת, פֿון גערעכטיקייט" [3]).

— „ביז וואַנען, אַך, וועסט דו זײַן אַ שקאַפּע, דער וועלטס קליאַטשע?" — פֿרעגט ישראליק דער משוגענער, און זי ענטפֿערט אים:

— „ביז וואַנען מענטשען וועלען ווערען בעסער און קליגער, ביז וואַנען עס וועט אויפֿהערען אי אכזריות אי רחמנות, אי רעות אי טובות, אי צו־להכעים אי צוליב־זאַכען, נאָר אמת און גערעכטיקייט אַליין וועלען הערשען אַף דער וועלט; ביז וואַנען עס וועט אויפֿהערען צו זײַן אַ חילוק צווישען מענטשען [1]), אַ וואָלף וועט וווינען מיט אַ שאָף, אַ בער מיט אַ קו וועלען אינאיינעם זיך פֿיטערן, און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסען שטרוי; ביז וואַנען עס וועט זיך פֿעלען אַלדאָסביזע, די ניטגוטע וועלען פֿאַרלירען זייער כח, און עס וועט אָפּגעווישט ווערען טרערען פֿון איטליכען פּנים!..." [4])

1) שפּאַצירט פֿון מיר. — 2) ז״ז 89—90. — 3) ז׳ 89. — 4) ז׳ 50. —

און די צייט איז, לייד-ר, נאך ווייט.
ישראליק-דער-משוגענער טיינט אפילו אנדערש:

— „די מדה פון רחמנות איז אזוי גרויס און אזוי שטארק אין דער מאדנע היינטיגע צייטען, אז מענטשען האבען אנגעהויבען רחמנות צו האבען, נישט נאר אף מענטשען אליין, היינו: זיי נישט פיינט צו האבען, נישט צו פייניגען, נישט צו פארדרייען זיי דעם קאפ מיט דעם לעבען, ווי אין די אלטע יארען, נאר איני-ליבען צו באטראכטען פאר א ברודער, פאר א חבר, פאר א פריינט, גאר קיין שום חילוק נישט צו מאכען פון וועלכער לאנד און פון וועלכע נאמנה ער מעג זיך זיין; נישט נאר מיט מענטשען אליין, זאג איך, האט מען היינט אנגעהויבען זיך צו באגיין מיט רחמנות און מיט מענטשליכקייט, נאך מער אפילו מיט בהמות, אפילו מיט זיי באגייט מען זיך היינט מיט בארמהערציקייט און מען באטראכט זיי פאר גאטס באשעפעניש, און וואס דאריבער פארדינט טאקי מיט רעכט היינ-טיגע צייט דעם נאמען: „די צייט פון מענטשליכקייט“ [1].

נאר די קליאטשע לאכט זיך אויס:

— „מליצה, מליצה, מליצה! זייער שיינע מענטשליכקייט! האסט געמעגט אויך צושטעלען, אז היינט נעמט איינער בא דעם אנדערן ארויס דאס לעבען זייער גרינג, גיך און באלד, מיט גוטע ביקסלעך און קלוגע המצאות, וואס דער בארמהארציגער דור האט, לטובה פאר די מענ-טשען, אויסגעטראכט! [1])

„עס איז נאר א פורימשפיל, א ריינע קאמעדיע, כלעבען! דא זיצט א קאמיטעט פון א חברה „צער בעלי-חיים“, זארגט זיך, שמיסט פון רחמנות פון מענטשליכקייט, און דארט פלאגט מען טאקי די אומגליקליכע באשע-פעניש. ווער עס וויל, לאדט-אן די פערדלעך מיט משא איבער זייערע קרעפטען און זעצט פון זיי די נשמה ארויס. מ'העלפט זיי נאר, ווי עס זעט-אויס, מיט א גוט ווארט, מיט א זיפץ, א קרעכץ: ס'איז נאר א ריין טעאטר, כלעבען! היינטיגע צייט פארדינט טאקי מיט רעכט דעם נאמען: „די צייט פון קרעכצען, פון רעדען, פון פלוידערן!“ [2])

...דעם אנהייב פון אנ'אויסוועג זעט דער מחבר פון דער „קליאטשע“ נאר אין זעלבסטטעטיקייט.

— „עס קאלט זיך מיר איבער דאס בלוט צוזעענדיג, אז בעונותינו הרבים איז נישטא בא אונז מיט וועמען עפעס צו טאן, מיט וועמען עפעס צו מאכען. קיינער מיינט נישט ערנסט!“ — קלאגט ער זיך: — „עס ווערט מיר צוזעצט די גאל צוקוקענדיג,

[1]) ז' 70. — [2]) ז' 87 (שפאצירט פון מיר). —

ווי בעונותינו הרבים אונזער עולם שלאָפֿט, ווי ער איז פֿאַרטראָגען אין חלומית — ער דענקט נישט, באַטראַכט נישט, ווייסט נישט זיין לאַגע. קיינער באַרעכענט נישט, זאָרגט נישט און פֿילט נישט כל־זמן עס באַריהרט אים נישט זיין אייגען נפֿשל. טאַקי נאָר מחילה אָקסען, וואָס בשעת מ׳קוילעט איינעם, שטייען זיך די איבריגע און קייען, מעלה־גרהן גאַנץ רוהיג. עס ווערט מיר אַ לאָך אין האַרצען ציזעיענדיג“... ¹)

---

די אינטערשטע שורה פֿון אַבראַמאָוויטשס געדאַנקען:

1) אַ פֿאָלק האָט רעכט אַף אַ פֿריי לעבען נאָר דערפֿאַר, וואָס עס עקזיסטירט אַף דער וועלט, ניט קוקענדיג דערויף, צי ברענגט עס עמיצען נוצען, צי ניט; אַ פֿאָלק איז אַ ציל פֿאַר זיך און האָט דאָס רעכט צו לעבען פֿאַר זיך.

2) אַ אונטערדריקט פֿאָלק דאַרף זיך אַליין העלפֿען דורך אָרגאַניזאַציע פֿון זיינע קרעפֿטען.

דאָס זענען אויך צוויי יסודות פֿון מאָדערנעם דעמאָקראַטישען נאַציאָנאַליזם.

אַבראַמאָוויטש איז געווען דער ערשטער אין דער יידישער גאַס אין רוסלאַנד, וואָס האָט זיי אַרויסגעזאָגט, אַוועקשטעלענדיג אַלס ווינקעל־שטיין פֿון אַ נייער וועלטאָנשויונג, אַף די חורבות פֿון דער משכילישער אידעאָלאָגיע.

ער איז, אַלזאָ, מעג מען דרייסט זאָגען, דער גייסטיגער פֿאָטער פֿון דער עפּאָכע, אין וועלכער מיר לעבען איצט, דער אַרויסרופֿער און אָנהייבער פֿון יידישען רענעסאַנס, וואָס בליט אויף אין זיין גאַנצער פּראַכט ערשט אַף אונזערע אויגען.

אַלס אַזעלכער, פֿאַרנעמט שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש איינס פֿון די בכבודסטע ערטער אין דער געשיכטע פֿון יידישען געזעלשאַפֿטליכען געדאַנק. — ²)

---

[illegible]י גײַסטיגע רעוואָלוציע, וועלכע ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט איבער־געלעבט סוף־וועלכער און אָנהייב־זיבעציגער יאָרען פֿון פֿאַרגאַנגענעם.

---

¹) ז' 60. — ²) דאָס קאַפּיטעל איז געוועזען געדרוקט אין „מאָמענט“ נ' 97 פֿון 30 דעצעמבער 1910, און שפּעטער איבערגעדרוקט אין דער „ייגענער צייטונג“ אין נ' 48 פֿון 21 אַפּריל 1913. — יעצט האָב איך עס אַביסעל פֿאַרברייטערט. —

יאָרהונדערט, און וועלכע האָט זיך געפונען איר אָפּגעשלוסענעם אויסדרוק אין דער „קליאַטשע", האָט געהאַט אַ אומגעהייערע באַדייטונג אויך פאַר אונזער גרויסען שריפטשטעלער, אַלס אַזעלכען, דהיינו: פאַר זיין אַרטיסטישער אַנטוויקלונג, פאַר זיין וווקס אַלס קינסטלער.

נאָך דער „קליאַטשע" האָט מענדעלי מוכר-ספרים געפונען זיך אַליין.

דער קרייז פון רייגעם סאַטיריקערס זעיען איז על-פי-רוב שמאָל.

דער אָפּלאַכער, אָפּשפּעטער, חוזקמאַכער, שטעכווערטעלזאָגער באַמערקט, געוויינטליך, נאָר דאָס, וואָס ס'וואַרפט זיך אַליין אין די אויגען, — דאָס בולטע, דאָס גראָבע, דאָס איבערגעטריבענע, דאָס קאַריקאַטוראַלישע.

אַז די משכילישע שריפטשטעלער זענען כמעט אויסשליסליך געווען סאַטיריקער, איז, איינענטליך, גאַנץ נאַטירליך. ערשט נאָר וואָס אַרויסגעריסען זיך אין אַ נייע וועלט, פאַרבלענדט פון איר העלער שיין, האָבען זיי שלעכט געזעען, וואָס אַרום טוט זיך.

זייער בליק האָט געכאַפּט נאָר דאָס, וואָס די מדרגה פון זייער בחפזונדיגער אינטעלעקטועלישער אויפוואַכונג און דער וואַקלדיגער צושטאַנד פון זייער אומנאָרמאַליש-אויפגעשרויפטער פסיכיק האָט זיי דערלויבט.

די ערד איז זיי פון אונטער די פיס אַרויסגעשוומען. דער קאַלטער, טרוקענער געדאַנק האָט די לעבעדיגע אויפפאַסונג פאַרטרעטען, און די געמלאכהעט-אונטערגעוואַרעמטע פראַזע — די אמתע שטים פון האַרץ פאַרטויבט.

אין זכרון איז זיי מער נישט פאַרבליבען, ווי די פינסטערע כחות פון יידישען לעבען, וואָס האָבען זיי דעם וועג צו פרייהייט פאַרשטעלט און מיט געוואַלט צוריק אין חשך-מצרים געצויגען.

באַם ליכט פון אַ שענער לעבען האָט זיי גענומען עקלען פון דער דעקאָראַציע פון גרויזאַמען יידישען עלענט.

און אַלע פיילען פון זייער כעס און פאַראַכטונג האָבען זיי אויסגעשאָסען אַף אונזער היימישער „ביוראָקראַטיע" און אַף דאָס גאַנצע גאָטס-פאַרכטיגע קלאַפּערגעצייג [1]...

---

[1]) אויב זיך אויסדריקען מיט מענדעלים לשון, — „פון אַ מגיד, אַ מוכיח, אַ טוטרויאָנער, אַ ירא-שמים ביז גאָטס-סטראַפּטשעס ו דומה אַזעלכע טשינאָווניקעס

לייענענדיק די משכּילישע ליטעראַטור, האָט מען געקענט אַרויסטראָגען דעם איינדרוק, אַז אויף דער יידישער גאַס איז טאַקי מער גאָרנישט, אָבער גאָרנישט דאָ, אויסער בלוטזויגערײַ, פּאַראַזיטיזם, צביעות און פֿאַרגרעבטקייט.

באַ די אומות-העולם איז אויך אַזוי געווען: ווען דאָס געזעלשאַפֿטליכע באַוווסטזײַן האָט זיך באַ זיי אָנגעהויבן אויפֿצובלאָזן, און די ליטעראַטור זייערע איז נאָענטער צוגעגאַנגען צום רעאַלן לעבן, איז איר שפּיגעל געווען אַ קרומער. די מאָרגנדעמערונג פֿון דער נאַציאָנאַלישער קונסט האָט באַ די אייראָפּעישע פֿעלקער איבעראַל געטראָגן אַ סאַטירישן כאַראַקטער. ערשט נאָך די פּרימיטיווע אָפּשפּעטער און ווערטלזאָגער קומט „איינער אַ שטאַרקער, אַ בר-יכולת, אַ געזונטער און אַ געניטער“ [1], — ס'קומט דער נאַציאָנאַלישער דיכטער, מיט'ן טיפֿן שכל און מיט'ן גרויסן האַרץ, גרייכט מיט דער שאַרפֿער ראיה אין די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פֿון פֿאָלקסלעבן, נעמט-אַרום מיט'ן ברייטן בליק אַלע זייטן פֿון דער היימישער ווירקליכקייט, און הייבט-אויף די ליטעראַטור פֿון זײַן אומה אויף דער הייך פֿון אַלנאַציאָנאַלישער באַטײַטונג.

ס'קומט דער אָדלער מיט די שטאַרקע פֿליגל, און דאָס נאַציאָנאַלישע וואָרט שוועבט-אויף ביז אונטער די וואָלקן, ווערט לערער, פֿירער, באַגײַסטערער פֿון פֿאָלק.

דאָס געזעלשאַפֿטליכע זעלבסטבאַוווסטזײַן, וואָס ווישט ערשט אָפּ דעם שלאָף פֿון די אויגן, דערהאַלט זײַן אויסטײַטשער, דערציִער און אַנטוויקלער.

ווי אין אַ כּשוף-שפּיגעל דערזעט דאָס פֿאָלק זײַן דײַטליכע אָפּ

צווישן די היטעלטענטשען... פֿון אַ שמש, אַ קהלשן שרײַבער, אַ באַפּער, אַ סבֿירשטשיק, אַ פּאַוויערענע, אַ דעפּוטאַט, אַ בעל-עצה, אַ בעל-טובֿה, אַנ'אָנבלאָזער ביז דעם בעל-טאַקסע פֿון פֿלייש און סוועטשנאָי-סבאָר ובֿדומה די גאַנצע כּנופֿיא קהל... פֿון באַהעלפֿער, מלמדים, שדכנים, בדחנים, בטלנים, מיוועטשערליי גבאים, משולחים און שתדלנים, ישיבֿה-בחורים, פּרושים, לומדים, ווערענע מענטשען, שיינע-יידען, טאַטענס-קינדער, תהילימזאָגער, משניותלערנער, בעלי-תפֿלות, שופֿרבלאָזער, דריידלעכמאַכער, פּורים-שפּילער, מצהרעדלער, ביז די דיינים, שוחטים, מנקרים, משגיחים, טאָקערענס, קוויטלשרײַבערנס, פֿעלדמעסטערנס ובֿדומה דאָס גאַנצע בלי-קוריש“... („די קליאַטשע“ 52). —

[1] מענדעלעס אַנ'אויסדרוק („קליאַטשע“ 68). —

בילדונג, זיין שיינקייט און העסליכקייט, זיין מאלט און שוואלקייט, זיינע מעלות און חסרונות, זיין היינט און זיין מארגען, זיין וועג און זיין אויסוועג...

אונזער אָדלער מיט שטאַרקע פליגעל איז שלום־יעקב אבראמאָוויטש.

ער איז געווען צו טיף פון נאַטור, ער זאָל קענען פאַרבלייבען בלויז בא סאַטירע.

דער ערשטער וועקער פון יידישען נאַציאָנאַליש־געזעלשאַפטליכען געדאַנק האָט אויך געמוזט ווערען דער גרינדער פון דער יידישער נאַציאָנאַלישער ליטעראַטור. ביידע זאַכען זענען איניגסט ענג־געבונדען צווישען זיך.

אין דער „קליאַטשע" איז סאַטירע אַף די פאַרשידענע „כלי־קודש" בלויז א טפל. די הויפּטטענדענצען זענען, ווי מיר האָבען אויוען געזעהען, אַנדערע, טיפערע.

די „קליאַטשע" – דאָס איז אויך א נייער שטאַנדפּונקט אין באַציהונג צו דער יידישער פאָלקסמאַסע.

— „אַף מיר קוקען א פּאָר אויגען, וועלכע עס דריקען־אויס ליידען, מידקייט איינאיינעם מיט א נעבעך און גוטסקייט אָהן אַנ׳עק. עפּעס טאַקי נאָר אויגען פון א שלאַנגען, אומגליקליכען, אויסגעמוטשעט באַליידיגטען, געקרענקטען מענטשען, וואָס קוקט אַף איטליכען שווייגענדיג שטיל, און איטליכער קוק זיינער דערציילט זיינע אינווייניגסטע ווייטיגען; איטליכער בליק רעדט, שרייט געוואַלד, בעט רחמים און רייכט־אויס א שטיק הארץ. איך קוק און קוק – וואָס קליאַטשע, ווען קליאַטשע! פאַר מיר איז גאָר א מענטשליך פּנים, ווי, וואָס, פון וואַנען פּלוצים א מענטש, עפּעס אזא פאַרזעעניש?!" [1]

אבראמאָוויטש האָט דער איינציגער פון אונזערע משכילים אַנטדעקט אין דער קליאַטשע דאָס מענטשליכע פּנים – און אין דעם מאָמענט איז אַרויסגעריסען געוואָרען פון גאָרנישט די יידישע קונסט.

דאָס מענטשליכע אינ׳ם יידישען לעבען האָט אָנגעהויבען אַמטערסטען צו אינטערעסירען אבראמאָוויטשען [2], און וואָס

---

[1] ו׳ 21. —

[2] פאַר די השכלהלייט איז ייד און מענטש געווען צוויי פאַרשידענע באַ־

טיפֿער ער איז אַריינגעגאַנגען אין די גרעב פֿון אונזער פֿאָלקסמאַסע, דאָס אידעלער און סובטעלער איז געוואָרען זיין פען, מאַלערישער און קלינגענדיגער – זיין וואָרט, ליכטיגער און שמעקעדיגער – זיין אָטעם, בשופֿריגער און אייביגער – זיין ווירקונג.

אַז אַבראַמאָוויטש איז אַ געבוירענער קינסטלער, אַ פּאָעט מיט אויסערגעוויינליכע באַגאַבונגען, – דאָס זעהט מען שוין אין זיינע ערשטע יידישע ווערק: אין „קליינעם מענטשעלע" [1]), אין דער ערשטער רעדאַקציע פֿון „ווינטשפֿינגערל" [2]). אויך אין דער „טאַקסע" [3]) און אין דער „קליאַטשע".

אַ באַזונדער נייעס פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור זענען געוועזען דערהויפּט די נאַטורבאַשרייבונגען זיינע.

אַבראַמאָוויטש קען אין איין פֿראַזע געבען אַ גאַנץ בילד.

– „דער אָווענט איז געוועזען זייער אַ שיינער, אַ שטילער. דער הימעל לויטער אויסגעשטערענט, און גאַנץ נידעריג, ווו ער לאָזט זיך אַראָפּ, איז אַזוי ווי פֿון דער ערד אויפֿגעגאַנגען די לבנה, רויט ווי בלוט" [4]).

קורץ, אָבער ווי פֿול, ווי ריכטיג!

– „די האַלבע לבנה האָט געשיינט און איז ווי אַ גילדערן שיפֿעלע זיך געשוואומען אין דעם גרויסען, בלויען ים פֿון דער לופֿט, וואָס איז געוועזען רוהיג, שטיל אָהן אַ שום ווינטעלע"... [5])

אַ שטורם באַשרייבט אַבראַמאָוויטש:

„עס האָט געטהון אַ בליץ, גלייך ווי דער הימעל האָט זיך געשפּאָלטען און אָפּגעשטעקט די וועלט מיט פֿייער. באַלד דאַרויף האָט אַ חילך געגעבען אַ דונער, און זיך אָפּגערופֿען אַרום און אַרום מיט שרעקליכע קולות, ווי פֿון טויזענטער האַרמאַטען. עס האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ שטורעמווינט. ער האָט משונה געפֿייפֿט,

גריפֿען. — אַבראַמאָוויטש האָט דער ערשטער דערזעהען זייער אייניקייט. דער דערגרייכטער סינטעז איז געוואָרען דער יסוד פֿון דער מאָדערנער נאַציאָנאַל-יידישער וועלטאַנשויונג. —

[1]) געדרוקט 1865. — [2]) וואַרשע, 1865 (?). —

[3]) וועלכע צייכענט זיך אויס מיט דער בולטקייט, לעבעדיגקייט, נאַטירליכקייט פֿון די פֿיגורען. —

[4]) „די קליאַטשע" 20. —

[5]) „דאָס קליינע מענטשעלע" (ווילנע 1879) 90. —

געוויינט, געהײַלט ווי הונגעריגע וועלף, גלײַך ווי עס האָבען דעם טאָג זיך אויפגעהאָנגען הונדערט מכשפים. דער אַנשלאָפֿענער וואַ"ד האָט זיך אויפגעכאַפּט שטאַרק דערשראָקען. עס האָט זיך אויפגעכאַפּט איטליכס גרעזעלע, איטליכס צווייגעלע, איטליכס בלעטעלע, אַלע האָבען געגרעשט, געפּילדערט, געפּלוידערט אַף אַלערליי קולות און פֿאַרמישטע לשונות. סאָראָקעס, וואָראָנעס און סאָוועס מיט זייער גאַנץ פּעקעל האָבען אויך צוגעקרעכצט, צוגעשפּילט אַ ווייגענדיגס. יעדער באַזונדער האָט געקרעכצט, געזיפֿצט, געשריגען, איינער דעם אַנדערען מבלבל געווען, ביז אַ שלאַקסרעגען האָט מיטאַמאָל איטליכען פֿאַרשטאָפּט די מײַלער"[1].

נאָר באַם מייסטער פֿון נאַטורבאַשרײַבונגען – טורגעניעוו – וועט איר געפֿינען אַזאַ געמעל, אַזאַ צונויפֿגעפּרעסטקייט פֿון סטיל, קאַרגשאַפֿט אַף ווערטער, שטרענגע באַרעכענטקייט אין אויסוואַל פֿון אויסדריקען, פּינקטליכע צוגעמאָסטענקייט פֿון דער פּראָזע. נאָר באַ אים וועט איר געפֿינען אַזאַ פּרעכטיג-צאַרטען ניואַנס: „אַ שטיק שוואַרץ-געדיכטער וואָלקען, העל ליכטיג באַ די קאַנטען, טראָגט זיך דאָרט אויווען"...

שטריכען פֿון מערקווירדיגער באַאָבאַכטיקייט, פֿונקען פֿון קינסטלערישער שילדערונג בלאַנקען אין דער גאַנצער „קליאַטשע", ווי די שנייגאָדלען אינ'ם פֿרײַען פֿעלד אונטער די שטראַלען פֿון דער העלער זון. נאָר אים אַלגעמיין איז דאָס אַ פּובליציסטיש ווערק. אַ פּובליציסטיש ווערק, וואָס אַ געבוירענער קינסטלער האָט עס פֿאַרפֿאַסט.

צוזאַמען מיט דער משכּילישער אידעאָלאָגיע וואַרפֿט, אָבער, אַבראַמאָוויטש פֿון זיך אַראָפּ אויך דעם פּובליציסט, און קערט ענדגילטיג אום צו זײַן אייגענטליך געביט, שווימט קעניגליך אַרויס אין אָפֿענעם ים פֿון דער גרויסער קונסט[2].

— „עס האָט זיך מיר פֿירגעשטעלט אַ טאָג אין מײַן שטאָדט, וויאַזוי און מיט וואָס מענטשען ברענגען אים צו, מיט וואָס זיי שטייען אויף און מיט וואָס זיי לייגען זיך שלאָפֿען".

טויזענט סטרינעס זענען אויפֿגערירט אין אַבראַמאָוויטשס האַרץ, וויינען און שרײַען, ווען ער צייכענט-אויף אין דער „קליאַטשע"[3] די-

[1] „די קליאַטשע" 48. —

[2] דאָס קאַפּיטעל איז געדרוקט געווען אין „מאָמענט" נ' 43 פֿון 6 יאַנואַר נ. ס. 1911. — אין דעם בוך איז עס אַביסעל איבערגעאַנדערשט. — [3] ז' 55. —

-ראָזיגע שורות, אין וועלכע ער מאָלט אַ קרעפּטיג-קאָנצענטרירטען סך-הכּל פון די סאָציאַל עקאָנאָמישע פאַרהעלטעניסען אין דער יידישער גאַס.

„עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַ פּרימאָרגען: יידען שטייען אויף און קרעכצען! ווייסען ניט, וואָס מען טוט, וואָס מען הייבט אָן, פון וואַנען מען זאָל זיך דערנערען? זייערע פּנימער זענען בלייך, דער שטערן פול מיט קנייטשען, די אויגען וואַרפען זיך אין אַלע זייטען, גלייך ווי זיי זוכען עפּעס, אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּען, אָן וואָס זיך אָנצושפּאַרען, די כוואַליעס פון דעם טאָג זאָלען זיי, נעבעך, ניט דער-טרינקען[1]. זיי זיפצען, זיי קרעכצען און קנייטשען דעם שטערען"[2]...

ווי אַ האַמער אַפ'ן קאָפּ פאַלט איטליכס וואָרט פון דעם בילד, וואָס איז גרויזאַם אין יעדען שטריך, און אין מינדסטען פּינטעלע — ריכטיג.

„נעבעך" — מענדעלים אַ ספּעציפיש וואָרט — אויסדרוק פון אַזאַ אומ-ענדליך רחמנות, אַז דאָס לעבען עקט זיך.

— „עס האָט מיר זיך פאָרגעשטעלט דער מאַרק, אינגאַנצען ווי ער איז, מיט אַלע זיינע געשעפטען און מיט אַלע זיינע מענטשען. עס האָט מיר זיך געדאַכט: הונגעריגע, דאַרע מאַנדעטניקעס, און אין צענטען איינגע-הויקערטע טענדלער דרייען זיך הין און הער אַרום אין איינע צרות, קוקען זיך צו און שאַצען באַ זיך אָפּ איטליכענס קליידער, האָבען אַן'אויג, באַ וועמען עס זענען צוריסען די שטיוועל, באַ וועמען — די הויזען, באַ וועמען — די קאַפּאָטע, דערפילען אין דער שטאָדט די קלענסטע לאַטע, די מינדסטע שמאַטע. עס האָט מיר זיך געדאַכט: בלייכע, טויטע מענ-טשען, נעבעך, ליפען אַרום ווי די פאַרסמטע מייז, שטעקען אומעטום אַריין די נאָז און שמעקען, טאָמער וועלען זיי געפינען עפּעס אַ שטיקעל ברויט, טאָמער וועלען זיי כאָטש עפּעס דערטאַפּען. איטליכער איז פאַר-טראָגען, איטליכען שפּאַלט זיך דער קאָפּ, איטליכער פאַרבייסט אַ ליפּ, מאַכט פלאַנען און פאַרטראַכט זיך, איטליכער רוקט אַרויף דאָס היטעל, לויפט און איז ווי אָף דעם עולם התועה"[3]...

— „אַך, — רייסט זיך באַם מחבר אַרויס אַ ביטערער אויסגעשריי: — קוים וואָס עס איז געוואָרען טאָג, איז שוין אַזויפיל קרעכצען, אַזויפיל האַרציווייטיג, אַזויפיל טייכען טרערען!"[4].

---

[1]) שפּאַצירט פון מיר. — [2]) דאָרטען. —

[3]) דאָרטען ז' 56. — [4]) דאָרטען ז' 55. —

פון די עטליכע בלעטלעך אויסגעצייכענטע קינסטלערישע פובלי־ציסטיק איז שפעטער מיט עטליכע יאר נאכ'ן אנשרייבען פון דער „קליאטשע“ – אויסגעוואקסען מענדעלי'ס בעסט ווערק, – איינס פון די שענסטע ביכער אין דער גאנצער יידישער ליטעראטור, – „דאס ווינטש־פינגערל“ [1].

אויך אין דער „מתנה פאר די ליבע יידישע קינדער“ [2] שפירט זיך דער פראסטינער אטעם פון איינגעווארצעלטען הונגער.

– „די קאבצאנסקער בעלי־הבתים זענען, נישט פאר אייך גע־רעדט, גרויסע אביונים, האבען נישט, איר זאלט זאגען, א צובראכענעם גראשען בא דער נשמה. אין קאבצאנסק אליין איז פאר זיי נישטא קיין שום פרנסה, סיידען איינער צום אנדערען מיט א טארבע אין די הייזער ארומצוגיין“. [3]

פונ'ם ערשטען זייטעל אן לאזט אייך אף א מינוט נישט אפ דאס געפיל פון טויטשרעק פאר'ן נעמעל פון אזא געפייניגט לעבען; דאס הארץ צאפעלט, ווי פארקלעמט אין אייזערנע צוואנגען, ליידענדיג וועגען די שטענדיגע יסורים; מאמענטענווייז לויפען אייך קאלטע נאדלען ארורך איבער'ן גאנצען לייב אונטער דער הויט...

קיינער פאר מענדעלי־מוכר־ספרים און קיינער נאך אים האט מיט אזא קראפט נישט געשילדערט די שווערע־האפטיגע פארוואר לאזט־קייט פון די יידישע פאלקסמאסען.

אזוי שטיל, אזוי אומבאטערקט, אזוי פראסט, אזוי, קען מען זאגען, וואכעדיג איז די טראגעדיע פון הויזגעזינט, וואס ווערט באשריבען אין „ווינטשפינגערל“, – פון די „שוועסטערלעך און ברידערלעך“ [4], וואס נעמען יינגערהייט פון דער וועלט“ [4], טראגען זיך אפ באצייטענס, ווייל זיי „גריםט נעבעך אין בייכעל“ [4], און פון זייער טאטע, וואס שטארבט מיט אזא הארצרייסענדיג־אומעטיגען טויט, – אבער אזוי אהן־קינצען־אמת־דיג, אזוי אומפארגלייכליך־באהארצט איז דאס אלץ ארויסגעגעבען!...

„א לאנג לעבען אהן ברויט איז א ביסלעכווייזער טויט“ [4], – דעם

---

[1] דער עמבריאן פון דעם ווערק איז ארויס אין ווארשע ארום 1865. — דאס איינגענטליכע „ווינטשפינגערל“ — אין שלום־עליכעמס „יידישער פאלקסביב־ליאטעק“ (קיעוו 1888—1889). —

[2] אונטערשטיטצעל פון דעם ווערק. —

[3] „דאס ווינטשפינגערל“ („פ. ביב.“ I) ז' 10. — [4] ז' 16. —

אַפֿאָריזם וואָלט מען, פֿילײַכט, געקענט אַרויפֿשטעלען אַלס „מאָטאָ“ אַפֿן שער פֿון „ווינטשפֿינגערל“, — נאָר — „נישט אַלע מענטשען זענען גלײַך“ [1], — פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס „שפּאַרען זיך אײַן דווקא לעבען“ [1], — מענדעלי מוכר־ספֿרים האָט צו יענער צײַט זיך שוין דערוואָרבען יענע טיף אײַנגעהאַלטענקײַט פֿון שאַפֿונגספֿיבער, יענע אַזויגערופֿענע קינסטלערישע אָביעקטיוויטעט, וואָס איז דער ערשטער תּנאי פֿון אַלזײַטיגען זעען, און זײַן בוך איז דאַריבער פֿיל ברייטער און העלער פֿון דעם האַלב־פּראָזאישען עפּיגראַף.

דער מחבר פֿון „ווינטשפֿינגערל“ אַנטפּלעקט פֿאַר אונז אין קלאַסישע געמעלער אַ נײַע פֿאַרבאָרגענע וועלט, — ווײַזט, וואָס נאָך אויסער די קרעמפּען פֿון הונגער, האָבען די מאָרנע עקשנים אין זייער מערטירערקױזסטענץ, אַז זיי לוינט זיך אַוש אָפּצוקומען אַזוי צוליב די מאָרנע עטליכע יאָר לעבען אַף דער זינדיגער ערד.

דער אומגעהײַערער יידישער עלענט, צום ערשטען מאָל דורך מענדעלי־מוכר־ספֿרים אַזוי טיף באַגריפֿענער און אַזוי ריכטיג אָפּגעמאָלטער, איז נאָר די קאַנווע, אַף וועלכער דער גרויסער קינסטלער האָט מיט זײַן נאָלדענער נאָדעל אויסגעהאָפֿטען אַ גאַלעריי האָמעריש ברייטע, קרעפֿטיגע, פּלאַסטישע בילדער פֿון דער יידישער לעבענסאַרט אין רוסלאַנד אין דער מיט פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

איר נײַסט, איר טאָן, דער מינדסטער כאַראַקטעריסטישער צוג האָבען זיך דײַטליך און קלאָר אָפּגעשפּיגעלט אין אַ בראַטאָוויטשש שאַרפֿזעיעווריגען, ברייטאָפֿענעם, טיפֿשלינגענדיגען אויג, — און דאָס מאַכט דאָס „ווינטשפֿינגערל“ פֿאַר אַ מערקווירדיגען היסטאָרישען דאָקומענט, אַ זעלטענעם דענקמאָל פֿון אַ גאַנצער עפּאָכע אין דער געשיכטע פֿון אונזער מאַטעריעלישער, זיטליכער און אינטעלעקטועלישער גו׳טור.

בײַ אַ הײַנטיגען שרײַבער וואָלט פֿון דעמזעלבינען ספּור־המעשה געוויס אַרויס אַ מיטעלמעסיגע „סקיצע“. בײַ מענדעלין איז פֿון אים אויסגעוואַקסען אַ מאָנימענטאַליש ווערק.

אויסער די עטליכע „העלדען“ פֿון דער דערצײַלונג, זעט דער מחבר פֿון „ווינטשפֿינגערל“ די גאַנצע יידישע עדה מיט איר מאַסען־

[1] דערבין. —

לעבען. ער קען נישט פאַרבײַגײן לעבען אַ דערשײַנונג, וואָס לאָזט זיך מאָלען, ער זאָל תיכּף נישט אַראָפּכאַפּען איר קינסטלערישען פּאָרטרעט.

באַגעגענט זיך אין דער פרעמדער הערשעלע מיט בײַלען. בײַלע דאַרף אָנקומען אַף אַ שטעל. וואָס, דאַכט זיך, האָט דאָס מיט דער פּאַבולע פון דער דערצײלונג? מענדעלי קען זיך, אָבער, ניט באַרויִגען, ביז ער וועט אײַך ניט אָפּמשלען מיט אַלע פּישטשעווקעס די „זאָרג־באַנק", פון וועלכער ס'הענגט אָפּ דעם מײדעלס גורל, — און אָט ווערט געבוירען אַ קלאַסיש געמעל:

— „עס האָט זיך אַ ווײַז געטאָן אַיין אויסמישעניש פון אַלערלײ צורות און געשטאַלטען: פּאַנפּעריאַטע, נגידעפּראַטשטע און געשוואָלענע נעז, וואַרגעס, לעפּצען, באַפּריִשטשעטע, שווײסיג־גראַנצענדיגע שטערענס און שײנע חנוודיגע פּנימער, געזעלטערט, געקנײטשט פאַר דער צײַט; אַ קאַשע פון אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע און פון משונה־ווילדע מאָרדיצעס, מישטיינסגעזאָגט: שמאַטעס, לאַטעס, צוהאַקטע יופּעס, נאַקעטע לײַב, הויזן פון צופּאַלענע שיך אַרויסקוקענדיגע פינגער, אינאײנעם מיט אָפּגעבלאַקעוועטע, אָפּגעפּאָרענע, כלומרשט נאָך דער מאָדע גענײטע קלײדלעך, ווילדע קריגאַליגעס, מגושמדיגע שטיוועלעטלעך אַף הויכע, אויסגעקרימטע קנעפּעלעך; אַ דור־הפלגה פון פאַרמישטע לשונות און געשרײען: גראָבע, דינע, קוויטשעדיגע, הײזעריגע, באַרבלענדיגע און זינגענדיגע קולות. — דאָס איז די גאַנצע אָרעמינקע קאַמאַנדע פון מײדלעך, ווײַבלעך, יונגעטשקע מיט ברעקלעך קינדער און שלימזלדיגע, אָפּגעקומענע בעלי־הביתטעס, געטריבען פון דער ביטערער נויט אַהער אַף דעם יריד, צו פאַרהאַנדלען זיך פאַר קעכינס, דינסטען, ניאַנקעס און אַמען אין נגידישע, בעל־הביתישע הײַזער. עס איז אַ גערעדערײ, אַ געפּלוידערײ: געשרײען צינגלעך קלאַפּען, מײַלער אַף שרײַפּן מאַכען, ווערמלען זיך, שפּעטען, באַרעדען, אָפּגעקומענע בעלי־הביתטעס אָבען, קרעכצען, ווישען די נאָז און רײַבען די אויגען. מעקלערעס אין שאַלען, אין יופּעס אַף איין אַרבעל דרייען זיך אַרום ווי די מלאכי־חבלות. אײנע כאַפּט, חי פון דער שטײַג עופות, אַרויס אַ ווײַבעל, אַ מײדעל און פירט זי ערגיץ אַוועק. די צווייטע קומט צולויפען ביז ווי אַ רוח, עפּעס מיט עמיצען שטאַרק נישט צופרידען. און די דריטע טענהט, רעדט צוקער־זיס מיט בעלי־הביתטעס מאַכט דאַ אָפּ'ן איט, אָפּלויבענדיג אין טאָג אַרײַן איר סחורה: די איז אַ בריה אַף חלה־באַקען, די האָט גילדענע הענט צום שײַערען מעש, קופּערוואַרג גאָר אַנטיק און יענע איז איין קעכנע אין דער וועלט, אירע מאכלים טעג דער מלכות עסען, נאָך קײנמאָל — אַז קיין צער — אין דעם בויט נישט געזען באַ לײַטען, אַליין באַ זיך געווען אַ בעל־הביתטע — קאַטאָוועס נחומצע דעם בטלנס אַ ווײַב" [1].

[1]) ז״ו 81 — 82. —

ווי פאציערקעס אף א שנירעל צילעוועט מענדעלי-מוכר-ספרים אן איין זשאנרבילדעל נאכ'ן אנדערען, — און פאר אונז שיימט פארביי דאס אלגעמיין-מענטשליכע, דאס אינטים-מענטשליכע, וואס אין לעבען פון די קאבצאנסקער האלבעשאטענס [1].

---

„**א**ין די הייזער ברענט נישט קיין ליכט. טיר און טויער ווענען אפען. מען עסט וועטשערע פאר דער לבנה. נאך דער וועטשערע שיטען זיך, ווי די טורעשקעס, ארויס פון די הייזער: מאנסבילען אהן קאפאטעס, און די איינע טלית-קטנס, ווייבער צושפילעט, נאר אין די אונטערשטע קליידלעך, קינדער אויסגעטון האלב-נאקעט. שכנים א גאנצע קופה לייגען זיך אויס אינדרויסען, יונג און אלט, קינד און קייט, אלע אינאיינעם. גילדערנע פאסען פון דער לבנה שלאנגען זיך דורך ערגעץ צווישען דעכלעך, ציהען זיך איבער קעפ, איבער פיס און דער קופה מענטשען, קריכען ווייטער, ווייטער, טאנצענדיג אף ווענט, אף פלייטען און ווייזען-אן דא א קאץ, וואס דראפעט זיך, ניסטערט אף א דאך, דארט קי אויסגעשטרעקט אף דער גאס מעלה-גרהן, אונטערשטייסענדיג זיך פאמעליך מיט די ווידלען, און קייכען, וויפצען מיט א כריפ, עפעס ווי פונ'ם בויך"...

א זומערנאווענט אין קאבצאנסק.

אף שטארקע צוויי בלעטלעך מאלט מענדעלי מוכר-ספרים די אידיליע [2].

מיט א זילבערער קענטשאפט פון דער זאך, לייגט ער א שטריך צו א שטריך אין דעם כאראקטעריסטישען קליינשטעדטעלדיגען לאנדשאפט.

אין ליבשאפט טריפט זיין רויגער פענזעל.

א סאטיריש שלענגעלע גליטשט זיך דורך דא און דארט, א גנביש שמייכעלע גיט א בלאנק צווישען די שורות — אבער אים אלגעמיין איז קענטיג, אז דעם מחבר'ס אויג שטעלט זיך מיט געוויסער איניגסטער צופרידענקייט אפ אף דעם שטילען בילד.

אויסנייענדיג אין רחמנות'נגעפילען צו די קאבצאנסקער אומללים, געפינט ער א מינוט נחמהאפרו, ווען ער זעהט, אז אויך די פארמוטשעטע ברואים ווענען פעיג אמאל זיך ארורכצונעמען מיט דער לייטזעליקייט, וואס איז צוגאסען אין דער שיינקייט פון גאטס וועלט, אויסגלייכען זיך דעם איינגעהויקערטען רוקען, פריי אויפאטעמען מיט דער איינגעפאלענער ברוסט, זיך דערפילען גרינגג, אויסדערלייזט פון די לעבענסדאגות און פאר-

---

[1] דאס קאפיטעל איז געווען געדרוקט אין „מאמענט" נ"נ 45 און 49 פון 9 און 13 יאנואר נ. ס. 1911, און דערנאך איבערגעדרוקט אין ג' 86 פון 1913. — [2] ו"ו 45—46. —

ברענגען אַ טראָפּען צייט אין זיסען גאָרנישט-טון, איינגעטונקען אין בלוי־זען ביזלאָגישען געפּיל פון איינענער עקזיסטענץ, אין דער געבענטשטער אומיטעלבאַרישקייט פון נאַטירקינדער...

די צאַרטסטע פאַרבען נעמט מענדעלים פּענזעל, ווען ער באַ־שרייבט די יידישע קינדערוועלט, דאָס איינציגע כמעט-גאַנצע, כמעט־אומיטעלבאַרישע, כמעט-נאַטירליכע, כמעט-לעבענסלוסטיגע ווינקעלע אין דער וויסטער יידישער נאָס פון יענער צייט.

— „עס האָט מיר זיך געדאַכט: אַ באַהעלפער גייט און שלעפּט, ווי אַ קצב אָף די פּלייצעס, צוויי יונגע שעפּעלעך, צוויי יונגע פּיצלעך קינדערלעך, וואָס ער האָט ווי נעבעך אויפגעוועקט פון אַ זיסען, אַ געשמאַקען שלאָף, וואָס ער האָט צוּשטערט זייערע גוטע פריילעכע הלומות, צוטריבען פון זיי די מלאכים און איבערגעקערט זייער געלעכטער אין אַ געוויין. זיי וויינען, זיי שרייען איבער דער גאַנצער גאַס מיט אַ ביטער קול, וואַרפען און צאַפּלען זיך נעבעך שרעקליך שטאַרק מיט הענטלעך און פיסלעך, קוקען זיך אַלע רגע אום צו דער היים און פאַרגיסען נייע קוואַלען טרערען. עס גלוסט זיך זיי נישט באַנראַבען-צו-ווערען ערגיץ אין אַ לאָך, עס גלוסט זיך זיי נישט אַנצוקוקען דאָרט פינצטערע פּנימער, צוצוזעין די ווילדע אכזריות און פּיין, עס האָבען זיי ערשט זיך אויפגעעפּענט די אייגלעך, ערשט זיך צופירט די פיסלעך, זיי ווילען זיין פריי, ווילען לעבען, שפּרינגען און זיך שפּילען!“...

די עטליכע באַהאַרצטע שורות פון דער „קליאַטשע“ [1] זענען די אוועקטיר, אין איר מאָטיוו ווערט ברייט און טיף אַנטוויקעלט אין „ווינטשפינגערל“.

דאָס גאַנצע גרויסע, אויסערגעוויינליך-אַנטפּינדליכע האַרץ זיינס צו־שמעלצט מענדעלי מוכר-ספרים אין דער באַשרייבונג פון הער־שעלעס קינדעריאָרען.

צוויי נעפּילען גיסען זיך צונויף אין דעם בוך. דאָ קאָלט אַ געוואַל־טיגער, אויסערליך נאָר איינגעהאַלטענער פּאַרדראָס אַף די אומברחמנות־דיגע ווירקליכקייט, וואָס באַגייט זיך אַזוי אַכזריותדיג מיט די איידעלסטע יידישע בלומען, — אין דאָ צאַפּעלט די טיפסטע, די שענסטע, די הייסטע ליבע צו די ריינע נשמהלעך, אין וועלכע עס ליגט פאַרבאָרגען די צו־קונפט פון פאָלק.

„אַ טאָג איז דענסטמאָל געווען זייער אַ שיינער, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל

---

[1] ז' 55. —

אין אלול איינער פון די געשענקטע טעג. נאָך גאַנץ פרי האָט פון איר געצעלט דאָרט באַם עק הימעל אַרויסגעשיינט די זון מיט איר ליכטיג פנים און, צוטרייבענדיג ביסלעכווייז דעם פריש־קילבליכען טומאַן, זיך געשפּיגעלט אין די טוי־טראָפּענס, וואָס האָבען געפינקעלט, געשפּילט אין אַלערליי קאָלירען, ווי די בריליאַנטען. די שאָטענס רוקען זיך מיט דרך־ארץ טריט־בא־טריט אַלין צוריק, און װאָס ווייטער ווייטער, ווערט העלער און העלער. פריילִיך שווישטשען די וואָראָביטשיקעס, אונטערשפּרינגענדיג מיט די דינע פיסלעך אף די דעכער, אף די פּליי־טען, דאָס — צונויפלויפען זיי זיך פּעקלעכווייז אינאיינעם, עפּעס האַמפּערט מען זיך איבער אַ קערנדעל, עפּעס שמיסט דאָ קהל איבער וועגען זייערס אַ וויכטיגע זאַך, און דאָס צולויפען זיי זיך אין באַזונדערע פּאָרלעך, טאַנצענדיג איטליבער אַקעגען זיין באַשערטער, וויטען זיך, האַלזען זיך, ליובען זיך, צאַצלען, פלאַטערען מיט די פליגעלעך — און פּיק, פּיק אין קעפּעל... מעקענדיג לויפען ראַפּטאָם צוגען פון אַלע געסלעך אַהין, ווו עס פאַרקלייבט זיך די טשערעדע, פון דאָרט גייט זי אפ'ן גאַנצען טאָג אַוועק אין פעלד אריין; די פאַרשייטע ציגען, די שקצים, שפּרינגען רעשענדיג, פאַריסען די ווייערלעך, העט פאָרויס; די קי ריִרען זיך פאַמעליך מיט סטאַטיק, נישט געאיילט, צונייגענדיג מיט די קעפּלעך, ווי פיינע בעלי־הביתטעס, רוּיג, שטיל, נאָר עמליכע פאַרדרייען אַהינטען די קעפּ און לאָזען אַרויס ווי פון אַ צושפּאָלטענעם שופר אַ הייזעריגען, אַ קיעש־נאַרישען „מע“ גלאַט אזוי זיך אַ גרוס גאָר פריינטליך דעם גאַנצען שטעטעל יידען, אדער „אַ זייגעוונר“ די פאַרבליבענע קעלבלעך. שאָקלענדיג זיך פון איין זייט אף דער אַנדערער, פירט דער גאָנער זיין גאַנץ געזינדעל יונגע גענולעך, וואָס ערשט אריין אין די פעדערען, בלאָזט פון זיך אַ שרעק, גאַגאַטשעט, שטרעקט דעם האַלז, פאַרוואָרפענדיג מיט'ן קעפּעל, און לאָזט זיך מיט דער קאָמפּאַניע אראָפּ אַהין צום וואַסער. —

דער טאָג איז שיין, ליכטיג, ווי הערשעלען אפ'ן הארצען. הערשעלע שפּילט אַ ניגון, גייענדיג, דאָס קאָפּאָטקעלע; שטרעקט אויס די הענט באַפּען די לאַנגע שנייווייסע פּעדעס, וואָס טראָגען זיך אַרום אין דער לופט ווי דינע פּאָוויטינע, פאַרקיקט זיך אף די טויבען, וואָס שוועבען, דרייען זיך העט אין דער הייך מיט אויסגעשפּרייטע פליגעלעך, ריין־קלאָר גלאַנצענדיגע, גאָלד און זילבער — און ער האָט הנאה, ס'איז אים עפּעס גוט, גרינג אף דער נשמה. ער פילט, אז היינט איז ער גליקליך. די געשעפטען זיינע האָט ער, געלייבט איז גאָט, אפּגעאַרבעט נאָך בעסער ווי געוואונשען. ער איז פריי, ער פאָרט. ס'איז יום־טובדיג גוט אַרום און אַרום. „רבונו של עולם!“ טראַכט ער, — און די אויגען באַנעצען זיך אים פאַר פיל פרייד — „איך דאַנק דיר און לויב דיר פאַר דיינע חסדים. נו, מען באַדאַרף זיך נעמען צו דער דינסט: פרום זיין, לערנען, דאַוונען געשמאַק, — זיין אַ ייד“, — גייענדיג אזוי אויפגערוימט, שטאַרק צופרידען, מיט אַ האַרץ פול פרייד, קומט אים פּלוצלים צו די אויגען דאָס טייערע געשטאַלט, די ליבטיגע צורה פון ביילען“ [1].

---

1) "ווינטשפייערל" (י. ביבל" ח) ז"ז 13 — 14. —

וואסער מערקווירדיגע גאמע פון פארבען, טענער און שטימונגען! ווי אינניגסט-ליכטיג איז דער איבערגאנג פון גאלדרענעם הערבסט-טאג צו הערשעלעס יום-טובדיגער אויפרעגונג; ווי לופטיג, גראציעזע, שמעקעדיג און זויבער איז די רעגענבויגענשפיל פון די זיך נאכיאגענדיגע, זיך באגעגענענדיגע, זיך אויסמישענדיגע און זיך פארבייטענדיגע געפילען אין יינגעלס צארטער ברוסט...

א שטריך פון מחברס געניאלישער אינטויציע איז די אויפדעקונג פון דער יונגער נשמה אפ'ן פאן פון אזא פאעטיש-אויפגענומענעם פייזאזש.

נאר זיך אליין שטייגט מענדעלי איבער אין זעלטענעם בילד, צו וועלכען כ'האב אין אונזער ליטעראטור נאך נישט געפונען קיין גלייכען, הן אין אייגענארטיקייט פון געמעל, הן אין טיפקייט פון סענטימענט, — ב'מיין אין בילד פון הערשעלעס בענקעניש אין דער פרעמד:

„עס ציט זיך גאטס גרויסע וועלט אין דער לענג, אין דער ברייט אהן א סוף, אהן איין עק. אין דערמיט וועלט, אף דער קיילעכדיגער ערד, איז דא א קליין פלעקעלע, ווי א פליג האט איבערגעלאזט — דאס איז גלופסק. אין דעם דאזיגען פלעקעלע איז דא א פינטעלע — א קלייזעל. אין דעם פינטעלע איז דא נאך א ברעקעל פינטעלע — א באנק. און אין דעם ברעקעל פינטעלע ליגט נאך א פיצינקעלע פינטעלע — א מין באשעפעניש אזוינס, וואס הייסט הערשעלע. דאס פיצינקעלע באשעפעניש ליגט ווי א שפיץ פונקט אין דערמיט פונ'ם גרויסען ראד פאוויטינע. פון אים ציען זיך ארום און ארום אין אלע זייטען לאנגע דינע פעדעמלעך, פיל און פיל אנגעזעצט, הארט איינס בא'ם אנדערען, מיט עפעס לופטיגע מיני פינטעלעך, אזעלכע, גאר ניט פאר דעם אויג, וואס הייסען בא די פילאסופען „אטאמען" און גייען העט-העט ווייט צו די שטערען אין הימעל, צו אלסדינג אין דער וועלט ארום, און, עס פארשטייט זיך, קיין קאבצאנסק אויך. אף דיזאזיגע לופטיגע פעדעמלעך קלעטערט הערשעלעס נשמה, קאראבקעט זיך מיט אלע איינע געדאנקען אהין אהין — אהיים. זי קאראבקעט זיך ווי די עלעקטריציטעט אין דעם טעלעגראפישען דראט, אנריהרענדיג מיט אירע ברענענדיגע געפילען אין טייכעל פונ'ם לאנגען, לופטיגען פעדימעל, דאס טייכעל גיט פון זיך איבער דעם ברען דעם וויטערדיגען טייכעל, און אזוי פליט עס שרעקליך געשווינד ווייטער ווייטער, ביז עס טרעפט ווי א בליץ אין די הערצער פון זיינע עלטערען. זיי דערפילען באלד הערשעלעס ראיין און טוען א סלוקערין. „הערשעלע, זאגען זיי, דערמאנט אונז"... די עלטערען זיפצען, אכען, קרעכצען, פירשטעלענדיג זיך דאס עלענטע, פארוואגלטע קינד, צו וועלכען עס ציט זיי אזוי דאס הארץ — און זייער ביטער געמיט טעלעגראפירט זיך, דורך די אייגענע לופטיגע פעדעמלעך מאקי, אין הערשעלעס הארצען צוריק. עס טרעט זיך א הארץ מיט א הארץ — שושקעט זיך א נשמה מיט א נשמה, גיסען זיך איינע פאר דער אנדערער אויס און שמיסען זיך איבער שטיל אהן ווערטער... עס דאכט זיך הערשעלען, דער מאנ! לייט, נעבעך, שלאף, פארשמאכט, קוקט עפעס מיט א געבעט, ווי באם צושיידען זיך. עס שוועבט אים

פאַר די אויגען דעם טאַטענס בלייך פּנים, יענע גוטע זיסע מינע זיינע בשעת גע־ זעגענען זיך מיט אים — און הערשעלע איז צוקאָכט, ער וויינט שטילערהייט באַ־ פאַלט אף זיין האַרט געלעגער, איבערראַכטענדיג אַ גליק... אָט דאָס איז עס, וואָס געוויינטליך הייסט דאָס באָס עולם: „דאָס האַרץ זאָגט"... [1]

נאָר מענדעלי מיט זיין אויסטערליש לויטערען און שאַרפען חוש־ השמיעה האָט געקענט אַזוי גענוי אונטערהערען דעם שטילען געשפּרעך פון צושייערטע הערצער, וואָס גייען־אויס אין זענזוכט [2]...

---

אונזער פראַקטישע ווירקליכע וועלט איז פאַר אים געווען אַ שטיגעלע, וווּ די נויט האָט אים געהאַלטען געפאַנגען, אים נישט געלאָזט אויפ־ הייבען דעם קאָפּ, באַוויינענדיג אים אף איטליכען טריט זיין שלאַפקייט, זיין קליינ־ קייט: וווּ ער האָט פאַר זיך געזעהען נאָר צרות, צרות און צרות. ער האָט אָנגע־ הויבען צו באַשאַפען באַ זיך אינעווייניג אין האַרצען אַ וואונדערליכע וועלט, אַ גן־ עדן, ווּ עס בליט, עס שמעקט, עס פליסט מילך און האָניג; ווּ עס איז אָפען דער הימעל, קעפּלעך פון מלאכים קוקען אַרויס, ווינקען מיט גוטע פריינטליכע פּנימער און זינגען זיסע לידער פון האָפנונג, טרייסט, ליבשאַפט, רחמנות. עס ווערט עפּעס גרינג אפ'ן האַרצען, און עס לעבט זיך אַזוי גוט, אַזוי געשמאַק, מחיה [3]!"...

הערשעלע, פון וועלכען דאָס ווערט דערציילט, איז אין דעם פּרט, ווי אין פיל אַנדערע, אַ געטריי קינד פון דער קאַבצאַנסקער סביבה.

„קליין און גרויס, יונג און אַלט, – זאָגט מענדעלי, -- וואָס מאַכט עס אויס? אַלע זענען יידישע קינדער [4]...

„קליינע יינגלעך שפּילען זיך פּשוט דאָ אף אונזער עולם, זענען באָס שטיפען מיט דעם גאַנצען קאָפּ אַרייַנגעטון אין אַזעלכע זאַכען, וואָס שטייען פאַר די אויגען און מען טאַפּט זיי אַן מיט דער האַנט.. גרויסע קינדער או צושפּילען זיך, פליען זיי אין הימעל אַריין, פאַרקריכען, שטיפענדיג, העט, העט וויַיט, אַזוי אז כאַפּט אויש אַן אַ שווינדעל [5]...

„הערשעלע האָט זיך אָנגעהערט באַ זיי מופתים און וואונדער גאַר אָהן אַ צאָל — מעשיות פון יענער וועלט, וואָס אין גיהנום און אין גן־עדן טוט זיך, מיט

---

[1]) „ס.־ב." II, ז"ז 52 — 53. —

[2]) דאָס קאַפּיטעל איז געווען געדרוקט אין „מאָמענט" נ"נ 49 און 6 פון 13 און 20 יאַנואַר 1911 און איבערגעדרוקט אין דעראייגענער צייטונג אין נ"נ 86 און 87 פון 25 און 27 אַפּריל 1913. —

[3]) ז' 42. — [4]) ז' 33. — [5]) ז"ז 33 – 34. —

אַלטיצכם פיצעלע באַזונדער, גלייך ווי זיי וואָלטען ערשט פֿון דאָרט געקומען און אלסדינג געזעהן אליין מיט אייגענע אויגען; מעשיות פֿון גלגולים, פֿון מתים, וואָס גייען ארום אפֿ׳ן עולם התוהו; מעשיות פֿון די נגטע... און נישט־נגטע; מעשיות פֿון מלאכים און אליהו־הנביא, גאָטס־משולחים, וואָס וואַנדרעווען־אוים, ווי די וועלט האָט אַן עק, און זענען פֿול איטליכס ווינקעלע" [1]...

שטייענדיג מיט איין פֿוס צווישען די גרויסע, האָט הערשעלע „געפֿילט אמאָל, ווי עס פֿאַרשווינט אונטער אים די ערד, און ער בלייבט הענגען עפּעס ווי אינדערלופֿטען" [1]...

אַזאַ מין הענגען אינדערלופֿטען, אַזאַ מין פֿאַרטראָגענקייט אין חלומות האָט ניט געקענט איבעריג שמעקען מענדעלי מוכר־ספרים, דעם ערשטען מאָדערנעם ייד, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די פֿאַנטאַסטישע ראָמאַנטיק ברענגט נאָר צו אַפּאַטיע, צו פּאַסיווקייט, צו בטלנות.

ער האָט, אָבער, אויך געזעהן, אַז אָהן די מעשיות וואָלט דעם אָרימען קאַבצאַנסקער תושב דאָס לעבען גאָר געווען אומדערטרעגליך: זיי זענען דאָס איינציגע מקום־מנוחה פֿאַר דער צוויייטיגטער, פֿאַרמוטשעטער נשמה פֿון דער „פּאַניע, וואָס דרייט זיך אַרום דאָ, און איז פֿאַרט נישט דאָ אף דעם עולם; וואָס איז פֿלייש און בלוט, און זי דאַכט זיך פֿאַרט איטליכען אוים, עפּעס איז זי גאָרנישט" [2], — אָהן זיי וואָלט דער בידנער ייד, אינאמתען, געקענט ווי אַ שטיין גיין צום גרונט אין די טריבע כוואַליעס פֿון דער ביטערער ווירקליכקייט...

די שטעלען, וווּ אַבראַמאָוויטש שילדערט די קאַבצאַנסקער טרוימעריען, זענען, דאַריבער, אָנגעשריבען אין אַ איינגענאַרטיג־מילדען טאָן: סאַטירע — אַרומגעפֿלאָכטען מיט מיטגעפֿיל, ערנסט — דורכגעדרונגען מיט מייסטערהאַפֿט־פֿאַרבאַהאַלטענער צווייזייטיקייט...

אָפּשפּעטענדיג הינטענאַרומער פֿון דער פֿאַנטאַסטישער קלויזראָמאַנטיק, געפֿינט זיך, אָבער, מענדעלי מוכר־ספרים אינגאַנצען אין דער מאַכט פֿון דער ריין־רעליגיעזישער ראָמאַנטיק, — און אין דעם באַשטייט פֿילייכט דער טיפֿסטער און שאַרפֿסטער חילוק צווישען אים און די טיפּישע משכילים.

די לעצטע, אַלס אויבערפֿלעכליכע ראַציאָנאַליסטען, האָבען מיט

---

[1]) ו׳ 34. — [2]) „די קליאַטשע" 15. —

דער האנט אויעקגעמאכט די גאנצע אלטע יידישע לעבענסארט. אין פיבערדיגען געיעג נאך גיכער בילדונג האבען זיי אנגעווירען דעם חוש צום גייסט פון אונזער געשיכטע, ווי אויך צום אינטימען לעבען פון דער פאלקסמאסע. מער אלס פינסטערקייט, נארישקייט, פארגרעבטקייט און צביעות האבען זיי אין יידישער פרומקייט נישט געזעהען. זייער באציהונג צו רעליגיעזישע פראגען האט אפטמאל געהאט אין זיך א סך ציניזם און טפשות.

דער מחבר פון „ווינטשפינגערל“ האט דער ערשטער דערפילט, באגריפען און אפגעשאצט דעם אמתען כאראקטער, די אמתע באטייטונג פון דער יידישער רעליגיעזישקייט. — און אין דעם דערקענט מען ערשט זיין גאנץ גאונות.

די משכילים האבען באגאטעליזירט, פארשטעלערט די פראגע. זיי זענען געווען פארנומען בלויז מיט איר שאלעכץ. זיי האבען זיך געפלפולט וועגען דראבנע פרטים. בא פיל פון זיי איז, למשל, דאס פראבלעם פון שבתרו אראפגעגאנגען אף די שאלה וועגען אנצינדען א שוועבעלע אדער רייבערען א פאפיראס אין דעם הייליגען טאג.

מענדעלי מוכר־ספרים האט א נעם געטון דעם תוך פון דער זאך. דער מענטש פון באפליגעלטען גערעאנק און טיפען בליק איז צוגעגאנגען צו דער יידישער רעליגיעזישקייט, ווי צו א רעטעניש פון דער פאלקספסיכאלאגיע, — און דאס האט גורם געווען דעם נס: דער געניאלישער קינסטלער האט אנטדעקט דאס גרויסע אין נישטיגען, דאס אויסערגעוויינליכע אין קליינליך־וואכעדיגען, קרישטאלענע היכלס אין קאבצאנסקער און גלופסקער איינגעהויקערטע כאלופקעלעך, ליכטיגע סימפאניעס — אין ווילדען טומעל פון א הינטיש לעבען...

נישט בלויז טויטע צוגעוויינטקייט, ווילדע מנהגים, פינסטערע איינרעדענישען זעהט דער פאטער פון אונזער נאציאנאלישער ליטעראטור, אין דער יידישער רעליגיעזישקייט, נאר אויך א אומגעהייערע גייסטיגע קראפט: א בשופדיגער קוואל שלאגט אין טיפסטען, שענסטען, ריינסטען, ליכטיגסטען ווינקעלע, אין קודש־קדשים פון דער פאלקסנשמה; א לויטערע, א דורכזיכטיגע בשמימפליסיקייט ווייקט־ארורך די פאלקספסיכיק אין אטליכם פינטעלע אירם, דאס גאנצע פאלקסלעבען — יעדעס קעמערל זיינס, — און איז דער לעבענסעליקסיר פון אינזער פאלקסא״גאנזס, זיין ווידערשטאנדסקראפט, דער סוד פון זיין אייביקייט.

מענדעלי מוכר־ספרים האט ניט נאר געזעהען, געשפירט און

משיג געווען די יידישע רעליגיעזישע ראמאנטיק, — ער האט זיך אליין דורכגענומען מיט איר, — און שטעלט מיט זיך פאר דעם זעלטענעם פאל פון א רעאליסט, וואס זאל אין דערזועלביגער צייט זיין א ראמאנטיקער.

די וויילסטע, די הארמאנישסטע, די דערהויבענסטע, די רירענדיגסטע בלעטלעך אין „ווינטשפינגערל" זענען דייענינגע, ווי דער שריפטשטעלער מיט'ן גרויסען שכל און מיט'ן גרויסען הארץ מאלט דעם יידישען תפלות, דעם שבת אין א געמיינער יידישער שטוב, די שבתצונאכטיגע זמירות, דאס קוויקען זיך מיט'ן „זוהר", — די צאפעלדיגע יידישע בענקשאפט צום השם-יתברך, די יידישע דבקות, די יידישע התלהבות, דעם יידישען ברען, די הייליגע יידישע טרערען...

ווען אלץ אויסשרייבען, וואלט אויסגעקומען איבערצוחזרן א דריטחלק פון דעם אומפארגלייכליך-טיפען ווערק. מיר וועלען ברענגען אלס ביישפיל נאר עטליכע שורות, וואס באדארפען אריינגיין אין יעדע יידישע כרעסטאמאטיע, מיט'ן טיטעל „סליחות":

„איגדרויסען איז שטאקפינסטער, נאכט, אומעטום שא — די גאנצע וועלט שלאפט. נאר יידען כאפען זיך אראפ פון די געלעגערס, געניצען, קנאקען אויס די ביינער, דער שלאף ליגט זיי אף דער ברוסט, עס טריקענט זיי אין האלז און זיי שטארקען זיך, לויפען פארשמאכט אין שול אריין, גיסען דארט אויס זייער הארץ פאר דעם לעבעדיגען גאט אין הימעל און קלאגען זיך, נעבעך, פאר אים אף א צולעכצט, ברומענדיג-קרעכצענדיג קול, ווי א פארוואגעלט, אומגליקליך, דערשלאגען קינד קלאגט זיך פאר דעם פאטער אף די צרות, וועלכע ער איז אויסגעשטאנען, ארומבלאנקענדיג זיך אין דער וועלט. דאס צולעכצטע, כריפענדיג-פארשמאכטע קול, אט דאס ערשט רירט באם הארצען, דרינגען ליגט ערשט דער כרי, דאס גאנצע געפיל פון רחמנות... או דאס שלאפע קינד, נעבעך, כאפט זיך אויף פון היין באנאכט, שטרעקט אויס מיט א געבעט די הענטלעך צום פאטער, קרעכצט, יאמערט פאר ווייטיג אף א טרוקען הייזעריגליך קול, פארגייענדיג זיך אין א הוסטעלע — כאפט עס אן בא דער לעבער, נעמט עס ארויס די נשמה און שטעכט אין דער זיבעטער ריפ"... [1])

איינער פון די שענסטע פון די שטיאלענדיגסטע שאפונגען אבראמאוויטשעס איז דער טיפ פון מקבל ר' אברהם, — דער פאעט, וועלכען עס „ציט עפעס צו הגדתות", וועלכער איז פארליבט אין „די וואונדער-ליכע, שיינע זאכען אין דעם זוהר" [2]).

[1]) „פ.-ב." II ז"ז 30 — 31 — [2]) דארטען ז' 40. —

„דער זוהר דאָס איז אַ סיני, אַ פֿײַערשפּײַענדיגער באַרג פֿון הײליגער, רײנער ליבשאַפֿט; דאָרט װענען זיך משדך די ערד מיט דעם הימעל, מלאכים, שרפים מישען זיך אױס אינאײנעם מיט מענטשען און גײבען, קושענדיג זיך, אײנער דעם אַנדערען איבער געטליכע געפֿילען; דאָס איז אַ פֿײַערדיגער זײל פֿון ליבע, װאָס האָט צום ערשטען מאָל אַ שײַן געגעבען פֿאַר ייִדישע קינדער אין די מיטעלע יאָרהונדערטען, װען אַרום זײ איז געװען שטאָקפֿינסטער, װען פֿײנטשאַפֿט, װילדע אכזריות, פֿאַרבלענדקײט האָבען זײ אָנגעטון געברענטע, געבראַטענע לײד און פֿאַרגיפֿטעט זײ, נעבעך, דאָס לעבען. — דאָס איז דער ערשטער ייִדישער ראָמאַן, דער „שיר השירים", דער ראָמאַן פֿון אַלע ראָמאַנען"... [1])

צענדליגער מיט יאָרען האָבען געמוזט אַריבער, די ייִדישע אינטעליגענץ זאָל אָנהײבען צו באַגרײַפֿען דעם געדאַנק, װאָס איז אױסגעדריקט אין די דאָזיגע װערטער פֿון מענדעלי מוכר־ספרים.—

[1]) דאָרטען ז' 40. —

# מענדעלי מוכר־ספרים יידיש.

„זעלבסט אין דער שפּראַכע און אויסדריקע פֿון דעם יידיש־לשון ווײס איך ניט, ווי זיך צו ערקלערן די אַרט און ווייזע, ווי ער געברויכט איהם. איך גלייב ניט, ער זאָל אַזוי פּעדאַנטיש זיין און האַלטען דעם לשון אַלס איינע געשטעלטע שפּראַכע [1], וואָס יעדעס וואָרט האָט איהר שורש און מקור אין דער שפּראַכע זעלבסט [1], און ער איז פֿיר די שרשים און מקורים אַזויפֿיל איינגענומען, אַז אַלץ, וואָס ער געפֿינט ניט אין זיי, איז ניט הייליג און ניט גוט צו געברויכען, און שרייבט דאַריבער ריין יידיש [1], ווי מאַנכער העברייער אַ פּעדאַנט שרייבט און וויל, אַז אַנדערע זאָלען אויך שרייבען נאָר ריין ביבליש, אָדער ער איז לכתחילה דעם זשאַרגאָן אַ פֿיינט און וויל איהם אונטערגראָבען, בכדי אַרויסצושטעלען זיין פּראַסטקייט און פֿאַרדאָרבענקייט, ער זאָל זיך שעמען פֿאַר לייטען".

י. דינעזאָנס ווערטער וועגען ש. י. אַבראַמאָוויטשען אין „הויזפריינד" [2]), אין אַרטיקעל: „די יידישע שפּראַכע און אירע שרייבער".

שרייבענדיג די שורות, איז דער באַקאַנטער שריפֿטשטעלער — אַ הייסער פֿריינד פֿון דער „אָפּגעשטויסענער" שפּראַך. אָבער זי איז אין זיינע אויגען נישט מער ווי אַ „זשאַרגאָן", אַ צייטווייליגע זאַך, וואָס מוז סוף־כל־סוף אונטערגיין, נאָר לעת עתה טאָר מען זי נישט אָוועקמאַכען מיט דער האַנט, ווייל זי איז אַ אויסגעצייכענט מיטעל אויף אויסצובילדען די פֿינסטערע יידישע פֿאָלקסמאַסען.

[1]) שפּאַציערט — דורך מיר. — [2]) באַנד I (וואַרשע 1888). —

א בריק איז דאָס פֿון יידיש אומוויסענקייט צו אייראָפּעיִשער בילדונג.
אין דער מינוט, אָבער, ווי דער „געמיינער סאָרט יידישער עולם" וועט שוין משיג זיין, ווי נייטיג עס איז זיך צו לערנען, וועט די יידישע שפּראַך ווערען איבעריג, און מ׳וועט זי קענען אוועקוואַרפֿען ווי עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אָפּגעטין זיינס און קען מער קיין ניצען ניט ברענגען;

פֿון דעם שטאַנדפּונקט–האַלט דינעזאָן מער פֿון „יידיש־דייטש", ווי פֿון לשון־הקודש. העברעיש, אַלס קולטורשפּראַך, „האָט זיינע אייגענע אָפּער פֿאַרלאַנגט [1]), און פֿיל זענען צו אים פֿאַרקויפֿט געוואָרען זאָ צו זאָגען: לעבדים עברים" [2]), — און זענען סוף־כל־סוף „בּאַ זייער העברעיש געבליבען" [1]).–„יידיש־דייטש, דאַגעגען, האָט זאָלכע אָפּער ניט פֿאַרלאַנגט, פֿיר זיך זעלבסט האָט דער לשון ניט גערעדט און ניט געהאַט וואָס צו רעדען [1]), דאַריבער איז אַלץ, וואָס מען האָט אין אים געשריבען, נאָר געוועזען אָף צו וועקען, צו ערקלערען און אָנצוווייזען א וועג, און די, וואָס האָבען געפֿאָלגט דאָס, וואָס זיי האָבען געלעזען, זענען צו אַ בּעסערן תכלית [1]) געקומען אַלס יענע העברייער. זיי זענען נישט געבליבען בּאַם יידיש־דייטש, נאָר זענען אַריבער „פֿריי צו זיין אין דער וועלט, מיט דעם לשון־המדינה" [1])...

האָבענדיג אַזאַ מיינונג וועגען דער יידישער שפּראַך, איז דינעזאָן געשטאַנען פֿאַר מענדעלי מוכר־ספֿרים, ווי פֿאַר אַ רעטעניש.

ער האָט זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלען העכערע קונסט אָף „זשאַרגאָן".

— „איך גלייב ניט, אויב ה׳ אַבּראַמאָוויטש איז געוועזען אַזוי פֿאַרנאַרט צו גלייבען, דאַן ווען ער האָט די ספֿרים געשריבען, אַז ער שרייבט עס פֿאַר דעם המון און דער המון וועט זיי פֿאַרשטיין. בּלייבּט מיר אַלזאָ די פֿראַגע: פֿיר וועמען האָט ער די „קליאַטשע" און „יידעל" געשריבען אין זשאַרגאָן? איבערהויפּט בּאַמערק איך לפי ראות עיני ורגש לבבי, אַז ה׳ אַבּראַמאָוויטש האָט איינגעהערט בּאַלד נאָך זיין ערשטען טריומף פֿון דער „טאַקסע", ערנסט צו זיין אין זיין שרייבען יידיש־דייטש און ערנסט צו דענקען פֿון דעם לשון זעלבסט. אין אַלע זיינע לעצטע ווערקע איז דער הומאָר און סאַטירע צו פֿיל און צו דיק איינגעוויקעלט אין איינפֿאַלע און אָפּט ניט נייטיגע און ניט גאָר וויציגע ליצנות, וועלכע עס פֿאַר-

---

[1]) שפּאַצירט דורך מיר. — [2]) דאָרט. —

שטעלען דעם טראפען מוסר און דעת[1]. און ווען איך לעזע זיינע לעצטע יידיש-דייטשע ווערקע, ווי למשל, „מסעות בנימין השלישי", בעקאם איך א געפיל, ווי דער מחבר שפילט זיך און מאלט קונסטגעברעכע[1], און שפעט, און לאכט, און טאנצט אף א שטריק פיר זיינע חברים און מחברים זעלבסט, און באקימערט זיך ווייניג, אום דעם פאלק וואס נוצען צו ברענגען"[2].

אויב דער עיקר איז „דער טראפען מוסר און דעת", דארף דינעזאן, נאטירליך, גאר עולם ומלואו האלטען פון אייזיק מאיר דיק, וועלכער איז „גרויס אין ערנסט און זיטענלערע"[2].

האבענדיג פאר זיך די „טאקסע", „די קליאטשע" און „מסעות בנימין השלישי", דערמאנט זיך דער שרייבער מיט א זיפץ אן יענער צייט, „וואס איז ווירקליך געוועזען איינע בליהענדע און געדייהענדע צייט פיר אונזער יידיש-לשון, דאן האבען מענטשען געבילדעטע, פון העכערען שטאנד זיך בעגעבען מיט דעם"[2]...

אי, דער יידיש-לשון" איז בא א סך פון די פריערדיגע יידישע שריפטשטעלער נעבעך גאר קיין „שפראכע" נישט געווען, נאר טאקי עפעס א מין פארזעעניש, אויסמישעכץ פון פארשידענע יסודות, דייטשמערישע, יידישע און העברעישע, — דעם מחבר פון ציטירטען ארטיקעל האט עס קנאפ געארט: וויכטיג איז אין דער נים דער יאדער, נישט די שאלעכץ, — אין ליטעראטור האט דינעזאן געשעצט דעם תוך, נישט די פארם, און ספעציעל האט זיך אים אויסגעוויזען קאמיש צו זוכען הארמאניע אין אזא „אך-קוצך"-לשון, אין אזא „אהן-הענט-אהן-פיס-אהן-לייב-אהן-לעבען"-שפראך, ווי דער „זשארגאן", וואס האט קיין שום אויסזיכטען נישט אף עפעס א צוקונפט און וועט אויפהערען צו עקזיסטירען אין דעם מאמענט, ווען ס'וועט אין דער יידישער גאס שוין נישט זיין קיין ווינקעלע, וואהין די ליכטיגע זון פון השכלה זאל נישט האבען אריינגעווארפען א בינטעל ווארימע שטראלען...

ש. י. אבראמאוויטש איז געקומען צום זשארגאן דורך דעמזעלבינען געראנקענלויף, ווי דינעזאן.

אלס משכיל, — אלס מאראליסט און סאטיריקער, — אלס לערער, האט ער געשטרעבט דערצו, זיין פען זאל וואס מער נוצען ברענגען דעם ארימען יידישען פאלק.

---

[1]) שפאגירט דורך מיר. — [2]) דארט. —

ווען ער האָט געשריבען העברעיִש, האָט איִם ניִט געלאָזט רוהען דער געדאַנק: „ווער ראַרף דאָס האָבען? ווען קומט עפּעס אַרויס דערפֿון?“

אַף איִבערצוגייִן צום „זשאַרגאָן“, האָט מען, אָבער, באַראַרפֿט האָבען גרויסען מוט:

— „איִן מיין צייט האָט דער זשאַרגאָן פֿאַרגעשטעלט אַ פֿאַרוויִסט פעלר. פֿאַרשיִדענע טיִנטלערס האָבען איִן דער שפּראַך געשריִבען פּוסטע נאַריִשע זאַכען. געלייִנט האָבען ווייבער און פּראָסטאַקעס. דאָס פֿאָלק האָט זיִך געשעמט צו לייִנען די „ווייבעריִשע ביִכלעך“. אונזערע שריִפטשטעלער, די קינסטלער פֿון וואָרט, האָבען זיִך פֿאַרהאַלטען צום זשאַרגאָן מיִט גרויס פֿאַראַכטונג, און ווען איינער האָט זיִך דערלויבט אַ שפּאַס צו טון איִן דעם מבוזהדיִגען לשון, האָט ער פֿאַרשטעלט זיין נאָמען, מ'זאָל איִם ניִשט דערקענען און מ'זאָל ניִשט חיוק מאַכען“...

אַזוי דערציילט מענדעלי איִן זיין אויטאָביאָגראַפּיִע.

די שטאַרקע ליִבע צום פֿאָלק האָט, אָבער, גובר געווען דעם געזעלשאַפֿטליִכען פֿאָראורטייל, און אַבראַמאָוויִטש האָט גיִך געפּועלט בּאַ זיִך צו ווערען אַ משרת בּאַ דער „דיִנסטמויד“.

נאָכדעם ווי מענדעלי האָט אָנגעהויבען שרייבען יִידיִש, האָט, אָבער, די שפּראַך פֿאַר איִם שוין ניִשט געקענט בּלייבען מער קיין „דיִנסטמויד“. איִן די הענט פֿון דעם כשופֿמאַכער איִז דאָס כּלומרשט חיִכאַוועלואַדיִג פֿאַרזעיִעניִש כמעט ווי איִבער נאַכט פֿאַרוואַנדעלט געוואָרען איִן אַ בּיִלדשיינע בת־מלכּה.

דער קיִנסטלער איִן אַבּראַמאָוויִטשען האָט איִם ניִשט דערלויבט אָפּציִטיילען איִן שרייבען דעם איִנהאַלט פֿון דער פֿאָרם.

דער מאַטעריִאַל, פֿון וועלכען אַ קיִנסטלער שאַפֿט זיינע ווערק, ווערט נאָר דאַן פֿאַרוואַנדעלט איִן קונסט, ווען עס באַקומט די נייטיִגע, די פּאַסענדיִגע פֿאָרם.

דאָס העכער שטייט אַ קונסטווערק, וואָס מער, וואָס שטאַרקער, וואָס טיִפֿער די פֿאָרם איִן איִם איִז צוגעפּאַסט צום איִנהאַלט, — און פֿאַרקערט.

מענדעלי האָט דאָס געפֿיִלט מיִט'ן איינגעבוירענעם, געזונטען אַרטיִסטיִשען איִנסטיִנקט, — און האָט די גאַנצע רייכקייט פֿון זיין אויסערגעוויינטליִכען גייסט, די גאַנצע קראַפֿט פֿון זיין מערקווירדיִגען טאַלענט איִבערגעטראָגען איִן די מלבּושים פֿון זיינע גראַנדיִעזיִשע ווערק, — איִן די יִידיִשע שפּראַך.

זיינע חברים, די איבריגע מחברים, האבען געשטוינט. זיי האבען אין דעם געזעיען נישט מער ווי פיכטע „קינסטגעברעכע“: דער שרייבער מאכט זיך פשוט נאריש, „טאנצט אף א שטריק“.

מיר פארשטייען אבער שוין, אז אין דער ארטיסטישער באציהונג צו דער יידישער שפראך ליגט מענדעלי מוכר ספרימס גרויסקייט.

ווי אנ׳אמתער גייסטריז, ווי אנ׳עפאכעמאכער האט דער פאטער פון אונזער מאדערנער נאציאנאלישער ליטעראטור אף דעמדאזיגען געביט, ווי אף פיל אנדערע, איבערגעשטיגען זיין דור.

אבראמאוויטש איז געבענטשט געווארען פון גאט מיט דעם זעלטענעם גאב, וואס רופט זיך: חוש פון דער שפראך.

„סטיל — דאס איז דער מענטש“, האט זיך אימען אויסגעדרוקט. אין דעם זין פארמאגט איטליכער באגאבטער און אנטוויקעלטער שריפט־שטעלער, מער־ווייניגער, זיין סטיל, ד. ה. זיין ארט שרייבען, זיין לשון, אין וועלכען ס׳שפיגעלט זיך אפ זיין אינדיווידואליטעט.

מענדעלי מוכר־ספרים איז סטיליסט אין ברייטערען זין פון ווארט, — דהיינו, אויך אין דער אביעקטיווער זייט פון זיין שפראך.

אויסער דעם, וואס ער שטעמפעלט־אפ אף דער לעצטער זיין איך, זאמעלט ער דארט צונויף די טיפסטע אייגענשאפטען פון „יידישלשון“ גופא, אלס אזעלכען.

דורכלייענדיג „דאס קליינע מענטשעלע“, „די קליאטשע“, „דאס ווינטשפינגערל“, „מסעות בנימין השלישי“ וכו׳, האט איר פאר זיך: די נשמה פון די פערזאנען, וואס ווערען דארט ארויס־געפירט; די נשמה פון דער פאלקסמאסע, פון וועלכער זיי האבען זיך נאך נישט אינגאנצען אפגעטיילט, אלס אינדיווידועלישע טיפען; די נשמה פון דעם מחבר, וואס האט דאס אלץ אין זיך איינגעזאפט און פון זיך צוריק אויסגעשטראלט, און די נשמה פון דער שפראך, אין וועלכער דאס בוך איז פארפאסט.

טיף האט הלל צייטלין אנגעמערקט וועגען אבראמאוויטשעס העברעישען סטיל:

„אין מענדעלים לשון־קודש איז אויסגעמישט תנ"ך, הלכה, אגדה, פיוט, דרוש, מוסר, חקירה, קבלה, שפעטערדיגע שירה און מליצה. זיין סטיל איז אנ׳אויסדרוק פונ׳ם גאנצען יידישען טראדיציאנעלען לעבען. ער איז דער אויסדרוק פון אונזער גאנצער קולטור.

„אמאל דארף מען אויסדריקען א קורצען, שארפען געדאנק — ראן קומט

דער הלכה־סטיל; אַמאָל דאַרף מען אויסדריִקען אַ פאַרוויִקעלטען געדאַנק — דאַן קומט דער סטיִל פון גמרא מיִט מפרשים; אַמאָל דאַרף מען אויסדריִקען אַ טיִפען אַלוועלטליִכען געדאַנק — דאַן קומט דער חקירה־סטיִל; אַמאָל דאַרף מען אויסדריִקען דעם אייִביִגען טרויער און דאָס אייִביִגע לייַדען פון כלל־ישראל — דאַן קומט דער אגדה־סטיִל אָדער דער פּיוט־סטיִל; אַמאָל דאַרף מען שטאַרקע שטראָפרייִד זאָגען — דאַן קומט דער נבואה־סטיִל אָדער דער סטיִל פון ספרי־יראים, אַלץ לויט'ן עניִן נאָך; אַמאָל דאַרף מען, אָבער, אַ באַזונדער טיִף גע־דאַנקענביִלד אויסדריִקען — דאַן קומט די קבלה צו היִלף; אַמאָל טוו מען, אָבער, די אייִביִגלייַדענדיִגע טרייִסטען, גרעטען, גוטע, זיִסע רייִד רעדען — דאַן קומט וויִ־דער די אגדה, און ווידער די נבואה פון ישועות ונחמות"...

און ניִשט מעכאַניִש אויסגעמיִשט, נאָר כעמיִש צונויפגע־שמאָלצען זענען די אַלע עלעמענטען.

נאָך מערקווירדיִגער איִז מענדעליִס ייִדיִשער נוסח.

דאָ האָט ער געמוזט זעלבסטשטענדיִג זיך דורכשלאָגען אַ וועג.

פאַר איִם איִז געווען רויער מאַטעריִאַל, איִן משך פון יאָרהונדער־טער אָנגעהויפענטער.

זייַן אויפגאָב איִז געווען: פון דעם פאַרשיִדענאַרטיִגסטען מאַטעריִאַל אייַן אָרגאַניִש גאַנצקייַט באַשאַפען.

שווערע אַרבעט האָט איִם געמוזט קאָסטען זייַן ייִדיִש, דאָס פלאַ־סטיִשע, האַרמאָניִשע, ליִכטיִגע, פולבלוטיִגע ייִדיש פון „פיִשקע דעם קרו־מען", פון „וויִנטשפיִנגערל".

אייַנקוקענדיִג זיִך אויפמערקזאַם אין מענדעליִס לעקסיִשען אוצר, זעען מיִר, אַז אונזער ערשטער סטיִליִסט איִז גריִנטליִך באַקאַנט מיִט דער גרויסער אַלטער ליִטעראַטור פון טייַטשחומשיִם, ייִדיִשע מוסרספרים און ווייַבעריִשע תחינות; אַזוי גענוי, וויִ ער קען די ייִדיִשע לעבענסאַרט מיִט אַלע אירע פיִטשטשעווקעס, ביִז די נעמען פון די ייִדיִשע מאַכליִם און פון ייִדיִשען קעכגעשיִר, — אַזוי אויסגעבונדען איִז ער אויך איִן לשון פון די ייִדיִשע פאָלקסמאַסען, — אין ליִטע, וואו ער איִז געבוירען און אויסגעוואַק־סען, און איִן וואָליִן, וואו ער האָט אַ באַטייַטענדיִג שטיִק פון זייַן לעבען פאַרבראַכט; פול איִז זייַן נשמה אויך מיִט אָפקלאַנגען פון דער ייִדיִשער פאָלקספּאָעזיִע, פון איִרע ליִדעלעך און טעשהלעך, — און שפּריִכווערטער מיִט רעדענסאַרטען געפיִנט איר אין זייַן שפּראַך מער, וויִ באַ דער באַ־רעדעוודיִגסטער קלייִנשטעטלדיִגער ייִדענע מיִט אַ מייַלעכל אף שרויפען און אַ ציִנגעל וויִ אַ גאַלמעסער.

אייַן גייַסט האָט זיִך פאַר אַבראַמאָוויִטשס טיִפגרייַפענדיִג

אויג אין דיראָזיגע פֿאַרשידענאַרטיגע עלעמענטען פֿון דער יידישער שפּראַך אַנטפּלעקט.

ער האָט איר פֿאַרבאָרגענעם ריטם אונטערגעהערט, די געזעצען פֿון איר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג אָנגעטאַפּט און זיך קלאָר געמאַכט.

יידיש איז אין זיינע אויגען, ווירקליך, געווען „איינע געשטעלטע שפּראַכע"; ער האָט, ווירקליך, געהאַלטען, אַז „יעדעס יידיש וואָרט האָט זיין שורש און מקור אין דער שפּראַכע זעלבסט"; ער איז, ווירקליך, געווען „פֿיר די שרשים און מקורים אויפֿיל איינגענומען, אַז אַלץ, וואָס ער געפֿינט ניט אין זיי, איז ניט היילינג, און ניט גוט צו געברויכען"; ער האָט, ווירקליך, געשריבען „ריין־יידיש"... דער ערשטער, קען מען זאָגען [1].

מיט 22 יאָר צוריק איז מען נישט אימשטאַנד געווען משיג צו זיין, אַז דאָס איז אַ געניאַלישע רעפֿאָרם, אַז דאָס איז די געבורט פֿון ליטעראַרישען יידיש, — מ'האָט איינגעפֿונען אין דעם אַלעם „אַזעלכע פֿעלער, וואָס זענען כעבות העגלה בײַ דעם, וואָס קוקט בעין יפה אויף דעם לשון און אויף די ספֿרים, וואָס כופֿרים מהוגנים שרייבען"...

מענדעלי האָט אויסגעמעקט פֿון זיין יידיש די דייטשישע ווערטער, מיט וועלכע א. מ. דיק האָט פֿאַרגאָסען אונזער שפּראַך, אָבער אָהן וועלכע זי קען זיך אינגאַנצען באַגיין; די דייטשמערישע גראַמאַטיקאַלישע פֿאָרמען און דעם דייטשישען בוי פֿון זאַץ, וואָס זענען ווידריג דעם גייסט פֿון מאַמעלשון, פֿרעמד זיין היסטאָרישער טראַדיציע. ער האָט אויך שטאַרק באַגרענעצט דעם העברעישען און סלאַווישען עלעמענט אין דער יידישער שפּראַך.

מענדעלי האָט זיך אָפּגעשטעלט בלויז בײַ די ווערטער און אויסדריקען פֿון דייטשישער, לשון־קודשדיגער און רוסישער, פּוילישער, אוקראַינער אָפּשטאַמונג, אויף וועלכע ס'ליגט שוין פֿון דורות אַ בולטע יידישע חתימה; וועלכע זענען נאָך פֿאַר יאָרהונדערטער אַריין אין די יידישע גאַס, איבערגעאַרבעט, איבערגעאַנדערשט געוואָרען, איבערגעקאָכט, פֿאַרדייט, אַסימילירט פֿון דער יידישער פּסיכאָלאָגיע, לויט באַזונדערע אינעווייניגסטע געזעצען.

[1]) י. אַקסענפֿעלד'ס יידיש איז ריין, אָבער פּרימיטיוו; ס'פֿעלט אים דאָס קינסטלערישע, וואָס מאַכט דעם סטיל. — ש. עטינגער האָט זיינע ווערק בײַ לעבען נישט געדרוקט. —

איר וועט בא אים נישט באגעגענען איינעם פון די העברעישע אויסדריקען, מיט וועלכע, למשל, דאס איבערגעטראגענע דינעזאנס ארטיקעל איז, גאר אהן א שום נייטיקייט, נאר ווי בכיון, אנגעשטאפט.

אין „ווינטשפינגערל“ איז פאראן ביז 180 ווערטער פון חלאווישע שרשים, — „אזש, אפגעבליאקעוועט, אוגערקע, אונטערוואָרטשען, אינדיק, בורטשעט, בורנעס, באָרשטש, בלאטע, געמבע, גאניק, געפענטעט, געמאנטעט, דרעמלען“, און א. וו., א. א. וו. — כמעט איינס אין איינס געהערען זיי צו די טיף־פאריידישטע, אלגעמיין־געברויכליכע, אזוי כאראקטעריסטישע פאר׳ן ליטווישען און וואָלינער דיאלעקט, ענג־פארקניפטע מיט דער אפשטאמבענדיגער עפאכע אין אונזער לעבענסארט, וואס איז אזוי אלזייטיג אפגעמאלט אין די ווערק פון אונזער גרויסען נאציאנאלישען קינסטלער.

ריכטיג אפגעווויגען, פונקטליך אויסגעמאסטען זענען די גרונטיסודות אין זיין שפראך; ער מישט זיי צונויף אין א שטרענג־אויסגעהאלטענער פראפארציע, וואלענדיג, די הארמאניע זאל אף קיין האר נישט געשטערט ווערען.

נישט קוקענדיג אף די פארזיכטיקייט אין אויסוואל און געברויך פון ווערטער, פילט מענדעלי קיינמאל נישט קיין מאנגעל אין זיי. צו פאלקאם באזיצט ער די שפראך, צו פעסט איז ער אין איר, עס זאל אים קענען פעלען אויסדריקען!

ער היט זיך זייער פון ניטדייטליכקייט, פון צושווימענקייט אין סטיל. ער וועט תמיד אפזוכען דאס ווארט, וואס זאל ארומנעמען דעם באגריף, ווי א גוט אויפגענייטע הענטשקע די האנט, ווי די אייזערנע רייף דעם ראד אין וואגען.

און דארף מען אויסדריקען אן׳איידעלערען ניואנס פון באגריף, אדער אן׳אבסטראקטע השגה, איז מענדעלי תמיד ביכולת צו באשאפען א נייע פארם פון אן׳אלטען שורש, — און דאס נייגעבוירענע ווארט איז פונקט אזוי יידיש, ווי די אלטבאקאנטע ווערטער פון מאמע־לשון, מחמת דער מחבר פון „מסעות בנימין השלישי“ ווייסט צוצוגעבען צום יידישען ווארצעל אויך א יידישען פרעפיקס און א יידישע ענדונג.

ניט „בלענדענד, ערצויגען, ערנידריגט“ שרייבט מענדעלי, נאר: „בלענדזענדיג, דערצויגען, דערנידעריגט“. — און אזוי פון אנהייב ביז סוף לאזט ער אף קיין רגע נישט אפ פון אויג די דורך אים אליין צום ערשטען דורכגעפילטע געזעצען פון דער יידישער עטימאלאגיע.

ווי טיף, ווי באשטעקט איז, למשל, דאס הויפטווארט „געדראנג", וועלכעס מענדעלי האט ארויסבאקומען פון צייטווארט „דרינגען". — א שאד, וואס דער לאנגישער טערמין איז נישט אריין אין אונזער היינטיג יידיש. ער פעלט דאך אונז ממש! מיר שרייבען: „פועל-יוצא", „רע-זולטאט", — די ביידע ווערטער זענען נייטיג, זיי גיבען אבער דורכויס נישט איבער יענעם באגריף, פאר וועלכען אבראמאוויטש האט נאך מיט 40 יאר דערפונען אזא גליקליכען אויסדרוק.

מענדעלי ווייסט, ווי רייך זיין שפראך איז, און קאקעטירט אפט-מאל מיט זיין עשירות. אנשטאט איין ווארט, וואס וואלט גאנץ ריכטיג איבערגעגעבען א באגריף, האט ער ליב ניט זעלטען א ווארף צו טון א גאנצע זשמעניע מיט ווערטער, — ווי וויץ פאר די פייגעל, — ווי איינער זאגט: „נאט, באוואונדערט"!

— „איך וועל דיר ווייזען אייערע אלע תכשיטלעך, אייערע מיוחסימלעך, אייערע בעלי-טובותלעך, אלע אייערע אפוטרופסים-לעך", — זאגט דער אשמדי אין דער „קליאטשע": — „איך וועל דיר ווייזען אייערע ספאדיקלעך, אייערע ציגאנערלעך... איך וועל דיר ווייזען פייקעלעך, גערגעלעך, אוכניאקעלעך, מרידענלעך, שיך-און-זעקעלעך, פיאטקעלעך, פאטשיילעכלעך, פוש-קעלעך, קעסטעלעך, קאראפקעלעך און קאכלעפעלעך... איך וועל דיר ווייזען אייערע דריידלעך, שרייערלעך, גראגערלעך, שטארקע העמערלעך, נייטמארנע גלותליכטלעך, קארפירער-אתרוגימלעך און אייערע כפרההינדלעך!" [1].

— „איך, מענטש, — זאגט ישראליק-דער-משוגענער, — איך, מענטש, בין דער תכלית, דער צימעס, דער אנטיק פון אלע באשעפעניש; נאר צוליב מיר, תכשיט, צוליב מיין בארערפעניש און מיין פארגעניגען לעבען ווי אלע אף דער וועלט; איך, תכשיט, בין דער מלך, דער אייבערהאר איבער אלע בהמות" [2]...

אין דער „קליאטשע" געפינען מיר אויך אזא פראזע:

„אפילו א יינגעל, א שוטה, א ווייסעחברהניק, א דראב, א טויגעניכטס, א לא-יוצלח" [3]...

---

[1]) „די קליאטשע" ז' 110. —

[2]) דורט ז' 18. — [3]) דורט ז' 29. —

מ'וועט אפשר זאָגען: וואָס טויג דאָס אָנהויבען פון סינאָנימישע ווערטער?

בא מענדעלין האָט, אָבער, דער לוקסוס אין אויסדריקען א באַזונ־דער טעם. דערביי ווירקט עס פסיכאָלאָגיש: מאָלט בולטער דאָס בילד, אויסדריקליכער דעם געדאַנק, פולער דעם איינדרוק.

...אַלע אויבענאָנגעוויזענע אייגענשאַפטען, אַלע סובטעלע ניואַנסען פון זיין לשונקודשדיגען סטיל האָט מענדעלי מוכר־ספרים איבערגע־טראָגען אין לשון פון זיינע יידישע ווערק, און דערמיט פאַרפילפאַכיגט די בייגעוודיקייט, די גראַציע, די גייסטרייכקייט פון מאַמעלשון.

„אָט איז ער, גאָט! אָט זעי איך אים באַלד פאָרען דאָרט, דאָרט צווי־שען די צוריסענע כמאַרעס! א שטיק שוואַרצגעדיכטער וואָלקען, העל־ליכטיג בא די קאַנטען, טראָגט זיך דאָרט אויווען אין דער געשטאַלט פון א מוראדיג גרויס פערד, מיט א קלאָרווייסע גריווע אף דעם טונקעל־געפלעקטען האַלז. פון די נאָזלעכער, פונ'ם מויל פליען אים בייסלעכווייז פייערדיגע בליצען, מיט א ציק הין־און־הער... דאָס איז ער — דער כרוב, אף וועלכען עס זיצט רייטענדיג א שרעק־ליך גרויסער העלד, א גבור, אין א פורפערקלייד, מיט לאַנגע גריין־גרויע יאָקען און מיט א לאַנגער געגרייזעלטער באָרד, רייך, ווייס ווי זילבער. נאָך אים ציט זיך א גאַנצע מחנה ריזען, עוג מלך־הבשן'ס, גוג־מגוג'ן, מיט אַלערליי חיות, וועלכע איר ווילט. אַלע מיט ערנסטע פנימער, אַלע עפּעס פאַרבראַכט, אַלע איילען, יאָגען זיך פלינק, דער גוטער יאָר ווייסט וואוהין — און לאָזען נאָך זיך איבער אַפ'ן הימעל א בלויען, לויטערען שטרעמעל. די לבנה שטעקט פון צווישען די וואָלקען אַרויס א שטיק קעפעל און קוקט זיי נאָך פונדערווייטענס מיט אַ שמייכעל, ווי איין עלטסטער בשעת עס פאָרט דורך אין זיין אָרט א גרעסערער פרינץ פון אים... די ביימער בייגען אין די קעפּ, בוקען זיך מיט גרויס דרך־ארץ, האָבען א פנים ווי די אָפּגעשמיסענע — תרבות, שאַ־שטיל! און פונ'ם גרינעם בלעטערמאַנטעל קאַפּעט זיי טראָפּענס וואַסער, קאַפּ קאַפּ אף דער ערד, קאַפּ, קאַפּ מיר אַפ'ן קאָפּ.

אָ, הייליגער גאָט! — לאָז איך אַרויס א געשריי און פאַל כורעים אַפ'ן פייכטען נאַסען גראָז"[1]. —

קלינגען ניט אין דעם מאַיעסטעטישען פראַגמענט פון דער „קליאַטשע" פּאָעטיש־שטאַרקע טענער פון תהלים, וויזיאָנעריש־לייַדענ־שאַפטליכע אָפּקלאַנגען פון יחזקאל, אויסגעמישט מיט די פאַרצערטעלטע פילינגען פון א מאָדערנעם דיכטער? [2]...

⊰⊰⊰⊰⊱⊱⊱⊱

[1] „די קליאַטשע" ז' 49 — 50. —

[2] דאָס אַרטיקעל איז געווען געדרוקט אין „מאָמענט" נ"נ 18 און 24 פון 3 און 10 פעברואַר 1911. —

# „פישקע דער קרומער".

אפיציעל איז עס א ראמאן, א ראמאן „מיט אלע פליטערלעך", ד. ה., פארשטייט זיך, קודם כל — מיט א ליבע.

א ראמאן צווישען א לומען און א הויקער. „ליבעלע די שרכנטע", ווי מ'זאגט אין ווארשע, — צווישען צווייי וויסטע קאליקעס, פארווארלאזטע בעטלערס, וואס נאך פאר זייער געבוירען־ווערען איז אויווען אף זיי נגזר געווארען: דער אויפגאב, אינהאלט, ציל פון זייער גאנץ לעבען — די טארבע. — דאס דערמאנט די ראמאנטישע ליטעראטור, אף דער גרענעץ פון 18־טען און 19־טען יארהונדערט, מיט איר שוואלקייט צו אויסטערלישע סיטואציעס, מיט איר נידערן אפ'ן גרונט פון סאציאלישען לעבען און אנטפלעקען רייגע מענטשליכע געפילען, טויבענגוטסקייט און הימלישע הייליקייט אונטער די פוילע, שמוציגע שמאטעס, וואס דעקען קוים צו די בירגע, אויסגעווייטיגטע, פון הונגער, קעלט און וואגלעניש פארבראכטע ברוסט פון פאריער.

...זיצט זיך פישקע דער קרומער מיט זיין הארבאטע מיידעל איינמאל באנאכט. „דער הימעל איז אויסגעשטערענט און ארום איז שטיל. נישטא קיין לעבעדיג באשעפעניש" [1]). זי, אף א שטיין, לעבען אים, „איינגענורעט, איינגעהויקערט, טרערען גיסען איר זיך פון די אויגען, און ברומבעלט פאר זיך שטארק אומעטיג איר באקאנט לידעל":

„דער טאטע האט מיך געקוילעט,
די מאמע האט מיך געגעסען" [2]).

[1]) „פישקע דער קרומער" (אדעס 1888) ז׳ 124. —

[2]) דארטען ז"ז 124 — 125 —

און פֿישקע טרייסט זי, נעמט זי איין מיט גוטע רייד: — אַט נאָך אַביסעל, וועלען מיר, אם־ירצה־השם, אויפֿגעריכט ווערען" [1].

„איך מאַך איר — דערציילט ער, — אַ גאַנצען צעטעל פֿון אונזער לעבען שפּעטער, אַז מיר וועלען מיט דעם אייבערשטענס הילף ביידע פֿון צרות אויסגעלייזט ווערען. איך שטעל איר אַניִדער פֿאַר די אויגען אַלצדינג לעבעדיג, מאָל איר אויס די גלופּסקער געמויערטע באָד מיט איטליכס פּיצעלע דאָרט, ווי איך וועל מיך אַהין וויימער אַריינדרייען, און אַז גאָט וועט דערהויבען דאָס מזל, קען איך מיט דער צייט באַקומען דאָרט אַ שטעלע פֿון אַ היטער. זי אַליין קען אפשר אויך מיט דער צייט האָבען דאָרט אַ טועכץ: זיין אַ טוקערין אָדער עפּעס אַנדערש אַזוינס. און ווען נישט, קען מען אין גלופּסק אויסזוכען אַנדערע מיני פּרנסות. פֿאַר אָרעמעלייט איז גלופּסק ארץ־ישראל, זי איז אָהן עין־הרע גרויס, הייזער זענען דאָ, ווי מיסט" [1]).

אַ היטער אין מרחץ, „אַז גאָט וועט דערהויבען דאָס מזל", — ער, אַ טוקערקע — זי, — דער העכסטער אידעאַל! — און אָט די סאָציאַלישע „וועריס", אַזויצוזאָגען, — דער לומער, „נאַקעט און באָרוויס, מיט געשוואָלענע, פֿאַרבלוטיגטע פֿיס, פֿאַרברענט פֿון דער זון און דאַר ווי אַ צוימשטעקעל, נאָר הויט און ביין" [2]), און די האָרבאַטע, אַ דערשלאָגען נפֿש'ל, אַ זשמעניע שוואַכע ביינדעלעך, — זענען פֿאַרבונדען מיט אַ ריין, ליכטיג, טיף, מעכטיג ראָמעאָ־דזשוליע־געפֿיל.

דער אָנהייב איז — מאָלט פֿישקע, — ווי אין אַ סך ליבעס, „פֿאַר גרויס רחמנות" [3]), — פֿון לויטערסטען קוואַל, הייסט עס!

— „עס האָט מיך עפּעס צו איר געצויגען, מיר צוזאַמענקומען לעבען פֿונ'ם זיצען אַמאָל מיט איר אינאיינעם — וואָס?... גאָרנישט! גלאַט אַזוי זיך — שמיסען, אָדער שווייגענדיג אָנקוקען זיך איינער דעם אַנדערען. דאָס גוטסקייט איז איר געליגען אַפֿ'ן פּנים; דאָס קוקען אירס אַף מיר איז געווען טאַקי נאָר, ווי אַ געטרייע שוועסטער קוקט אַף איר אומגליקליכען ברודער, בשעת אים איז, נעבעך, שלעכט, שטאַרק נישט גוט. און אַז, נעמענדיג צום האַרצען מיינע צרות, האָט זיך איר געשטעלט טרערען אין די אויגען, איז מיר געוואָרען עפּעס גוט, וואַרם־מחיה אין אַלע גלידער. עפּעס האָט מיך אינווייניג געבריט, געגלעט בא דער נשמה: „פֿישקע, דו

[1]) דאָרט ז׳ 125. — [2]) ז׳ 70. — [3]) ז׳ 97. —

ביסט נישט מער אליין אין דער וועלט, ביסט נישט מער עלענט ווי א שטיין" — און עס באנעצען מיר זיך די אויגען פון הייסע טראפען טרע־רען" [1]...

נאך דער שרעקליכער נאכט, ווען דער „רויטער סמור", וואס האט זיך „געטשעפעט" צום אומגליקליכען מיידעל, האט זי פאר כעס א שליי־דער געטאן פון זקדש ארויס, אזוי אז זי איז חלשות געבליבען, — אנט־דעקט די הארבאטע געגניי דעם ליטען, ווי און פארוואס דער הערשט פון דער „קאניצע" פייניגט זי: — צווישען די פון גאט און מענטשען באליידיגטע באשעפענישלעך שפילט זיך דאן אפ אזא סצענע. — „אינוויינינג האט עס מיך געצופט, געגעסען ווי א ווארעם, — גיט איבער פישקע: — עס האט מיך געגעסען א ברענענדיג געפיל פון כעס אף דעם סמור, א הייס זודיג גע־פיל פון רחמנות אף איר, נעבעך, און נאך עפעס אזעלכעס גאר אהן א נאמען, וואס האט מיך געצויגען, געצויגען... און אנגעכאפט באם האר־צען. פלוצלים האט עס מיר גענעבען א שטארקען צי, אזוי, אז דאס הארץ איז מיר שיר נישט ארויסגעפאלען. איך נעם זי אן בא דער האנט, וואס איז נאך געלעגען אף איר פנים און טו א זאג עפעס נישט מיט מיין קול: — „נשמה מיינע! דאס לעבען וועל איך פאר דיר אוועקגעבען". — „אך, פישקע!" — זאגט ז' מיט א זיפץ, טוט זיך א רוק נעענטער צו מיר און שפארט אן דעם שטערען מיר אפ'ן אקסעל. עס ווערט מיר עפעס ליכטיג אין די אויגען, ווארם־טהיה אין אלע מיינע גלידער. איך רעד אין נעב זי איין ווי א געטרייע שוועסטער מיט גוטע ווערטער. טרייסט זי: נישט קשה, גאט וועט העלפען! און שווער איר, אז אייביג וועל איך איר זיין א געטרייער ברודער. זי קוקט מיר אריין אין די אויגען, טוט דערנאך א זיס שמייכעלע און זאגט, ארופלאזענדיג דעם קאפ: — „איך ווייס נישט, פאר־וואס, פישקע. מיר איז אצונד עפעס גוט אפ'ן הארצען. עס גלוסט זיך מיר לעבען" [2]...

און א אנדערסמאל, ווען דאס וואסער איז שוין געקומען ביז צום האלז: —

— „אך, פישקע! איך האב שוין קיין כח נישט אויסצוהאלטען", — זאגט די הארבאטע מיט א זיפץ טיף פונ'ם הארצען, אנשפארענדיג זיך מיט'ן קאפ מיר, — דערציילט פישקע, — אפ'ן אקסעל, און אף דעם פנים

---

[1]) ז"ז 97—98. — [2]) ז' 112. —

איז איר געלעגען עפּעס ווי אַ געבעט. — איך גלעט זי, טרייסט זי און שטאַרק זי מיט גוטע האָפֿנונגען. זי ווערט אַביסעל פֿריילעכער, קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַרײַן און לאַכט. — „פּישקע!“ — זאָגט זי שטיל, — „דו ביסט מײַן אײנציגער אױף דער גאַנצער וועלט, ביסט מײַן טאַטע, מײַן ברודער, מײַן פֿרײַנט, מײַן אַלצדינג. זעי, פּישקע, זײַ מיר געטרײַ און פֿאַרגעס מיך נישט. שווער מיר דאָ בײַ דער שול, וווּ עס ראַוונען אַצונד די מתים און צווישען וועלכע עס געפֿינט זיך אפשר אויך מײַן טאַטע, וועלכען איך האָב ווײניג געקענט, און איז אַ עדות. שווער מיר, אַז תמיד וועסטו מיר בלײַבען געטרײַ“... [1]).

„ביסט מײַן אײנציגער אױף דער גאַנצער וועלט, ביסט מײַן טאַטע, מײַן ברודער, מײַן פֿרײַנט, מײַן אַלצדינג“. — די אײביגע שפּראַך פֿון ליטעראַטור, שטאַרקער, אומענדליכער ליבע. מיט די אײגענע ווערטער, נאָר קוים־קוים אַנדערש אויסגעדריקט, ווענדט זיך אַנדראָמאַכע צו העקטאָרען, יוען, באַוואָפֿענט פֿון קאָפּ ביז פֿיס, געזעגענט זיך דער העלד מיט דער מוטער פֿון זײַן זון, פֿאַר׳ן אַרויסגײן דורכ׳ן טויער אױף׳ן שלאַכטפֿעלד, ווו עס וואַרט אױף אים דער אומבאַזיגבאַרער אַכילעס.

עמיצער וועט זאָגען וועגען די געבראַכטע ציטאַטען: „אַביסעל צו זיס! אַביסעל צו סענטימענטאַליש!“ — יאָ, פֿאַר אונז, די הײַנטיגע, וואָס אַ סך נײַע ביכער האָבען שוין אונזערע אויגען מיט פֿײַנע, מיט מאָדערן־פֿאַרטיפֿטע, מאָדערן־פֿאַרוויקעלטע פּסיכאָלאָגישע גריבלענישען געוועטיגט, זענען די אויווענאויסגעשריבענע רייד שוין צו אַלגעמײַן, צו אָפּגעריבען, צו פּרימיטיוו. — אָבער דאָך: וואָס וואָרהאַפֿטיג, דאָס ווערט קײנמאָל נישט אָן דעם חן, דאָס בלײַבט שטענדיג בײַ זײַן ווערט. — אמת־האַרציג, אמת־וואַרם איז די ליבע צווישען פּישקע דעם קרומען און בײלע דער האַרבאַטער. — אין פּראָסטע, אָבער ריכטיגע ווערטער, וואָס פֿליסען גלײַך פֿון אונטער׳ן האַרצען, איז זי געשילדערט. — ס׳איז נישט דער פֿלאַכיגער יאַרעוויטאַן פֿון י. אַקסענפֿעלדס „געגנאַרטע וועלט“. ס׳איז אויך נישט די קאָפּליבע פֿון „אהבת ציון“. — די ערשטע נאַטירליכע, דער ווירקליכקײט טרײַע באַשרײַבונג פֿון דעם געפֿיל, וועלכעס דער קעניגליכער דיכטער האָט אין „שיר השירים“ באַזונגען, — איז עס אין דער יידישער ליטעראַטור. —

---

[1]) ז״ז 125 — 126.—

מ'קען נאך אנווייזען, אז דער גאנצער ספור־המעשה איז אביסעל מעלאדראמאטיש. — צו מערכענהאפטיג־שרעקליך די לעבענסגעשיכטע פון דעם אומגליקליכען הארבאטע מיידעל. צו גרייזאם דאס רוצחישע אכזריות פון „רויטען ממזר", וואס וואלט זיך געפאסט פאר א העלד אין א סענסאציאנעל־קרימינעלישען ראמאן. צו אנגעשטרענגט פיינליך דאס איבערמענטשליכע אפקומעניש פון די שלימשליטזלדיגע „נאהבים ונעימים". — היינט דאס ביסעל „פורים־נסים": פונקט דארף דער, וואס לעבט אייביג, וועלען, אז, נאך א יאר צושיידונג, זאל דעם ארימען מיידעל אויסקומען צו קלויבען „פילינעצעס" גראד אין יענעם גרויסען געדיכטען וואלד, אין וועלכען איר געליבטער, אפ'ן וועג פון ארעס, זי זוכענדיג, איז „אריין טיפליך, אפגעלייגט זיך דארט מיט זיין פעקעל, אראפגעווארפען פון זיך די קאפאטע און זיך אויסגעשטרעקט אונטער א בוים, צווישען הויך גראז, וואס האבען מיט די גרויסע ברייטע בלעטער אים פארשטעלט ארום און ארום" [1]. — און דוקא מוז דער צופאל ברענגען „דעם ממזר מיט דעם אלטיטשקען", פישקעס צוויי מלאכי־חבלה, אין דאס חורבהלע, ווו דער אומגליקליכער לומער איז פארשטעקט, ווארטענדיג אף זיין „איינציג שטערענדעל", ווי ער רופט זי, — ווי אף צו להכעיס, דארפען זיי אריף אפ'ן בוידעם, דארט עפעס צו „פאציאפען", און אנטרעפען אף די „טייערע מציאה", דעם „הינקעדיגען פלאסקעדריגע", אים שלאגען מכות־רצח, בינדען און א צווייט מאל אפרייסען פון זיין „נשמה". — און אקוראט נאכדעם, ווי ר' מענדעלי דערציילט ר' אלטערען די מארנע־משונה מעשה וועגען דעם, אף וואס פאר אנ'ארט אויסטערלישען אופן מ'האט דעם פארגעסענעם אייביגען קאנדידאט אף כאלערעחתן, ענדליך, גאר אומגעריכט — א ישועה פון הימעל! - חתונה געמאכט, — דארף די באנדע „בוירקבצנים" צולקחענען ביידע מוכר־ספרימטע „ארלערס"; אלטער דארף זיי גיין זוכען און געפינען דעם געפענטעטען, אף הונגעריגען טויט פארורטיילטען פישקע. — נאך ווייניג „פלאיפלאים", דארף צום סוף אויפשווימען, אז די ארימע יתומה איז טאקי זיינע, ר' אלטער יקנה"ז'ס, לייביגע טאכטער פון געגטען ווייב; און דער־פון א מוסר־השכל: יידען, צאן קדשים, ניט געאיילט זיך מיט די 9 שורהלעך, אויס בלויזען קאפריז, — האט אין זינען, וואס מיט די קינדערלעך, נעבעך, די לעבעדיגע יתומים, קען דער סוף ווערען! —

---

1) ז' 145. —

און דער שפּיץ: נאָך אַלע וווּנדערלעכע פּאָרפּאַלען בלײַבט פאַרט די מעשה ווי נישט דערענדיגט: כּדומה ווי אַ שטוב אָהן אַ דאַך. —

אַלטער „שפּרינגט געשווינט אַראָפּ אָפּ דער ערד, קריכט אַרויף צו זיך אַפ׳ן וואָגען און געזעגענענדיג זיך מיט די מיטפאָרערס פֿונדערווײַטענס, דרייט ער אויס דעם דישעל, טוט אַ שמיץ די שקאַפּע און פֿאָרט זײַן וועגס״ ¹). — און, שרײַבט ווײַטער מענדעלי, — „איך מיט פּישקען קוקען מיר אים אַ היבשע צײַט פֿון הינטען נאָך, ניט צו ריידען קיין וואָרט. דערנאָך גיב איך אַ בליק צום הימעל, די לבנה און שטערען גייען זיך זייער גאַנג, גאָר נישט דאָס פּנים ווי פריער, שטאַרק הייך, האָפֿערדיג, ווײַט ווײַט פֿון אונז מענטשעלעך. עס ווערט עפּעס אומעטיג, נישט פֿרײַליך אַפ׳ן האַרצען״... — אַ פּראַכטפֿאָלער עלעגישער אַקאָרד, וואָס דריקט אַזוי ווייך, אַזוי צאַרט אויס די שטימונג פֿון נאָר וואָס געשילדערטען דראַמאַטישען מאָמענט. — נאָר ציִ איז דאָס, אין פֿלוג באַטראַכט, אַן׳אייסלאָז פֿאַר דער „ליבעאינטריגע״, ווי מ׳רופֿט עס? —

אָבער מילא: אָהן אַ „ענדע״ — איז אָהן אַ ענדע. ריכטעט דיך אָפּ דאָס שלוספּינטעל. — ניין, גיט אײַך ר׳ מענדעלי נאָך צו: „איך טו אַ שמיץ מײַן אַרלער, ער זאָל מוחל זײַן זיך שלעפּען אַביסעל גיכער — און שפּעטליך באַנאַכט פֿאָרט מײַן בײַדעל איבער די גריבערדיגע גאַסען פֿון גלופּסק מיט אַ געקלאַפּערײַ, אַ געשרײַ, אָנזאָגענדיג דעם עולם: הנה זײַט וויסען, נאָך צוויי פֿרישע יידען זענען אָנגעקומען קיין גלופּסק!!״... ¹) מיט דעם רעשדיגען אַרײַנפֿאָר, ווי אומישנע, אָפּגעיאָגט דעם אָנגעשפּאַנטען אומעט פֿון דער ניטפֿריילעכער געשיכטע, און ווי בּביון נאָך אונטערגעשטראָכען: תּם ונשלם! גייטס אײַער וועג, קיין המשך וועט נישט זײַן! — הילכט נישט איין גרויסער „נישט דאָס בין איך אויסען״ אין דיזאָזיגע עלטמענדעלישע, טילדביטער־שטעכעדיגע שורות? —

ס׳איז רעכט, אַז ש. י. אַבראַמאָוויטש ווייסט זאָגאַר אַליין די הכּרוניות אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער פֿאַבעל, אין דער טעכניק פֿון דער דערציילונג. נאָר זיי אַרען אים נישט. דער קאָפּ ליגט אים נישט צו זיי. — און וואָס נאָך אויסערגעווײנטליכער: מיר, לעזער, באַמערקען אימליכס שפּרענקעלע אָפּ דער אויסערליכער זײַט פֿון דער געשיכטע, נאָר אונז שטערען זיי אויך נישט: דער עסטעטישער גענוס פֿון ווערק איז אַ פֿאָלקאָ=

¹) ז׳ 158. —

Юрьевская Еврейская библiотека имени Д-ра Я. А. Зйгеса №



מענער. – דער סוד פֿון דעם זעלטענעם פּאַקט שטעקט – און דאָס איז זייער וויכטיג צו פֿאַרשטיין – אין דעם, וואָס דער פּראָפֿעסאָר מיינט לגמרי נישט צו פֿאַראינטערעסירען מיט די אויבערליכע עפֿעקטען. זיי גייען אים אַליין קנאַפּ אָן. זיי שפּילען אין בוך אַ לעבענראָל. – „מערניש – גאָרניש“, ווי אַלטער זאָגט, – זיי זענען דאָ – זאָלען זיי זיין. נישט זיי איז מען אויסען! –

וואָרום קיין פֿאָלשטענדיגער ראָמאַן, אין גאַנצען זין פֿון ליטעראַרישען באַגריף, איז פֿישקעס געשיכטע, אין דער ווירקליכקייט, נישט. טאַקי אַ מעשה פֿאַר זיך, אָבער דאָך נישט מער ווי אַן עפּיזאָד, – איינער פֿון די, גרעסערע און קלענערע, און גאָר קליינינקע און פּיצעלעך, דעם באַרעדעוודיגען ר׳ מענדעלי מוכר-ספרימס ווילע „שטיקלעך“, פֿון וועלכע ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט אויפגעשטעלט דאָס מערקווירדיגע בוך.

קלאָמפּערשט דערציילט דער לומער אַליין. נאָר מענדעלי „העלפֿט אים אונטער, בעסערט איס אַף זיין שטייגער“, – שלאָגט איבער, פֿאַלט אַריין אין די רייד, גיט-צו, מישט-אַריין זיינע פֿיינע שפּיצלעך. – דער גאַנצער עפּיזאָד איז פֿאַרפֿלייצט מיט ר׳ מענדעלין. – און נישט דער ספּור-המעשה גופֿא איז פֿאַר אים אין פֿישקעס געשיכטע דער עיקר, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש: דער קרומער אַליין – זיין נשמה.

דערציילט פֿישקע זיין טרויעריגע געשיכטע, און מענדעלי הערט זיך איין ניט אַזוי אין די געשעיעניש, ווי אין דעם קאַליקעס ווערטער.

דער „עסק“ איז פֿישקען דעם טאָג געגאַנגען גוט. אַזאַ „אין די הייזער אַרומגיין“, ווי דערמאָלט, „טרעפֿט זיך איינמאָל אין הונדערט יאָר“. אַף אַ ברית, וווהין ער איז גראָד אַריינגעפֿאַלען, האָט מען אים אָנגעלאָדע מכל טוב, מיטגעגעבען אַ גרויסען שטיק לעקעך, אַ מלכותבריטעל, אַ רויזענבולקעלע. ער האָט זיך „איינגעהאַלטען נישט צו פֿאַרזוכען אַפילו קיין ברעקעל, און באַהאַלטען די אַלע גוטע זאַכען ווייט אין דעם בוזעם, צו ברענגען עס אַ מתנה“ זיין האָרבאַטע מיידעל. – „מען האָט באַדאַרפֿט זעין, – דערציילט ער, – מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד איך בין עס געגאַנגען דעם גאַנצען וועג. אַלץ געטראַכט בא מיר: היינט באַגאַלט, אַז דער עולם וועט שלאָפֿען, וועל איך איר דאָס געבען, לאָז זי, נעבעך, אויך הנאה האָבען. זי איז, נעבעך, פֿאַרוויסט, פֿאַרוואָגעלט, האָט אַ האַרץ פֿול מיט מכות. זי האָט, נעבעך, נישט געהאַט אין איר לעבען קיין זיסע מינוט“[1]...–

[1]) ז"ו 126 — 127 —

אהיימגעקומען – ניטא די גאנצע כאליאסטרע, מיט דער הארבאטע אינאיי=
נעם! – „חישך און פינסטער איז מיר געווארען אין די אויגען, פינסטער
איז מיין וועלט. דאס איינציגע שטערענדל, וואס האט מיר געשיינט, איז
פלוצים פארשווונדען געווארען. נישטא, ווי איז מיר, נישטא מיין טרייסט!
נישטא די הארבאטע, געבעך!... איך בין ווידער עלענט ווי א שטיין, איי=
נער אליין אין דער גאנצער וועלט. און זי! ווו איז זי, וואס טוט, געבעך,
זי, זי?... פאר וועמען וועט זי קענען, לאטש אמאל, אויסוויינען, אויסגי=
סען איר שווער ביטער הארץ. אוי, יידען! א ווייטיג. ס'איז מיר א ווייי=
טיג טאקי אין צווייען!" ¹) – אזוי קלאגט דער הינקעדיגער, און ווען ער
שילדערט דערנאך, „ווי ער האט באגאסען מיט טרערען דאס פארבליבענע
שטיקעל לעקעך, „ווי עפעס א זאך, א זכר, וואס בלייבט איבער נאכ'ן
טויט פון א געליבט קינד, פון אנ'איינציג קינד", – געקוקט דארויף, גע=
קושט עס, און דערנאך עס „איינגעוויקעלט, ווי אנ'אבן=טוב, און באהאל=
טען עס ווידער אין בוזעם, טאפענדיג עס אפט און צוקוועטשענדיג עס
צום הארצען" ¹), – פאלט אף מענדעלין אן א מרה=שחורה, ער ווערט
„צודרייט", – און אינטערעסאנט איז צו זעין די שפיל פון פארשידענע גע=
פילען און געדאנקען, וועלכע ש. י. אבראמאוויטש ווייזט אונז אין דער
טמה פון נאטספארלטיגען ייד, וועלכען פישקעס געשילטע האט שטארק
... ער דריקט זיך איס, „געקאטערט".

— „רבונו של עולם! וואס איז דאס אזוינס, וויין פארליאפעט? עפעס האב
איך געהערט, עס טרעפט זיך אמאל אזעלכעס, נאר וואס דאס איז, האט מיין מח
נישט געקענט. באוונז פרעגט מען אף אזעלכע זאכען געוויינטליך ואגען: ס'איז
א אפגעטאנענע זאך, א כישוף, עפעס אזא מין פלעשעלע איז דא דערצו, עפעס
א מין קרייטעכין פון א אלטער גויה, א מכשפהטע" ²)

אזוי רופט איס ר' מענדעלי, מלא פארוואונדערונג.

וואריום, אין דער יידישער גאס – „פארליאפעט זיין האט געהייסען
עפעס אזא מין שלאפקייט, ווי קדחת, א שטייגער, א דביק, א מאנקאליע,
ווי נילפא, די שלעכטע זאך, וואס דערצו איז טאקי נאר א בעל=שם ארעד,
להבדיל, דער טאטער. בא א שמים דערפין פלעגט מען זיבען מאל אויס=
שפייען, אנגעמענדיג זיך בא די ברעמען, און מאכען דערביי מיט א פאר=
קרימט פרים פנימעל: „נישט=דא געדאכט, נישט פאר קיין יידישע קינדער

¹) ז' 128. — ²) ז״ז 128 — 129. —

געדאכט! ...איך איז א מצוה געווען צו לאכען אוים יענע פאריזיאַנער דעם גרעסטען געלעכטער, ווי דער שטייגער איז צו לאכען אוים א משוגענעם" [1].

נאר אט, דערזעהן, „וואס דאס איז", — באַרוישט געוואָרען פון דעם לומענס מעשה, — אמפּערט זיך, פונדעסטוועגען, נאך דער ייד „מיט דער גרויסער באָרד" — נים ש. י. אבראמאוויטש, חלילה, נאר זיין גרעסטע שאַפונג — אונזער ליבהארצעדיגער ר' מענדעלי מוכר-ספרים, — דאס גנבישע שמייכעלע געוועלטיגט צוריק אף די דינע ליפּען פון דעם פקח, און ער חקרנט זיך שוין ווידער מיט זיין געוויינטליכען פארבאהאלטענעם שטאָך, פלעכט איינעם פון זיינע קונציגע „פּזמונים":

„אזא שלאפקייט, אבער, געדענק איך, ווען עס האט זיך געמאכט, האט זיך עס געמאכט סיידען גאר בא די גרויסע נגידים, אדער בא די גרויסע קבצנים...

„גרויסע נגידים איז אף דער וועלט צו גוט, האבען אלצדינג, עסען, טרינקען דאס טייערסטע, דאס בעסטע אהן זארג, אהן קאפּדרייעניש, עס גייט ווי אפּ נאר קדחת — דעריבער ליגט זיי אין זינען צו מאַכען קונצענע-מונצענע. ערגסט, אדער גלאַט אזוי א שפּילכען? דאס איז שוין זייער סוד. ווידער-זשע די גרויסע קבצנים פון דער אנדערער זייט, זיי איז אויך, אף זייער שטייגער, גוט. האבען גארניכט, קדחת וואס איינצושמעלען. עסען קעסט בא דער וועלט אהן קאפּדרעעניש און קומען אפ'ן גרייטען. בושה אין דער זייט! דעריבער גלוסט זיך זיי אויך אזעלכע מעשיות. שטענדיגע עסקים פון דרייען זיך און מיני חתונות איז געוויינטליך נאר אין דעם הויכען און אין דעם נידעריגען שטאנד.

„אין בעל-הבתישען גראד, אקעגען, האט מען נישט געהוסט אפילו מיט וואס מען עסט עס" [1].

נאר דא גלייך, „אף ארט און שטעלע", ווי ס'זאגט זיך, מישט דער גרויסער קענער פון יידישען לעבען „דאס בלעטעלע צוריק", — שילדערט אזא מייסטערהאפטיג בילד:

„דער איבעריגער עולם אונזערער, פונ'ם מיטעלען סארט מענטשען, איז תמיד פארטראגען אין דייזשע באָרשטש. אים דארט דער קאפּ פאר דעם שטיקעל ברויט, וואס פרנסה. בא אים איז ראשית חכמה געשעפט. אלצדינג — געשעפט. חתונה האבען איז אויך א געשעפט. ער האנדעלט-איין א ווייב, דינגט זיך פריער גוט אוים וועגען דעם מקח, וועגען נדן, וועגען איטליכם פיצעלע באזונדער, אלצדינג פינקטליך אויסגערעכענט. אפילו א שטריימעל און די שבתדיגע קאפּאָטע נאו אויך שטיין בפירוש אין די תנאים. ווען די תנאים דערפילט געוואָרען, כפי דעם

[1]) ז' 129. —

מדובר, קוס-ושע, כלה-לעב, אונטער דער חופה מיט דעם שדכן, מיט דעם בדחן, ביז דעם גאנצען פעקיל בלי-קודש, וואס לעקען פונ'ם גישעפט אף א ביינדעל. זיי א ווייב, האב קינדער, רייס קריעה און ווער פאַרשוואַרצט מיט מיר איינאיינעם ביז הונדערט און צוואנציג יאר, אויב דיר גלוסט זיך לעבען, נישט שטארבען פאר דער צייט. אויב דו ביסט שיין, אדער מיאוס, קלוג אדער א נאר, דאס איז שוין דיין עסק, פונקטמיינעטהאַלבען איז אלצאיינס, א בלוניתטע איז א פרוניתטע. מיר זענען נישט קיין פריצים, האבען נישט קיין צייט צוקוקען זיך צו אזעלכע וואַ-כען. יידען זענען מיר, סוחרים, מעקלער, קרעמער. טרוד אין דער פרנסה! — זייער פיל זענען דא פון מיין גראד יידען, וואס רעדען כמעט נישט, עסען נישט בא איין טיש מיט די ווייבער. קוקען זיי וויינע אן, און ס'איז גאנץ רעכט. ביידע צדדים זענען צופרידען און זינטשען, ווען עס קומט אויס אמאל, הלוואי אזא לעבען אף אלע גוטע לייט און אף וויערע קינדער געזאגט געווארען! שטארבט בא איינעם דאס ווייב, באגראבט ער זי, זיצט נאך איר שבעה גאנץ יידישלעך און האנדעלט באלד מאקי אַיין א צווייטע, פריער נאך, אמאל, פאר שלשים. און אף אזא שטייגער אויך די דריטע, די פערטע, די פינפטע... ביז דער אלטער יידענע, וועלכע ער נעמט צום לעצט אין די אלטע געשענקטע יארען, אונטער דער אויסרייר, גע-וויינטליך, מיט איר אין ארץ-ישראל אריין צו פארען"[1]...

מיט טיפען, מיט בייסיגען פארדראס, מיט שטארקען, מיט גיפטיגען פראטעסט זענען אנגעזאפט די שורות.

און שוין אהן דעם איראנישען געלעכטערל אף די קלוגע ליפען ווענדט זיך דער ייד מיט דער גרויסער באַרד צו פישקען. חידושט זיך און, ס'שפירט זיך, איז מקנא. אוועקגעווארפען אף א ווילע דעם שטענ-דיגען שטעלעדיגען טאן, - נעמט זיך אויסטייטשען, זיך אליין און דעם עולם יידען, וויאַרומער איז מעגליך געווען, אזא דערהויבענע ויעלט זאל אויסוואַקסען אין ברוסט פון דעם לעצטען, נידריגסטען, עלענטסטען גלופ-סקער באשעפענישעל, דעם תושב פון דער געמויערטער באר. -

ניט פון יענעם סארט קבצנים, וואס אוים לײדיגײערײ גלוסט זיך זײ צו שפילען זיך אין „ליבעונישען", איז פישקע.

„אין זיין שלעכטער לאגע, אין וועלכער ער האט זיך געפונען, איז דאס הארבאטע מיידעל פאר אים געווען א גליק, זיין טרייסט, זיין לעבען, זיין אלין מיטאיינאנדער. אז מען טרענקט זיך, כאפט מען זיך אן פאר א שטרוי. הייַנט וואס-ושע איז פאר א וואונדער, אז פישקע האט זיך אנגעכאפט אין דער האר-באטער מיט זיין גאנץ לייב און לעבען און איז צו איר צוגעוואַקסען געווארען? אז עס רירט אן בא דעם נשמה, דענסטמאל שרייט דאס הארץ, שרייט, רעדט איינע

[1] ז״ז 129 — 130 —

ווערטער בא אלע מענטשען גלייך. דאס לשון פגג'ם האריין איז איין לשון פאר גרויס און קליין, פאר דעם געלערנטען און פאר דעם גראבען מענטשען — וואס-זשע איז פאר א וואונדער, אז פישקעס האריין האט זיך דא איינגעגאסען אין אזעל-כע הייסע געפילען, ריינע מענטשליכע ווערטער?"[1]. —

„דאריבער טאקי, — דערקלערט מענדעלי, — האבען זיינע ווערטער גערירט, מיך צוגומען ווי א פידעלע, וואס רעדט, שפילט אומעטיגע שטיינער"[2].

און וויטער, גיט צו דער מוכר-ספרים, אין ש. י. אבראמאוויטש רעדט דורך אים: „אלע בעלי-דרשנס און מוסר-ספרים אינאיינעם האבען קיינמאל מיך אזוי נישט גערירט, געמאכט וויך, גוט און פרום, ווי א קרעכץ פון א צובראכען הארץ, ווי דעם כלי-זמרס א שפיל אפ'ן פידעלע"[2]...

ענג איז דעם גרויסען גייסט מיט די אדלערישע פליגעל אין די פארדומפטע גלובסקער, טונעיאדעווקער, קאבצאנסקער גאסען, אין דעם אומענדליכען וויסטען מדבר, וו מענטשען, ווי זעמרעלעך, וועגעטירען א טויט, מעכאניש, אינערט, אפאטיש לעבען, — „געפגרטע נפשות!... אהן לייב, אהן לעבען... נשמות פארריקטע אין טשאלענט!... אהן ריח, אהן טעם... דראפאטשעס צושאטענע!... פארראטע אפגעשלאגענע הושענות"!...[3]

אמת, — „בא וועלכען פון אונז מאכט זיך נישט כאטש איינמאל אין לעבען אזא ליכטיגע, גוטע שעה, וואס דענסטמאל עפענט זיך א מויל, און ריינע, אמתע מענטשליכע געפילען גיסען זיך אים ארויס, ווי א שטראם הייסע זודיגע גאזען פון א פייערשפייענדיגען בארג?"[4]

מיט ברענענדיגען דארשט זוכט נאך, כאפט אויף דער מחבר פון דער „קליאטשע" די וואונדערבארע מינוט, ווען אין דעם, אין יענעם פון די „טרוקענע ביינער", לוימענע גילמס צאנקט אויף די געטליכע פינק פון הויך-מענטשליכען, פלאקערט אויף דער ווילגער פלאם פון שאפענדי-גער באגייסטערונג.

עטליכע ביישפילען שילדערט אבראמאוויטש, — אין אט איז דער לעצטער פון זיי, דער טערקווירדיגסטער, א טייסטערשטיק, וואס נאר אזא גאטגעבענטשטע האנט, ווי פון אונזער געבוירענעם פראמעטעוס-קינסטלער האט עס אימשטאנד געווען צו באשאפען:

„צוויי יידען דרייער האב איך געקענט אין א יידישער דרוק, וואס די

---

[1]) ז"ז 130 — 131. — [2]) ז' 131. — [3]) ז' 16. — [4]) ז' 103 — 104. —

גאַנצע אַרבעט זײערע איז באַשטאַנען דרינען, טאָג װי נאַכט צו דרײען די ראָד פֿון דער מאַשינע, שטײענדיג בײַ איר אין דער זײַט, אײנער לעבען דעם אַנדערען, נאָר אַזוי װי די אָנגעמאָלטע גולמס. דרײ און דרײ שטענדיג, אָהן אײן עק, אַלץ אַף אײן אָרט, אַף אײן שטײגער. פּלוצלים האָט עס זײ עפּעס װי אונטערגעטראָגען און האָבען זיך אַ געם געטון דרײען די ראָד געשמאַק מיט געפֿיל, שטאַרק באַגײַסטערט· די אויגען ברענען, פֿלאַקערען, און זײ דרײען מיט אַזאַ תּענוג, װי זײ װאָלטען געחען אַפֿ׳ן זיבעטען הימעל, װי זײ װאָלטען געדרײט װעלטען, און האָבען מיט איטליכען דרײ אויסגעדריקט עפּעס אַ געדאַנק, עפּעס אַ געפֿיל, װאָס דרײט זײ אינװײניג. שפּעטער אַ װײַלע, אַז דער ברען האָט נאָכגעלאָזט, האָבען זײ פֿאַרװוּנדערט אײנער דעם אַנדערען מיט אַ פּאָר גלעזערנע אויגען אָנגעקוקט, אויסגעשפּיגען, פֿאַרדרײט די קעפּ, איטליכער אין זײַן זײַט, געדרײט װי געװײנטליך און װײַטער אַ פּנים געהאָט װי די לײמענע גולמס״ [1]).

אײנס פֿון די טיפֿסטע דורכדרינגליכסטע שטעלען אין אַבראַמאָוויטשס ווערק!

...נאָר אַזוי זעלטען זענען די מינוטען פֿון דערוואַכונג, אַזוי גיך לעשען זיי אויס!...

און אָנגעטראָפֿען איינעם אַ וואָרעם, וואָס די באַגײַסטערונג האָט אויך אין זײַן „געפּגרט״ גופֿעל, ווי אַ גרוס פֿון גן-עדן, גע-נידערט,—און אַזוי דויערהאַפֿטיג, אַזוי מעכטיג הילכט אין דעם מענטש-ליכען חורבהלע דאָס געטליכע ליד,—די קרעכצען פֿון אַ צובראָכען האַרץ אויסגעמישט מיט די צאַרטע טענער פֿון די טיפֿסטע האַרצענסטרונעס,— שטוינט אַבראַמאָוויטש, ווי פֿאַר דעם נס פֿון פֿלאַקערנדיגען סנה אין מדבר, שפּיגעלט זיך אין דער אַנטפּלעקטער פּראַכט, קוויקט זיך, ווי אַ מידער וואַנדערער אין אַ גרין בליענדיג גערטענדעל, אומגע-ריכט אַפֿ׳ן לאַנגען, שווערען, זאַמדיגען וועג געפֿונען.

ס׳רוט זיך אָפּ דאָס אויג. ס׳רוט זיך אָפּ דאָס האַרץ. דער איינציגער עפּיזאָד אין בוך, אַף וועלכען מענדעלי קען צווויילען פֿאַר-געסען אָן דעם סאַרקאַזם, וואָס שטעכט קודם-כל זײַן אייגענע בלוטי-גענדיגע נשמה,—און רעדען פּראָסט, אָהן די הינטערמיינען און אָנצו-הערענישען, — מיט וואַרימע, ווייכע, באַלזאַמיגע ווערטער. —

דער לײַכטער אָטעם פֿון גליק פֿעלט טאַקי אין דעם עפּיזאָד. — אין אַ דין, קוים-קוים אָנזעיעוודיג טונקעל-זילבערן הײַטעל—אין די ספּעצי-

[1]) ז׳ 104. —

פּישע יידישע „גלות"=טרויעריקייט — איז די רירענדיגע געשיכטע איינגע־הילט. — דאָך איז דאָס כמעט אַנ'עלטע אידיליע, — ערטערווייס מיט צאַר־טע פּאַסטעלפאַרבען אָנגעשריבען [1]. —

---

די ערשטע 69 זייטלעך, ווי אויך אַ סך אַנדערע שטעלען אין בוך, האָבען אַ קנאַפּ שייכות צו דער מעשה פון דער ליבע צווישען דעם לומען און דער הארבאַטע.

זאָל מען באַט־אַכטען דיראָזיגע 69 זייטלעך — אינגאַנצען פאַרמאָגט דאָס חערק אַ קימא לן סך=הכל פון 158 — אַלס „צופור" צום „ראָמאַן"? — צו לאַנג און — צו = ליקסוסדיג!

ר' מענדעליס באַגעגעניש מיט ר' אַלטערן, זייער פאַרברענגען צוזאַמען, זייערע שמיסען און זייערע „געשעפטען" — עכט גאָלד, אַלס זעלבסטשטענדיגער קינסטלערישער עטיוד. —

ר' מענדעלי אין וואַלד, זוכענדיג דעם פאַרפאַלען=געוואָרענעם חבר; ר' מענדעלי, בגילופנדיג, אין פרעמדען גאָרטען; ר' מענדעלי פאַר'ן „סטאַנאָוואָי", אָנוועקענדיג „די גרוי=אַלטע פּאה", — די עטליכע קאַפּיטלעך — „אַן און פאַר זיך" — אַ פּראַכטפאָלע פּסיכאָלאָגישע נאָוועלע, וואָס מיט איר אַליין, נישט שרייבענדיג קיין אַנדערע זאַכען, וואָלט ש. י. אַבראַמאָוויטש זיך געקענט קונה־שם זיין אין דער יידישער ליטעראַטור. —

דער וויזיט אין דער יידישער קרעטשמע — אַ קליין מייסטערווערק פאַר זיך, אַ אַרכעאָלאָגישער, קולטורהיסטאָרישער דענקמאָל, אין קלאַסי־שע, עפּישע ליניען איבערגעגעבען. —

און דער שלוסאַקאָרד פון דעם מיט פאַרפאַלען און איינדרוקען פו־לען טאָג, — די סצענע, באַנאַכט, באַם פענסטער פון קרעטשמערס אַל־קערל, — איינע פון די מערקווירדיגסטע, דורכגעפילטסטע, דערהויבענסטע שטעלען אין דער יידישער ליטעראַטור, pendant צו דער „קליאַטשע", — די שטים פון דערוואַכט יידיש הארץ — דערשפּירט גאָר די דערנידערונג, גאָר דאָס אָפּקומעניש, גאָר דעם עלענט. —

... צו וואָסערן מין פון אַלע באַקאַנטע ליטעראַרישע פאָרמען

---

[1]) דאָס קאַפּיטעל איז געדרוקט געווען אין „[illegible]" נ"נ 90 און 96 פון 2 און 9 מאַי 1913. —

זאָל מען דאָס אזוי אייגענאַרטיג קאָמפּאָנירט ווערק פאַררעכענען? — צו קיינעם! — גרויסע טאַלענטען ברענגען־מיט אייגענע פאָרמען.

דער רעכטער נאָמען פאַר דעם ווערק וואָלט געווען: „אונטערוועגנס“. — אָדער, פּיליכט: „קיצור מסעות מענדעלי מוכר־ספרים“. —

דאָס בוך איז — אַן אַלבאָם פון אַ קינסטלער, וואָס האָט אַ סך גערייזט. — אַ טעקע מיט געמעלער, בילדער, פּאָרטרעטען, עטיודען, סקיצען, צייכנונגען, מיניאַטיורען. — און אַ פּאַסיג „מאָטאָ“ וואָלט פאַר דער רייכער קאָלעקציע געווען: „וואָס געזעהען“.

זעהן! דאָס איז געווען די פאָדערונג פון היסטאָרישען מאָמענט אין לעבען פון די רוסישע ייִדען, — און דער היסטאָרישער אויפגאַב פון ערשטען נאַציאָנאַלישען קינסטלער אונזערן.

בלינד איז דאַן געווען די ייִדישע גאַס, אין אַלטע פאַרגליווערטע לעבענספאָרמען מיט פאַרשימעלטע אַלטפעטערישע באַגריפען און השגות, אין טויטען אימפּעט פון פאַר הונדערטער יאָרען, וועגעטירט, — פאַרטראָגען אין די פאַנטאַסטישע טרוימערייען פון דער רעליגיעזישער ראָמאַנטיק, אָהן דער מינדסטער פאָרשטעלונג וועגען די רעאַלע אומשטענדען פון דער געגענווערטיגער ווירקליכקייט, אָהן אַ ניכטערנעם נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטליכען חשבון־הנפש.

דער אומפאַרמיידליכער איבערבראָך האָט זיך שוין אָנגעהויבען דעמאָלט אנצוצייכענען. עס האָט געווירען דער אָנפאַנג פון אַ גרויסער דעראַליזנג. נאָר די ערשטע שוואַלבען — בלומרשט דורך און דורך „רעאַליסטען“! — נאָך נישט רעכט אָנגעטאַפּט מיט די שוואַכע פיסעלעך דעם פעסטען באָדען פון דער געזונטער ווירקליכקייט — האָבען די אותה מינוט אַרויפגעשוועבט אין די פּוסטע רוימען פון זאַפטלאָזיגען, אומפרוכטבאַרען ראַציאָנאַליזם, אין וועלכען פאַרשטענדעניש פאַר דאָס קאָמפּליצירט קאָנקרעטע לעבען איז געווען נישט מער, ווי אין קאַבצאַנסקער בית־המדרש, הינטערן אויווען. — און אין נעפעל פון דער משכילישער אויבערפלעכליכקייט, לייכטזיניקייט און לייכטגלויביקייט איז דער בליק געווען קורצזיכטיג, געזעהען שלעכט, ווייניג, איינזייטיג און מטושטש. —

ש. י. אַבראַמאָוויטש איז דער ערשטער און דער גרעסטער ייִדישער „זעהער“. דער גאון פון זעהן.

נישט יעדער, וואָס פאַרמאָגט אַ פּאָר אויגען, באַזיצט די פעהיגקייט צו זעהן מיט זיי. באַטערקסט איינצעלהייטען, און ביזט נישט תופס דעם צו־

זאַמענהאַנג, דעם תּוך זייערען, פּאַסט נישט אויף די פּרטים אין זייער אָרגאַנישער איינציקייט. זעען און זיך אָפּגעבען רעכנונג אין דעם, וואָס זעיסט, דאַרף מען קענען.

איין גרויס, ברייט-אָפענעם אויג, מיט א טיפען, דורכדרינגליכען רעגענבויגען-בליק, אויב ס'איז נישט א לעקסיש דרייסטקייט אזוי זיך אויסצודריקען, — איז ש. י. אבראמאָוויטש.

קיין דערשיינונג אין דער אויסערליכער וועלט — צי איז דאָס א פּייזאַזש, צי א זשאַנרסצענע, א מענטש צי א בהמה, א פאָרפאַל, צי גלאַט עפּעס אזוי א געגענשטאַנד — איז פאַר אים נישט א ליידיג, גאָרנישטזאָגענדיג אָרט, א טויטער, גלייכגילטיגער פלעק. אלץ, אלץ רעדט צו זיין גייסט, וואָס איז תּמיד וואַך, ווי פּושקינס „עכאָ". דער כּלל און דער פּרט, דאָס טיפּישע און דאָס כאַראַקטעריסטישע, דאָס געוויינטליכע און דאָס אויסטערלישע, דאָס שיינע און דאָס מיאוסע, דאָס גרויסע און דאָס נישטיגע.

און איז דאָ, וואָס צו זעען, איז שוין אומעגליך, אבראמאָוויטשען זאָל עס נישט אריינפאַלען אין אויג אריין. מעג ער אפילו אָוועקקערען דעם קאָפּ, צומאַכען די אויגען, — א נעהעמע קראַפט וועט אים אויפרייסען די ווייעס — צווינגען: „קוק!" —

ש. י. אבראמאָוויטש האָט דיזאָזיגע אייגענשאַפט פון זיין קינסטלערישער נאַטור זייער ריכטיג געשילדערט אין דער פאָלגענדיגער מערקווירדיגער שטעלע פון זיין ווערק:

„אינטערוועגענס איינמאָל, שבעה-עשר בתּמוז, גאַנץ פרי, זיץ איך מיר אָף דער קעלניע פון מיין ביידעל אין טלית-און-תּפילין מיט דער ביטש אין דער האַנט, גאַנץ ייִדישליך. די אויגען זענען מיר צוגעמאַכט, כּבֿדי נישט אָנצוקוקען באָם דאַוונען די ליבטיגע וועלט. מעשׂה-שׂטן, אָבער, איז זי, די נאַטור, ווי הייסט מען עס, געווען וונדערשיין, נאָר א בילד, און עס האָט מיך געצויגען, עפּעס ווי א כּישוף, א קוק צו טאָן. איך האָב א היבשע צייט מיך געראַנגעלט מיט מיר אליין. דער יצר-טוב זאָגט: „פע! מען טאָר נישט!" — דער יצר-הרע, אקעגען, טאָרעט: „נישקשה! האָב הנאה, נאַרעלע!" — און עפּענט מיר דערביי טאַקי אויף איין אויג. עס פּוט מיר א שיין, נאָר ווי אַף-צו-להכעיס, עפּעס א בילדשיינע פּאַנאָראַמע: פעלדער געשפּרענקעלט מיט בליענדיגע רעטישקע, ווייס ווי שניי, לעבען נעלגיידענע ראַצעטאָרענע פּאַסען פון ווייץ און מאַט-גריגליכע, הויכגעוואַקסענע קוקורוזעס; א איינער גרינער טאָל, באַדעקט פון ביידע זייטען מיט וועלדלעך ניסביימער; אונטען פלייצט א טייכעל, ריין, קלאָר ווי קרישטאָל, און וועלכען עס טוקען זיך די שטראַלען פון דער זון און באַלייגען עס מיט פינקעלדיגע גילדענע פליטערלעך. די שאָף און די קי אַף דער פּאַשע דאָרט זעען פונדערווייטענס אויס ווי טונקעלע, רויטע, געפּלעקטע פינטעלעך. — „פע, פע! — מוסרט מיך דער

יצר־טוב מיט יענע ווערטער פונ׳ם פרק: א יוד אונטערוועגנס, אז ער איז מפסיק דאס לערנען און זאגט: „ווי שיין דער בוים איז, ווי שיין דאס פעלד, איז גלייך ווי ער טוט זיך אליין א מעשה און“. — דער יצר־הרע, אבער, פארטראגט מיר אונטער דער נאז מחיהדיגע ריחות פון סטערטעס היי, געווירץ און קרייטעכצער, וואס צעגייען זיך אין אלע אברים. ער צוגיסט זיך אין קוועציגע ניגונים פון אלערליי שפילפייגעלעך, וואס קיצלען בא דער נשמה. ער לאזט מיך פילען אף מיין פנים א ווארעם ווינטעלע, וואס גרייזעלט מיר די פאות, שושקעט מיר אין די אויערען: קוק, האב הנאה און זיי א מענטש, דו נארישער ייד איינער! — איך בעבע, מרוקע מיר, מישטיינסגעזאגט, אליין ניט רעכט צו הערען, וואס איך בעבע“ [1]. —

וויפיל עקספרעסיע, זאפטיקייט און פרישקייט אין דעם גרויסארטיגען געמעל, וואס דער ליכטיגער גוטמוטיגער הומאר, מיט וועלכען ס׳איז צוגעווירצט, גיט אים צו א באזונדער פיקאנטקייט!

דער איינפאל! — א ייד, א תלמיד־חכם, א פקח, און, ווי אף־צו־להכעיס, מיט א שיינער פאעטישער נשמה, און, דאריבער טאקי, מיט׳ן שטענדיגען אין זינען האלטען די התראה מכח׳ן „מה נאה אילן זה!“ — און דוקא דארף אף אים דער אייבערשטער אנשיקען אזא מין נסיון, — נישט דעמאייגענעם, וואס אף דעם הייליגען אנטאני, חלילה, נאר דאך א געווג מסוכנדיגען: אין איינעם פון די גרעסטע תעניתים, „ווען ווייגען און קלאגען באדארף מען אף דעם גרויסען חורבן, אף די גרויסע צרות, וואס די קינדער ישראל האט געטראפען“ [2], — שבעה־עשר בתמוז איבערבלייבען ביחידות, אף פיר אויגען, מיט דער רייצענדיגער יפת־תואר, „נאטור־שמאטור“, וואס לאקט, ציט, מאכט שיכור... א שיין שטיקעל פארלעגענהייט! —

דאס ארטיסטישע בלעטעל דעקט אויף. אף דעם אייגענארטיגען אופן, א טיף־כאראקטעריסטישען שטריך אין ר׳ מענדעלי׳ס פסיכאלאגיע. — ס׳איז, אבער, גלייכצייטיג א אנצוהערעניש אף אבראמאוויטשען אליין, אלס קינסטלער, — מיט זיין אייביג דורשטיגען, נישט־איינצוהאלטען־נייגיריגען בליק. —

דערזען עפעס, וועט „נישט דעלפען קיין שום קונצען“, — ש. י. אבראמאוויטש מוז אנשטעלען די אויגען, און אזוי לאנג קוקען, ביז דער אביעקט, וואס האט אף זיך זיין אויפמערקזאמקייט ציגעצויגען, וועט זיך ניט אפבילדען, געווי, „מיט אלע פישטשעווקעס“, אין קינסטלערישען זכרון פון גענייאלישען שרייבער.

---

[1]) ז״ז 15 — 16. — [2]) ז׳ 16. —

און אַ זכּרון האָט ער אַ געוואַלטיגען.

ס'איז אַ גאַנצע אומערשעפּליכע שאַצקאַמער פֿון באַאָבאַכטונגען און איינדריקען: — געשעיענישן און עובדות, מעשׂות און פֿאָרפֿאַלען, מענטשען און „פֿאַרשוינען", בילדער און סצענעס, פּאָעטישע מאָטיווען און מאַלערישע פּרטים, קוריאָזען און קלייניקייטען, „שטיקלעך" און „שפּיצלעך" — דרימלען דאָרט אין זייער גאַנצער לעבעדיקייט און פֿרישקייט איינגעזאַפּט און אָפּגעהיט, — ביז „ס'וועט קומען זייער טאָג".

אַ געלעגענהייט, — און אָט כאַפּט אַרויס די מעכטיגע און באַוועגליכע אַסאָציאַציע פֿון בילדער און פֿאָרשטעלונגען און רייכען כּח-הדמיון פֿון גאָטגעבענטשטען קינסטלער, אומגעריכט, איבעראַשענדיג דעם לעזער מיט דעם קאָסטבאַרען סורפּריז, דאָ אַזאַ און דאָ אַנ'אַנדער שטיק שמוק פֿון די קעניגליכע אוצרות, וועלכע עס פֿאַרמאָגט דאָס אויסערגעוויינטליכע געדעכעניש.

דעם קרעטשמערס „היבש חדר" האָט „קליינע פֿענסטערלעך". — „די טאַפֿלעס זענען אַטייל צושפּאָלטען, אַטייל געלאַטעט פֿון צונויפֿגעקלעפּטע שטיקלעך, און אַטייל אינגאַנצען אויסגעשלאָגען: נאָר ערגיץ אין אַ ווינקעל שטעקט אַ איבערגעבליבען שטיקעל גלאָז", — שילדערט דער אַלץ-זעיענדיגער ר' מענדעלי-ש. י. אַבראַמאָוויטש, און וואַרפֿט אונז אומדערוואַרט אַרויס אַזאַ מין גענויאַליש פֿאַרגלייכעניש: — „ווי דער איינאיינציגער צאָן באַ אַ זקנה".[1] —

מיר זענען אויסער זיך: אַזוי געטראָפֿען איז דאָס פֿאַרגלייכעניש. — און נאָך אַ רגע: עפּעס אַ אומהיימליך געפֿיל נעמט אונז אַרום פֿון דעם „איינאיינציגען צאָן פֿון אַ זקנה", — דעם לעצט-איבערגעבליבענעם שריט צום קבר, — און דער גרויסער שרייבער טרעפֿט אונז אינגאַנצען צו צו דער שטימונג, ווען ער גיט-צו ווענען דעם „איבערגעבליבענעם שטיקעל גלאָז": „באַ נאָר עפּעס אַ ווינטעל שאָקעלט זיך עס, שטיל געבעבעט: זים-זים-זים, זייער אומעטיג".[1] —

אגב, איז אונז דערקלערט אַ פּרט אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון קינסטלערס שאַפֿען, אויפֿגעדעקט דער סוד פֿון דער בילדער-אַסאָציאַציע: דאָס אומעטיגע „זים-זים-זים" — אָט וואָס עס האָט אין אַבראַמאָוויטשעס פֿאַנטאַזיע אַרויסגערופֿען די מיט שטילער-שטילער, טיף

[1]) ז' 56. —

פֿאַרבאַהאַלטענער טרויעריִגליִכקײַט פֿאַרצויגענע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם „אײַנגאײַנציִגען צאָן בּאַ אַ זקנה״.

דערצײלט ר׳ מענדעלי, ווי ער האָט „משונה־שטאַרק געשוויִצט״ אונטער דער בּריִענדיִגער־בּראָטענדיִגער זומערזון, און „דערפֿון גאַנץ הנאה געהאַט״, מחמת ער האָט „ליִב צו שוויִצען און קען שעה׳ן־לאַנג אַוועקליִגען איִן באָד הויט־העט אַף דער אײבּערשטער בּאַנק, בשעת דער גרעסטער היִץ: זײַן טאַטע, זאָל זיִך מיִען״, האָט איִם פֿון קיִנדווײַז־אויף דערצו געוויינט, — מאָלט ער אײַך, צום וואָרט, פֿאַר־בּײַגײענדיִג, גלײַך אָפּ אַזאַ פּאָרטרעט:

„ער איִז געווען אַ היִסער, געבּראָטענער, אַ בּרענענדיִגער, פֿײַערדיִגער ייִד. ער האָט שטאַרק ליִב געהאַט זיִך צו פּאַרען, צו שוויִצען און דערמיִט אָפּגענומען די וועלט, זיִך שטאַרק בּאַליִבּט געמאַכט בּאַם ייִדיִשען עולם. עס האָט געשטעקט דהיִנען דאָס פּינטעלע ייִדיִשקייט מיִט דעם בּרען און מען האָט אַף איִם געקוקט ווי אַף אַ שיינעם, בּאַגאָטיִשען ייִדען, געמאַכט מיִט דרך־ארץ: „יאָ, איִן שמײַסען־זיִך איִז ער אַ למדן־מופֿלג, ער פֿאַרשטייט דעם ענין מרחץ. ער קען, ער קען שוויִצען גאָר אַ חריִפֿות״ [1]. —

ניִשט גרויסאַרטיִג! — דער קיִנסטלער פֿון בּאָדבּעזעמעל איִן קרײַז פֿון זײַנע טיִפּזיִניִגע פֿאַרערער, דער אָריִגיִנעלער טיִפּ אַפֿ׳ן פֿאָן פֿון דער פֿאַרקריִפּעלטער קלײנשטעטלדיִקייט, וואָס האָט איִם געבּוירען! — און די קונציִג־פֿאַרמאַסקירטע סאַטירע, דאָס מעפּיִסטאָפֿעליִשע שמײ־כעלע! — אַלץ — איִן עטליִכע שורות איִן רעמעל פֿון אַ אַרטיִסטיִשער מיִניִאַטיור. —

ר׳ מענדעלי האָט זיִך אַרויסגעכאַפּט מיִט אַ אומפֿאָרזיִכטיִג וואָרט, וואָס האָט ר׳ אַלטערן געשטאָכען איִן דער זיִבּעטער ריִפּ, — און עס טוט איִם שרעקליִך בּאַנג, ער שטראָפֿט זיִך איִן האַרצען און זאָגט זיִך אַלײן מוסר [2]: „געוואַלט, מענדיִל, מענדיִל, שוין צײַט קומען צום שכל, ניִשט אַרויסזאָגען יענעם דעם אמת, ווי אַ ייִנגעל! בּיִסט דאָך, בּרוך־השם, שוין אַ ייִד מיִט אַ גרויסער בּאָרד. שוין צײַט זײַן אַ מענטש, פֿאַרשטײן, וואָס זיִך איִז נוצליִך און גוט״. [2] — ער גיִט זיִך איִן האַרצען אַ נדר, „ווײַטער זיִך צו היִטען מיִט אַ וואָרט, הערען,

---

[1] ז׳ 22. — [2] 106. —

זעין און שווייגען — די גוטע מדה פון אלע קלוגע, פיינע לייט, וואס איז נייטיג אין לעבען". איטליכען וועט ער נאר לויבען, באליבט צו מאכען זיך דערמיט באם עולם. — און אט — דערציילט ער — האט אים „זיך פירגעשטעלט גאנצע מחנות אונזערע גוטע מענטשעלעך, פעטערס מיט שיינענדיגע פנימלעך". — און פאר איהם איז א גלענ-צענדיגע כאראקטעריסטיק פון די פראפעסיאנעלישע אונטערלעקערס, וועלכע עס פעילט נישט אין יעדער געזעלשאפט, אין יעדען קלאב, אין יעדען גראד:

„זיי דרייען זיך אהין און אהער, חבר מיט דעם, מיט יענעם, טאנצען אף אלע חתונות, האבען שטענדיג נאר הנאה, קושען זיך מיט איטליכען, וואס ער איז פון אויווען, צוגייען פשוט פאר פרייד, רעדענדיג מיט יענעם פון זיין גליק, ווינטשעווען אים צו מיט טרערען אין די אויגען און מיט א זיס שמיי-כעלע אף די ליפעלעך, צולייגען אף טעלערלעך יענעמס גוטסקייט און גיבען אים עולם-הבא מיט דער פולער האנט; לויפען אנזאגען בשורות, געפינען זיך אומעטום, ווו נאר ערגיץ א קערמישיל, א שמחה, תמיד שיינען זיי די איי-געלעך, דער שטערען גלאנצט, די בעקעלעך פארפארבט, די נאז פייכט מיט זיימפערלעך. זיי זענען צופרידען, פריילעך, און קוועלען גאר אן... אז וויל איז אייך, פעטערס!" — [1]

אן דעם וויסטען קאליקע, וואס נאך אים הייסט דאס גאנצע זוערק, האט קהל, — דערציילט ר' מענדעלי, — אפילו בעת דער צווייטער כאלערע פארגעסען. — מילא, טרעפט אזא פינסטער מזל! — ניצט, אבער, דער גרויסער קינסטלער אוים די געלעגענהייט, דערמא-נענדיג וועגען דעם, אריינצופלעכטען אף דער שטעלע אזא געניאלישע זשאנרצייכנונג, אין א פאר קורצע שטריכען אויפגעפאסט:

...„די מומע אהן א נאז, וואס איר שטייגער איז צו העצקען זיך אין מיטען דער גאס, בשעת איר כלי-זמר'ל סקריפעט אף עפעס א מין פידעלע, אזיינענדיג דערצו אפ'ן בייקולכען, נעמט-צוגויף אף א טעלערעל נדבות, בכרי צוויי מתים זאלען גיין טאנצען, קאליקעס, קבצנים, ארימע מיידלעך זאלען, הלילה, נישט פארזיצען" [2] ... —

[1] ז' 105. — [2] ז' 34. —

ר׳ מענדעלי פֿרעגט האַרבע קשיות, און ר׳ אַלטער פּטרט אים אָפּ מיט אַ „בע״, — „פֿאַרקנייטשענדיג זיך מיט אַ פֿינסטער פּנים״, „אָהן לשון, אַ קראַץ געבענדיג זיך אין דער פּאה, אַ מאַך מיט זייער האַנט און אַ זיפּץ טיף פֿונ׳ם האַרצען״ [1]. — נאַטורשע אַ „ענציקלאָפּעדישען״ אַזויצוזאָגען, אַנאַליז פֿון דעם יידישען „בע״ — אין אַ שנירעל געטאָקטע בליצבילדלעך:

— „בע״ — איז באַ אונז, יידען, אַ טייער וואָרט, וואָס האָט זייער פיל טייטשען און איז אַ תירוץ אַף אַלע קשיות. „בע״ קען מען געברויכען אַלע צייט אין אַ שמועס און עס זאָל תמיד פּאַסען. אַ ייד קען מיט „בע״ זיך תמיד אויסדרייען, ווען ער איז, נעבעך, אין דער קלעם אין שטייט שמאָל. מיט „בע״ סלוקט אַ שווינדלער, אַ אָנזעצער, אַז די בעלי-חובות טרעטען צו מיט שטאַרקע טענות. „בע״ שטייט אַ יידען ביי אין דער נויט, ווען עס באַווייזט זיך, אַז ער איז נעבעך אַ ליגנער. מיט „בע״ קען מען אָפּענטפּערען יענעם, וואָס דולט אָן אַ קאָפּ צוויי שעה, נישט צו הערען, נישט צו פֿאַרשטיין אַפילו איין וואָרט פֿונ׳ם גאַנצען שמועס. מיט „בע״ קומט אָפּ אַ שיינער, צובראָכענער ייד, ווען ער דערלאַנגט שטילערהייט אַ בים; אַ שיינע-מורנו, ווען ער טוט אָפּ אַ מיאוסע מעשה; אַ דימענטיג מענטשעל, אָהן חכמות, ווען עס לאָזט זיך גאָר אויס, ער איז געמלאכהט, האָט פֿול פּליי אין דער נאָז. הכלל, „בע״ האָט אַלערליי טעמים, משונה ווילדע פּירושים, ווי אַ שטייגער: רוף מיך קנאַקניסעל, לאָז מיך צום ונתנה-תוקף, מהיכא-תיתי, קוממיות, גע-סמאַהע דיר פּאַרפֿול, און נאָך טייטשען אָהן אַ צאָל״ [2]... —

ר׳ אַלטער האַקט איבער זיין מעשה, — פֿאַררייכערט דאָס ליולקעלע, — דאַרף מען אַ מער נישטוויכטיגען, אַ מער „פּראָזאַישען״, אַזויצוואָגען, פּרט? — און דער מחבר פֿון „פֿישקע דעם קרומען״, זעיט איר, מאַכט פֿון דער געוויינטליכער קלייניקייט „אַ גאַנץ געריכט״:

„...אַלטער ווישט מיט׳ן עק אַרבעל פֿונ׳ם העמד אָפּ דעם שווייס פֿון זיין פּנים; נעמט פֿון דער בוזעמקעשענע אַרויס זיין פֿאַרצאַליען פּיפּקעלע מיט עפּעס אַ יפה-פּה אויסגעמאָלט דאַרויף; מאַכט-אויס מיט אַ דרעטעל, וואָס הענגט אַף אַ קייטעלע באַם טעמבאַקאָווען דעקעל פֿון דער ליולקעלע, דאָס קורצע

[1] ז׳ 26. — [2] ז׳ 27. —

ציבעבעל, פֿון וועלכֿס דאָס דינע איסגעבויגענע מונדשטיקעל, ווי אויך דער אונטערשטער טייל זענען גרוי־שוואַרצליכֿע בײַנדלעך, און דאָס מיטעלשטיקעל אַ ווײַסעס, אויסגעהעפֿט אַרום מיט זאַמדפֿאַטשערקעס; פֿאַרריכֿעוט דערנאָך דאָס פּיפּקעלע, טוט דערבײַ אַ קלײַן קיקעלע אַף דער יפה־פּה און ציט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, אונטער דעם בוים"... [1]

דאָס פּיפּקעלע מיט אַלע „מכשירים" זײַנע און די פּראָצעדור פֿון פֿאַררײַכֿערן — ווי לעבעדיג, מיט קלאַסישער גענויִקײַט און אָנ־טאַפּעוודיקײַט. — דערהויפּט איז פּראַכֿטפֿאָל דאָס גנבישע „קוקעלע אַף דער יפה־פּה", — אַ דעטאַל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע רײ־כֿערער: אַ בליק אַפּ'ן דעקעל פֿון דער זײַט, צי ס'ציט. —

אַמאָל גליטשט זיך פֿון דער פּען אַראָפּ אַ גאַנץ געמעל אַלס פֿאַרגלײַכֿעניש.

ר' מענדעלי שרײַט באַנאַכֿט, באַם פֿענסטער: „ס'טוט ווײַ, ווײַ, ווײַ"... — „אַזוי כֿאַפּט זיך אויף פֿונ'ם שלאָף באַדער־נאַכֿט אַ קראַנק קינד, נעבעך, יאָמערט פֿונ'ם האַרצען פֿאַר זיך אַלײַן, קוקט מיט די אײַגעלעך בעטענדיג רחמים" [2].

פּישקע דערציילט זײַן ביטערע געשיכֿטע, — די צוהערער זע־נען פֿאַרטראַכֿט, — און דערווײַל טוט זיך ר' מענדעליס „אָדלער" וויל, „פֿאַרקריכֿט אין דער זײַט לעבען דער תבואָה, שטעלט זיך צו־ווײַלען אָפּ און שטשיפּעט גראָז". ר' אַלטערס „שײַנע שקאַפּע איז ניט בעסער פֿון אים, טוט אים נאָך און כֿאַפּט אויך אַ קײַ". — „דאָס־אײַגענע טאַקי וואָס אין חדר, אַז דער רבי פֿאַר־קוקט זיך אַמאָל אין דער זײַט, פֿאַרוויגט דאָס קינד, אָדער האַמפּערט זיך מיט דער רביצין, פֿאַרקוקען זיך אויך די תלמידים און פֿאַלשעווען אין דעם לערנען" [3]. —

פֿון די רוסישע באַרימטע שרײַבער, האָט גאָגאָל ליב געהאַט אַזעלכֿע פֿאַרגלײַכֿענישען, אין פֿאָרם פֿון זעלבסטשטענדיגע בילדליכֿע עפּיזאָדלעך.

---

[1] ז' 33. — [2] ז' 61. — [3] 131. —

אין אײנמאָל אױפֿגעשװוּמען אין דער אײנבילדונגסקראַפֿט פֿון קינסטלער, װען ער האַלט אין שרײַבן, — װעט שױן גאָר נישט העלפֿן: — דאָס געמעל װעט נישט אָפּטרעטן, ביזװאַנען אַ ב ר אַ מ אָ װ י ט ש װעט עס נישט איבערטראָגן, אינגאַנצן אַזױ װי עס איז, אַפֿ'ן פּאַפּיר.

פּראָסט־פּשוט גענומען, „אָהן קינצען", װי מ'רופֿט עס, נאָך די השגות פֿון אַ מיטלמעסיגען בעלעטריסט, — קען זיך אַמאָל אױסװײַזן: די אָדער יענע זשאַנרסצענע, דער אָדער יענער לאַנטוך, דאָס אָדער יענץ בליצבילדעל איז, אײגענטליך, „לגמרי איבעריג", אין גאַנג פֿון דער דערצײלונג „להלוטין נישט נײטיג", „פֿאַרלענגערט נאָר די זאַך", האַלט אָפּ די נאַטירליכע אױפֿװיקלונג פֿון דעם „דראַמאַטישען פֿאָדעם", װאָס איז, אין תּוך, אין דער „שײנער ליטעראַטור" — „דער עיקר".

ר' מ ע נ ד ע ל י גײט זוכען ר' אַ ל ט ע ר ן, — באַדאַרף מען צו האָבען די אױספֿירליכע באַשרײַבונג פֿון דער קרעטשמע? —

פֿון דרױסען:

„די קרעטשמע איז געװען באַלאַנגערט אינדרױסען מיט פֿורלעך און װעגעלעך אַלערלײ. אַ טײל לײדיגע נאָר מיט אַביסעל שטרױ, אַ טײל פֿאַרנומענע מיט מיני זאַכען און חפֿצים, סײַ נישט קײן פֿאַרקױפֿטע, סײַ געקױפֿטע דאָרט אַפֿ'ן מאַרק. אױף אײן פֿורעל ליגט אין אַ זאַק אַ חזיר, אַרױסגעשטעקט פֿון אַ לאָך זײַן שײן פּיסקעל און מאַכט לעבער אין קאָפּ, שרײַענדיג משונה אױף אַ גרױלצענדיג קול. הינטער אַ װאָגען, אַנגעלײגט מיט נײַע לאָפּטיעס, מיט נײַע לײמענע טעפּ, טעפּלעך און מאַקערטעס, שטײט צוגעבונדען אַ רױט־געפּלעקטע קו מיט אײן האָרן און רײַסט זיך מיט אַלע כּחות זיך צו באַפֿרײַען, נוכער קומען צו איהרע אַלטע חברטעס אין שטאַל מיט דער בשורה: נישקשה, מען איז איהר נאָך נישט פּטור געװאָרען, געלײבט דער ש ו ר ־ ה ב ו ר, מען זעט זיך געזונט!... אַ פּאָר גרױע ברײטבײַלביגע, פֿײַנע אָקסען שטײען געשפּאַנט אין דעם יאָך, מאַכען אַזױ ערנסט מיט דעם מױל און מעלה־גרהן געשמאַק, קײן מינוט, חלילה, נישט מפסיק צו זײַן, גלײַך װי זײ זענען פֿאַרטיפֿט אין אַ װיכטיגער זאַך און טוען מיט זײערע אָקסענע קעפּ אױף עפּעס אַ גרױסען שׂכל. דעם אַ־ענגראַרם ציג שטײט דערהײמעל אַפֿ'ן װאָגען, שטעקט הינטערװײַטענם אַרײַן דעם קאָפּ אין אַ זעקעלע האָבער, נעמט בעהאַלד אױם אַרױס מיט אַ פֿיל מױל, פּירקעט, דרײַענדיג דאָס שװענצעל, קײַט, מאַכט מיט די באַקען,

טרעסעט דאָס בערדעל גיך, געשווינט, אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען. איין אַלטער, אויסגעדאַרטער דאַרפּסהונט, לעבט אַף דער עלטער פון קצבה, אָהן אַ שטעלע, מיט אַ הינקעדיג פיסעל און אַ קאַלטון, באַטבלענדיג זיך אים אַפ'ן עק, שאַרט-זיך-צו נאָענט צום וואָגען, קוקט מיט דרך-ארץ, קומט דער-נאָך צו נעענטער אַף עטליכע טריט, שמעקט, זופּט מיט דער נאָז, דערטאַפּט עפּעס אַ טרוקען, אָפּגעלעקט ביינדעל, לויפט מיט דער מציאָה אָפּ אַביסעל ווייטער, שטרעקט זיך אויס אַף דער ערד און נעמט זיך קנאַקען דעם ביין, האַלטענדיג דערביי דעם קאָפּ אין דער זייט אַף די פאָדערסטע לאַפּעס. —

דאָס פערדעל דאָרט אין יענעם וואָגען, נאָס ווערענדיג אים, אַ לאַנגע צייט צו שטיין אַף איין אָרט, גאָרנישט צו טאָן, נאָר דרעמלען, מאַכען מיט דער מאָרדע און שאָקלען די אוירען, איז זיך מישב אָפּצושטעקען אַ ווייזט אַ פּאָר איינגעשפּאַנטע אָקסלעך, וואָס טוען זיך ווויל איבער אַ זעקעל פּלאָווע, און זיין זייער אורח אַף ווייטערע. נאָר באַס גיין פאַרהאַקט די אַקס פון זיין וואָגען און אַ רעדעל פון אַנ'אַנדער פורעל, שור אומצוואַרפען עס. יענין פער-דעל דאָרט, אַרויסשפּרינגענדיג פון די האָלאָבלעס, טרעט-אָן איין אַנדער פערד אַפ'ן פוס, עס טוט אַ הירזשע און שטעלט זיך דיבאָס. די ציג דער-שרעקט זיך, טיט ניבער אַ שפּרינג און טרעט אָן דעם דאָרפּסהונט אַפ'ן ווייד. ער שפּרינגט דערשראָקען אוועק אַף דריי פיס, הילענדיג אַף אַ קוויטש מיט אַ צענגאָרענדיגען שלשלת". [1]) —

## און אינוועניג:

„דאָס אַלצדינג, וואָס אינוועניג אין קרעטשמע טוט זיך, דערפיל איך ביסלעכווייז, איינס נאָך דאָס אַנדערע כסדר, ניט אַף איין מאָל. דעם ער-שטען כבוד דאָרט האָט מיין נאָז. באַלד באַס אַריינקומען, נאָך אַף דער שוועל, טוט מיר אַ זעץ אַ שאַרף ביטערער צאַפּענשטינקענדיגער ריח פון בראָנפען, מאַכאָרקע און מענטשענשווייס אינאיינעם. אַז די נאָז ניסט אָפּ איר „מה טובו" פון אַזאַ ברוך-הבא מיט אַ הילך, צוגיסענדיג זיך אין שטייגער, גייען צום סמיך די אוירען. אַ רעש, אַ געפילדער פון אויסגעמישטע אינאיינעם דינגע, גראָבע, הייזעריגע, צוריפּעטע און כריפּעדיגע קולות קייקלען זיך אַריין אין זיי מיט אַ גרילצען, נאָר טויב צו ווערען. אַז די נאָז מיט די אוירען האָבען שוין זייערס אָפּגענומען, געהאַט זייער ערליך אויסקומעניש, זענען שטאַרק אין דער אַרבעט, נעבעך, די אויגען. נאָכדעם ווי זיי בלאָנקען זיך

---

[1]) ז"ז 52—53. —

פריער אַרום אין דער טונקעלניש צווישען אַ געדיכטען עולם מענטשען, צונויפ־געשמאָלצען אינאיינעם, נישט צו האָבען אַ פּיצעל סימן פון עפּעס אַ זאַך, דערזעיען זיי פונדערווייטענס אַף אַ לאַנגען הילצערנעם טיש אַ חלבדיג ליכטעל אין אַ לײמען לײכטערל, וואָס ברענט מיט אַ רויטען שטעכענדיגען פלאַם, אַרומ־גערינגעלט מיט געל־גרין־בלוי־גרויע רעדער, ווי רעגענבויגענס פון דער הייסער פּאַרע און ווײלען רויך, וואָס שלעפּען זיך איבער דער שטוב אַרום. ערשט דערנאָך הייבען־אָן אַרויסצושווימען פון'ם טונקעלען טומאַן כסדר: נעז, בערד, בערדלעך, טשופּרינעס, גאַנצע פּנימער און צורות פון מאַנסבילען און נקבות. עס שווימען אַרויס רעדלעך מענטשען, אַטייל האַלטען זיך אַף די פיס, ערשט נאָכ'ן פּערדען, פּיפּטען טרונק בראַנפן. אין דער ווייט האַלזען זיך צוויי שכורימלעך, זידלען זיך פאַר גרויס ליבשאַפט מיט מיאוסע ווערטער. לעבען זיי שטייט אַ פּלוניתטע בארוויס אין אַ קורץ קליידעל מיט אַ געשטיקט העמד אויסגעשניטען ווייט און האָט הנאה, פּאַטשט איינעם, דעם אַנדערען אַפ'ן רוקען מיט גוטען, מאַכענדיג דערביי: „גענוג, אַהיים, אַהיים!" — דאָס שיכורע פּאָרפאָלק אָבער שמעלצען זיך נאָך מער פאַר ליבשאַפט, נעמען זיך שטייפּער אַרום אין פאַלען. ווידער אַטייל זיצען אַף לאַנגע בענק לעבען פלעשלעך מעקה מיט פאַרבייסען. צוויי בעלי־הגופן טרינקען איינער צום אַנדערען לחיים און זענען ביידע, ווי מען זאָגט, בגילופין. איינער, אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון'ם ביטערען טראָפּען און וואָס דאָ איז שטענדיג זיין מקום־מנוחה, ווינטשט זיך פונדערווייטענס, רייכערענדיג זיין ליולקעלע, דאָס מיט דיזאָזיגע צוויי לייט, דאָס מיט יענעם, דאָס מיט איין אַנדערען און ווינטשעוועט־צו: „לחיים, לחיים!" כאָטש מען קוקט זיך אַפילו אַף אים נישט אום. און נאָר צו לעצט שווימט אַרויס אין דעם געשטאַלט פון אַ ייִדענע, אַ ריררענדיגע, אַ זשוואַווע, מיט אָפּ־געבלאַקעוועטע פּעלענע מושקעס און עפּעס אַ מין טיכעל אַפ'ן קאָפּ, דעם שענקערס ווייב מיט איר כבוד אַליין, לעבען פעסלעך, פלעשער, קעלישקעלעך, גלעזלעך, קרענצלעך בייגעל, געקאָכטע אייער, דאַרע פישלעך און שטיקלעך פאַרהאַרטעוועטע לעבער. דאָס מויל מאַכט איר זיך קיין רגע ניט צו, די הענט אירע רוען אויך נישט פון'ם טענהן, רעדען מיט איטליכען באַזונדער, פון'ם געבען און נעמען, גרייט געלט מזומן, אָדער משכנות אָדער מיט אַ קריידעל אָנשרייבען אַף דעמס, אַף יענעמס חשבון פּאַסקעלעך און רינגעלעך" [1].

---

[1] ז"ז 53—54. —

נאָר לייענסט איבער די פּראַכטפאָלע, רעליעפע, ווי אין שטיין געקריצטע שילדערונגען, האַלטענדיג אין זין אַבראַמאָוויטשעס נוסח בכלל און דעם גאַנצען שניט פון בוך, — שפּירסטו און זייער שאַרף: — פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש דעם ענין גענומען, וואָלט אין דעם אָרט, אָהן דער קלאַסישער באַשרייבונג, געוועזן אַ לאָך. עפּעס וואָלט געפעלט. אַזאַ מין איבערהיפּערונג וואָלט געוועזן דערווידער דעם גייסט פון ווערק און אונזער גרויסען מאָלערס אייגענאַרטיגער קינסטלערישער מ אַ נ ע ר ע.

אין דער מינוט, וואָס דאָס אָדער יענץ בילד שטייט פאַר אונזער קינסטלערס אויגען, איז עס פאַר אים דער צענטר פון זיין אויפמערקזאַמקייט, די נקודה, אויף וועלכער ער קאָנצענטרירט די גאַנצע אָנשטרענגונג פון זיין אַרטיסטישער קראַפט, — הגם ניט אַרויסלאָזענדיג דערביי פון זינען דאָס ווערק אים גאַנצען, מיט זיין פּלאַן, אינהאַלט און אידייע.

נישט כאַפּ-לאַפּ, פון יוצא-זיין וועגען, אַבי אָפּצופּטרן, — מיט דער היילינגסטער ערפורכט, מיט דער שטאַרקסטער ליבע, מיט'ן טיפסטען געפיל פון אחריות, מיט דער העכסטער געוויסענהאַפטיקייט, מיט דעם גרעסטען ערנסט און מיט דער שטרענגסטער פאָרזיכטיקייט — איז אויסגעשריבען יעדער עפּיזאָד באַזונדער. — איטליכער שטריך — געמאָסטען און געוואויגען, געטאָקט און געפּיילט און געשליפען, באַהויכט מיט אמתער באַגייסטערונג, אָפּגעשטעמפּעלט מיט דער חתימה פון גאונות.

תמיד וואַך איז דער ריזיגער אינטעלעקט. — בעת דער אַרבעט, אומאויפהערליך און אומדערמידליך מ אָ ב י ל י ז י ר ט אַלע פּסיכישע קרעפטען: דער געדאַנק און דער כח-הדמיון; דער זכרון און די אַסאָציאַציע פון אידייען, פאָרשטעלונגען און געפילען; די איראָניע, דער סאַרקאַזם, דער הומאָר, דער ליריזם, — ווירקענדיג אין מערקווירדיגער איינִיקייט.

און פּלוצים, דאָ און דאָרט רוקט די געהיימע האַנט פון שאַפונגספּראָצעס אַרויס דאָ דעם, דאָ יענעם יסוד, ער זאָל הערשען איבער דער אַלגעמיינער קאָמבינאַציע, — און דערפון נעמט זיך דאָס, וואָס כמעט יעדער עפּיזאָד אין דעם זעלטענעם בוך האָט זיך זיין אייגענעם פּרצוף.

אין איטליכס בילד קען אַ ב ר אַ מ אָ וו י ט ש אַריינטראָגען אומ-

גערינגט אַזאַ מין אַקאָרד, וואָס טוט עס מיטאַמאָל אַ הייב אויף העכער פון זיין פּריוואַט, אָפּגעשלאָסן, ענג רעמעל, — צוגעבנדיג דעם אַ ברייטערע, אַלגעמיינערע, שטאַרקערע באַטייטונג.

ר׳ מענדעלי שילדערט, למשל, די גלופּסקער געמיינערטע באָד:

„אין איין ווינקעל זיצן רופאים מיט דעם קליבערינעצייג, אַרום זיי יידען א סך. איין רופא נאַלט קעפּ, דער אַנדערער רופא מיט אַ ברייטע צוקאָראַשעט פלייצעס, שטעלט באַנקעס דעם, כאַפּט אַראָפּ געשטעלטע באַנקעס בא יענעם, און יידיש בלוט גיסט זיך פייערנטנו אַף דעם פּאָל, אונטער מענטשן, פּאַרטיישט אינאיינעם מיט בעזעמער פון בעזעמער און אָפּגעאַלטע האָר. — דעם רופאס ברענענדיג ליכטעל שטעלט זיך מיט א ציפּלאָנטענעם קנויט, שפּריצט, ברייגעט מיט אַ בייזער, מיט אַ פלאַם-פייער פון א מיתה-משונה קאָליר׳ ... [1]

און ווייטער:

„אַף די טרעפּ, אַף דער סטעליע, לעבן אויוון הענגען, ווי אין דעם גרעסטן מאַגאַזין, אַלערליי קליידער: העמדער, זאָקען, כל-אַמיני לייבצודאַקען, אַלע סאָרטן תחתונים, קאַפּטאַנעס, קאַפּאָטעס, אויך קיילעכדיגע פּעלצענע היטלען׳. [1]

און נאָך:

„פון דער אייבערשטער באַנק לאָזן זיך הערען שרעקליכע קולות. אַ טייל יידען ליגען דאָרט אָהן כּחות, זיפצען און קרעכצען, א טייל זינגען געוואָפענעס מיט בעזעמלעך און שרייען: נעהאַלט, יידישע קינדער! געוואַלד, האָט רחמנות! געוואַלט! געהאַלט, פּאַרע!׳ [2] ...

און נאָך:

„אין באָד הערט קאָלט, אַלע שרייען, און איינער שטרעקט ניט אויס א האַנט. אויפּצוגיסען אַפ׳ן שטיין, ביז צום סוף געפינט זיך עפּעס אַ ווייטעחברהניק און מאַכט אַן אַזאַ היץ ווי אין גיהנום, אַף דערשטיקט צו ווערען׳. [3]

און נאָך:

„צוויי אויסגעדייקטע יידען שלאָגען זיך דאָרט פאַר אַ ראַשקעלע, איינער פון׳ם אַנדערנס הענט מיט זידלעריי אַ שרעק. אַ דאָרטער מלמד, וואָס בלאָנקעט זיך דאָ אַרום אָהן געצייג, לייגט זיך אַריין אין שלום, מאַכט אַ פּשרה -- און אַלע דריי טונקען זייערע פאַרשמאָלציעטע פּאַפּשייכעס און וואַשען זיך פון איין ראַשקעלע׳. [3] —

אַ ביסעל מיסטערהאַפּטיגע צייכנונגען. אַלע צוזאַמען גיבען ווי אינז אַנ׳עכט האַמעריש, אין פולען זין פון וואָרט עפּיש בילד. גע-

[1]) ז׳ 36. — [2]) ז״ז 36 — 37. — [3]) ז׳ 37. —

וואלטיגע אויספירליכקייט און גענויקייט, — און דאדורך: א מיינגע זשאנר.

ביז דעם מאמענט האט איר פאר זיך בלויז די אלטע יידישע באד, מיט אירע אלטפעטערישע פארשוינגען, די באד, אלס אזעלכע, אלס מרחץ, אלס „סאניטאריש-היגיעניש אנשטאלט", אזויצוזאגען.

נאר אט גיט אבראמאוויטש צו נאך עטליכע אויסגעצייכנטע צייכנונגען:

„אויוועגאן אין א קופקעלע, זיצען מיוחסים, נגידים, לייטישע מענטשען און שטיסען עסק, פון תוך-זאכען: מכח די טאקסע, מכח היינטיגע עזות-פנימער, מכח דעם נאבאר, מכח די וויבארעס אף גלאסנעס, אך א רב, מכח אכטצען און דרייצען און מכח דעם נייעם פאליצמייסטער.

„צו זיי שארט זיך צו, ווי א קעצעלע, עפעס א שיינער ייד און מאכט א שמועס מכח דער תלמוד-תורה, מכח די נייע גזרות, מכח חטאים און שטאדט און ריימט דער-ביי אויסליכען איין סידות אין אויער...

„פלוצלים קומט-צו אייגער א הוילער יונג, האט שארפט די ציין אף גלאסנע, און פארבעט מיט א הניפה-שטיכעלע אף דער אייבערשטער באנק דעם גרעסטען יחסן און בעל-דעה, וועלכען ער וויל אביסעל אויספאדען משאקענדיג מיט זיין כבוד אליין.

„דער שיינער ייד, וואס האט אייך א קוק אף עפעס א התמנות און וויל אפלע-קען א ביין, פאלט דעסגלייכען אף דעראייגענער המצאה, טוט זיך א בייג מיט א חניפה-לע און פארבעט אייך א יחסן צום טאגין.

„אלע קריכען ארויף אויבען אף דער באנק, די בעזעמלעך הייבען זיך, און די געשעפטען ווענען אפגעמאכט" [1]..

גאר א פרישער מאטיוו, פאר דעם בילד גופא אינגאנצען, דאכט זיך, א פרעמדער, ווי פונדרויסען גאר אריינגעריסען זיך און — צורוקט די רעם.

שוין נישט בלויז דער אלטער יידישער מרחץ, אלס אזעלכער, די אלטפרענקישע יידישע „סאניטאריש-היגיענישע אינסטיטוציע", — עפעס גרעסערס, וויכטיגערס איז פאר אייך: א גאנצער א צענטר פון אלטפעטערישען יידישען כלל-לעבען, א מין פאליטיש-געזעלשאפטליכער „קלוב", א לאבאראטאריום פון די קהלישע געשעפטען, ווי, להבדיל, דאס בית-המדרש, אמאל אומעטום און יעצט נאך אין די קליינע שטעטלעך.

---

[1]) ז' 37. —

דאָ ווערען געבוירען, צוגעגרייט און פאַרווירקליכט פּלענער; דאָ פאַרוואַרפט מען נעצען, מ'פאַרפירט אינטריגעס. מ'שליסט בלאַט און מ'מאַכט אָפּ די וויכטיגסטע געשעפטען. — די הויפטפיגורען פון אַמאָליגען רעדעלפירעריי: דער גרויסער יחסן און, דאַדורך גופא, דער גרעסטער בעל-דעה, כמעט זעלבסטהערשער; דער שיינער ייד, דער חונף, און ניבול-פהניק; דער ווילער-יונג, דער פרעטענדענט אַף אַ גלאַכנע, אַ מגושם נפש'ל מיט לזיוויטשער הענט, נאַטירליך... מ'פאַרקויפט איינער דעם אַנדערן דאָס קהלישע שעפּעלע, — און מ'שערט געשמאַק די שטומע צאן-קדשים...

ניִשט וואָר, אַדאַנק די לעצטע צונעקומענע צייכנונגען, איז דאָס בילד מיטאַמאָל אויסגעוואַקסען? — די באַד — שוין ניִשט בלויז אַ באַד פאַר זיך, נאָר נאָך עפּעס: אַנ'איינגעאַרטיגע אָפּשפיגלונג פון גאַנצען יידישען לעבען אין יענער צייט, מיט זיין ס ד ר, ט אָ ן און א יי ג ע נ ט י מ ל י כ ק ײ ט ע ן; — אין אַ געוויסער מאָס אַ גענויאַלישער ס י מ ב אָ ל פון דער כנסת-ישראל און איר פאַרקריפלונג; — און אָהן אַ שום ספק — אַ ג אַ נ ץ ש ט י ק י י ד י ש ע ק ו ל ט ו ר ג ע ש י כ ט ע...

זיין מאַניערע צו רעדען מיט רונדע, רייכגלידערדיגע בילדער, סקיצען מיניאַטיורען, גיט אַבראַמאָוויטש איבער אויך די העלדען פון דעם בוך.

ר' מ ע נ ד ע ל י, ר' אַ ל ט ע ר, פ י ש ק ע — דריי אַזוי פאַרשידענע טעמפּעראַמענטען. יעדער פון זיי האָט זיך זאָגאַר זיין אַרט רעדען. נאָר אַלע זענען זיי אין געפאַנגענשאַפט באַ דעם גרויסען קינסטלער, היפּנאָטיזירט פון זיין וואונדערליכען כח-הדבור. און אַלע רעדען זיי, ווילענדיג-ניטווילענדיג, מיט אַ ב ר אַ מ אָ װ י ט ש ע ס נוסח, אַף זיין שטייגער, מיט זיין שפראַך צוווײַלען.

און ס'איז שווער צו זאָגען, דאָס זאָל זיין אַ גרויסער פעלער, ווי ס'קען זיך, אין פלוג, אויסדאַכטען. פאַרקערט, דאָס ווערק געווינט דערפון אַ סך — אין זין פון אינטימער אויסגעהאַלטענקייט, אין זין פון אָרגאַנישער איינציקייט. אַף „אָ ר ג אַ נ י ש ע ר" — דער טראָפּ. אין „פישקע דעם קרומען" האָבען מיר דוקא ניט בלויז די אויבערפלעכליכע, מער-וועניגער דייטליך געקינצעלטע איינציקייט פון אַ מעכאַניש, הגם מיט אַ גרונטאידייע צוזאַמענגעשטעלטען מוזיי, ווי ס'וואָלט רעכט געווען אין דיזען פאַל צו דערוואַרטען. — דאָס ווערק צייכענט זיך אויס — און דאָס איז אומגעהייער פיל, דערין שטעקט די גרויסקייט זיינע, — מיט דער טיפער

איניווייניגסטער אייניקייט, מיט דער וווּנדערלעכער אינווייניגסטער האַרמאָניע: דאָס איז אַ געוואַלטיג מעכטיגע פּאָעמע, וואָס פֿון די ערשטער שורה ביז דער לעצטער ליגט אָף איר דער צוזיבערגלאַנץ פֿון דעם אויסדערוויילטען גייסט, וועלכער האָט זי פֿון זיך, ווי אַ פֿייערשפּייענדיגער באַרג אַ ריזיגען שטראָם פֿלאַקערדיגע לאַווע, אויסגעהויכט. — [1]

---

אין „פֿישקע דעם קרומען" שפּירט זיך, אָף שריט און טריט, — ווי אין אַלע, אייגענטליך, כמעט אָהן אויסנאַם, ווערק אַבראַמאָוויטשעס, — זייער שטאַרק דער מוסרזאָגער, דער זיטענלערער.

דאָס שטראָפֿען, דאָס לערנען איז שוין, ווי באַוווּסט, די צווייטע נאַטור פֿון אונזער גרעסטען שריפֿטשטעלער, וואָס האָט זיין ליטעראַרישע קאַריערע אָנגעהויבען מיט אַנ'אַרטיקעל וועגען דערציהונג און מיט פּאָפּולער-וויסענשאַפֿטליכע קאָמפּילאַציעס.

אָבער דער מוסר אין דעם בוך איז נישט אַ פֿרעמדער עלע-מענט, וואָס רייסט זיך אַריין פֿונדרויסען, צושטערענדיג די האַרמאָניע פֿון קינסטלערישען גאַנצען. — אין „פֿישקע דעם קרומען" האָט אַבראַמאָוויטש דער קינסטלער ענדגילטיג באַזיגט און אונטער-יאָכט אַבראַמאָוויטשען דעם מאָראַליסט. — דער מוסר איז געוואָרען בלויז אַ נאַטירליכער באַשטאַנדטייל, אַנ'אָרגאַנישער איינגרעדיענט פֿון די פֿאַרבען. אָהן אויסערליכער אָנשטרענגונג, ריין אינערליך שפּריצט די מאָראַלישע סענטענציע פֿון די גע-מעלער, און איז אַליין — מאָלעריש.

ר' מענדעלי לערנט מיט זיך אַליין „בלק" פֿאַר די „לאַנגע צונג", — און, ווי זיין שטייגער, פֿאַרפֿירט אַ ברייטען, רונדען פּזמון.— „דיך, טאָכטער, שטראָף איך, — דיך, שנור, מיין איך!" — און דער

---

[1]) דאָס קאַפּיטעל איז געווען געדרוקט אין „מאָמענט" נ"נ 102, 108, 114 פֿון 16, 23, 30 מאַי 1913. — דאָ ווערט עס איבערגעדרוקט מיט מילואים. —

מוכר-ספרים דער פקח, דערלאנגט איך, אף דעם שטח פון א קנאפ בלעטעל, — א גאנץ שטיק אלמענטשליכע זיטענפילאזאפיע, אף וועלכע ש. י. אבראמאוויטש איז שטענדיג אזא בעלן. — דריט, אבער, נישט נ׳זועק מיט׳ן קאפ: נישט מיט׳ן קלאץ-לשון פון א קעלביגען בעל-הדרשן ווערט דא גערעדט: „רבותי! זייט נישט קיין חונפים, קיין צולעקערס! מ׳טאר נישט אונטערבאמקען איטליכען, קיינעם קיין אמת ווארט אין די אויגען נישט זאגענדיג!״... און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. — ניין! פאר איך איז די פראכטפאלע שטעלע וועגען די „פעטערס״. [1]

עס קען מכח איר קיין ספק נישט זיין: דאס איז א קאפיטעל שטראפרייד, אזויצוזאגען. — אבער מערקווירדיג: דאס בלעטעל מוסר לאזט זיך מאלען. — עס בעטען זיך אונטער׳ן פענזעל די ליבהארצעדיגע „פעטערס״, וואס — „תמיד שיינען זיי די אייגעלעך, דער שטערען גלאנצט, די בעקעלעך פארפארבט, די נאז פייכט מיט ווייטפערלעך״... — דער מוסר-השכל איז אויסגעדריקט מיט דער גאנצער עקספרעסיע פון א מאלער, וואס זעט נישט די מדה אפגעטיילט פון איר טרעגער, און קען זי נישט שילדערן אנדערש, ווי אין די פיזישע און פסיכאפיזיאלאגישע איינגעשאפטצונגען פון די לייטלעך, אין וועלכע זי איז פארקערפערט. —

אנ׳עולה, וואס בא אונז איז נישטא קיין גרויסע אילוסטראטארען — מיט דעם זעלטענעם טאלענט, די פאעזיע פון ווארט צו איבערדיכטען אין פאעזיע פון פארב. — ווער האט געזעען אלעקסאנדער בענואס גרויסארטיגען בילדערקאמענטאר צו פושקינס „פיקאוואיא דאמא״? — ווען א יידישער מאלער זאל אזוי פרוווען צוגיין מיט דער פארבענברעט צו ש. י. אבראמאוויטשעס ווערק; — ספעציעל — צו „פישקע דעם קרומען״; — וואלט זיך דען נישט אנטפלעקט פאר זיין באגייסטערטען בליק א אומדערשעפליכער מטמון פון קאסטבארסטען מאטעריאל! — נישט מעמעס — גרייטע געמעלער: — נעם — און טראג-איבער אפ׳ן לייווענט! — א גאנצע גאלעריי, — נישט בלויז פון יידישער קולטורהיסטארישער באטייטונג, — נאר אויך פון אייביגען, אלמענטשליכען, עסטעטישען ווערט. —

[1] זעי אויזעץ ז׳ 69. —

נישטא א צווייטער שרייבער בא אונז, — און בכלל, נישטא אסך אזעלכע פאעטען, ראמאניסטען און נאוועליסטען אין דער וועלטליטע־ראטור, וואס זייערע שאפונגען זאלען זיין — אזוי דורך־און־דורך, אזוי פון אנהייב ביז סוף, פונ׳ם ערשטען בלעטעל ביז׳ן לעצטען, אזוי אף איטליכער שטעלע, ווי מ׳וועט נאר דאס בוך א עפען טון, — אויס־דריקליך מאלעריש־בילדליך.

דער פענזעל־קינסטלער par excellence איז ש. י. אבראמאוויטש. — קיינמאל „באשרייבט" ער נישט, אין ליטערארישען זין פון באגריף. ער דערציילט נישט וועגען דער זאך, וואס שטייט פאר זיין גייסטיג אויג. — תמיד ווייזט ער זי אייך: „נאט, קוקט!" — ווייזט פלאסטיש. אימער געטריי, אימער בולט. שטענדיג מיט פעסטער האנט, מיט אויטאריטעטישער זיכערקייט.

זוכט ניט אין „פישקע דעם קרומען" אזא שטעלע, אף וועלכע איר זאלט קענען זאגען: „די צייכנונג איז ניטדייטליך; דער פאן צו־שוומען; די אומריסען צוראנען". — ש. י. אבראמאוויטש ווייסט ניט, וואס הייסט: ניט גוט זעען, ניט פינקטליך געדענקען, ניט ריכטיג איבערגעבען. — א געהיימניספולע קראפט פירט זיין האנט, און לעבען, צאפלדיג, אטעמענדיג לעבען ווערט אונטער זיינע פינגער באשאפען. —

איז ניט א פראכטיג געמעל דער ייד מיט דער גרויסער בארד, אף דער קעלניע פון זיין ספרימבעדעל, אין טלית־און־תפילין, מיט דער בייטש אין דער האנט, אין א הייסען זומערדיגען טאג, אפ׳ן וועג, צווישען פעלדער, געשפרענקעלט מיט בליענדיגער רעטשקע, ווייס ווי שניי, לעבען געלגילדענע ראצעמארענע פאסען פון ווייץ און מאטגרינגליכע, הויך־געוואקסענע קוקורוזעס — ?

א גרויס לאנטוך — און אף אים: עטליכע פעסטע, דרייסטע, געדעכטע, זאפטיגע, גלאנציגע פענזעלשמירען, פול מיט אויסדריק, פערספעקטיוו, לעבען אין דער ליכטיגער, רענענבויגענדיגער פארבענ־שפיל! —

בעט זיך נישט: „מאל מיך!" — די מיט קאמיזם און הומאר דורכגעדרונגענע סצענע פון ר׳ מענדעלים באגעגעניש מיט ר׳ אל־טערן? — :

...—מין ביידעל איז אריין אין קאליזשע, וואס אף דעם בעל־העגלהשען לשון הייסט עס „א טינטערגל". אין דעם הינטערשטען רעדעל איז פארשטעקט איין זקס פון עפעס איין אנדער בידעל. דאס פירדעל מיינס שטייט און געהאקטע ווענדען

מיט אין פוס איבער דער האלאבלע, פארדרייט אין די לייכער און סאפעס, ווי א גאנ׳... דארט אונטערן [1]) וואגען לויגם פארפלאנטערט אין טלית-און-תפילין א ייד, די בייטש פארדרייט מיט די רצועות, צאפלט און ארבעט מיט אלע כוחות זיך אויסצודרייען׳ [2]).—

אדער דאס זשאנרבילדעל: —

—...,איך שריי: „ס׳מיישש!׳ ער — „ס׳מישש, ס׳מיישש!׳ איך בעט צו איט אויס אלע חלומות, ער בעט צו מיר, נישט אנצוקוקן איינער דעם אנדערנס פנים. איך פילדער: „ווי שלאפסט עס און דאמענען א ייד!׳ ער צוריק: „ווי פאפסט עס א ייד!׳ איך גיב אים אין כאזען, ער מיט א צוגאב אין דער מאמען ארײַן! איך ש״יים זיין פערדעל, ער, אויספלאנטענדיג זיך, לייפט און שמייסט מיין פערדעל; ביידע פערדלעך שטעלען זיך דיבאס, און מיר, שטארק אנגעצונדען, לאזען איינער צו דעם אנדערען זיך צו הענדום-פענדום, ווי די הענער, מיט דער דעה אנצוינעמען זיך פאר די פאות. אקענען א רגע שטייען מיר שטיל, שארף אנקוקענדיג איינער דעם אנדערן׳ [3]) ...

דער אויטאר אליין קען זיך ניט באהערשען—תידוש׳ט זיך און קוויקט זיך:

...„עס האט געצווט זיך אויסזעיען משונה-תילד, האבען דעם זיבעטען חן: צוויי יידישע גבירים אין טלית-און-תפילין שטייען אנגעדרודעלט, גרייט צו באווייזן זייער גבורה און זיך פאטשען אפ׳ן פרייען פעלד, ווי אין א בית-מדרש, להבדיל!... אזעלכס האט מען באמת געטענט אף הידושים גיין זעיען׳ [4])

איז ניט גלייך פון א רעם ארוים דער קלאסישער פייזאזש מיט דער פראכטפאלער זשאנרפיגור אין צענטר, ווען — „דער הימעל איז בלוי, לויטער אהן א פיצעל וואלקען; די זון בראט, סמאלעט, עס ווייעט נישט קיין ווינטעלע, מען פילט נישט קיין ליפטעלע; די תבואה אף די פעלדער, די ביימער זיין די וועלדער שטייען שטיל, ווי צוגעקאוועט, קיין שאקעל אפילו זיך נישט צו טון; קי אף די פאשע ליגען מיד, אויסגעשטרעקט די העלזער, שאקלען צווייטלען די אויערן, קייען און מעלה-גרהן, אנדערע גראבען אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, שארען מיט די קאפיטעס און רעווען, שרייען פון גרויס היץ׳, [5]) — און ר׳ מענדעלי — „ליגט זיך פאר גרויס היץ פשוט צוליינגט אף דעם וואגען אין העמד, מחילה, מיט דעם טלית-קטן, אונטערגעהויבען אפ׳ן שפיץ קאפ דאס געשטעפטע פעלפענע היטעל און אראפגעלאזען ביז די פיאטעס זיינע אונטערגענייטע ברעסלער וואלענע זאקען, וואס ער טראגט, בעונותינו הרבים, אין זומער אפילו, און האט משונה-שטארק געשוויצט"...? [6]) —

[1]) צווייטען. — [2]) ז׳ 17. — [3]) ז״ז 17—18. — [4]) ז׳ 18.—
[5]) ד׳ 21. — [6]) ז׳ 22. —

די צוויי גוטעפּרײַנט, בײדע מוכר-ספרים-ניקעס אונטער'ן בוים, צווישען „וואַלד, שײנע פּעלדער און אַ געמײזעבץ," אַף וועלכע די זון האָגעלט מיט פּײַער, — יעדער אין זײַן פּײַנעם שטאַט, שוויצענדיג געשמאַק און שמיסענדיג וועגען „געשעפּט" און אַנדערע זאַכען, — ניט אַ דאַנקבאַרער סיזשעט פאַר אַ יידישען זשאַנריסט? —

און וואַרטען דען נישט אַף דעם יידישען **טעניער**: — ר' **אַלטערס** בויד — „פון אַלטע צוריסענע ראָגאָזשעס, פיר רעדלעך נישט קײן גלײַכע, געקרעמפּעוועט מיט שטריקלעך און אַ קרעמפּעלעץ צווישען די פלעקלעך," [1] — און זײַן „הויכע, זייער דאַרע שקאַפּע מיט אַ קרעציגען, אָנגעביכענעם רוקען, גאָלע איימער, גרויסע אוירען און אַ קאָלטענעוואַטע גריווע, פאַרפּלאָנטעט מיט היי און קלאָטשע, וואָס קריכען אַרויס פונ'ם אַלטען כאָמוט") — ? — דעם שענקערס שטוב? — די גלופּסקער באָד? — דער קלײנשטעטעלדיגער הקדש? — די חאָלערעחופּות אַפ'ן בית-עולם? — די אָרימעלײט אין בית-מדרש, פּרײַטיגצונאַכטס, אַרום דעם שמש, וואָס טײלט פלעטען אַף שבת? — און נאָך, און נאָך, — אַלץ נישט אויסצורעכענען. — אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל — אַ געמעל נאָך אַ געמעל. — וואָס אַנ'אָפּזאַץ — דאָס אַ בילד, אַ צייכנונג, אַ מעדאַליאָן. —

אין יעדער שורה קלאַפּט דער דיפּק פון לעבען. — איטליכע שילדערונג אין „פישקע דעם קרומען" איז, אין פולען זין פון וואָרט, — **רעאַליסטיש**; זאָגאַר מער, — איך וואָלט געזאָגט: — **נאַטוראַליסטיש**. — **די ווירקליכקייט אַלײן**, — אַזוי ווי זי איז, — מיט איר גאָלד און מיט איר קויט, מיט איר דופט און מיט איר שטינקעכין, מיט אירע שפּילפּײַגעלעך און מיט אירע וואַנצען, — מיט דעם סטיכישען מישמאַש און פּלאָנטער פון גוטס און שלעכטס, שײנס און העסליכס, ליכטיגס און פינצטערס, ערנסטס און לײַכטערליכס, דערהויבענס און נישטיגס, — רעדט צו אונז אין דעם גאָניאַלישען בוך. —

איר האָט ניט קײן **פּאָטאָגראַפיעס**: — קונסט איז נישט שקלאַפּישע קאָפּירונג פון אויסערליכע פאָרמען. — דאָס געמעל, די מיניאַטיור איז דאָ — **פאַראַלגעמײנערונג**: טיף און פול מיט זין, —

[1] ז' 20. —

סימבאָל, — העכֿערער סינטעז פֿון דער גאַנצער מענגע אײַנצעלנע, — אין דעטאַלען, פּיליִיכֿט, פֿאַרשידענע, נאָר אין מין ענליכֿע, — דערשײַנונגען און געגענשטאַנדען אין רעאַלען לעבען. — אין דער גאַנצער דערענדיגטקייט, אָפּגעעיגולטקייט און אויסדריקליכקייט וועט אַ סך פֿון ש. י. אַבראַמאָוויטשעס לאַנדשאַפטען, זשאַנרבילדער און טיפּען, פּיליִיכֿט, שווער זײַן צו באַגעגענען אין דער טאָגטעגליכֿער ווירקליכקייט. אָבער די באַשטאַנדטײלען, פֿון וועלכֿע דעם קינסטלערס פֿאַנטאַזיע האָט זיי קאָמפּאָנירט, זענען גלײַך פֿון דעם לעבען גענומען, — קאַנקרעט ביז גאָר, און לאָזען זיך אָנטאַפּען מיט די פֿינגער.

און די אײגענשאַפטען פֿון די אײַנצעלהייטען באַשטימען דעם אָנבליק פֿון דאָס גאַנצע. באַשטייענדיג פֿון קאָנקרעטע גלידער, זענען די שילדערונגען גופא דורך און דורך קאָנקרעט, לעבעדיג — ביז אילוזיע. — און דערין שטעקט דער סוד פֿון זייער געוואַלטיגען רייץ, פֿון זייער טיפֿער ווירקונג. — זיי זענען מעכֿטיג און אייביג, ווי די נאַטור אַליין, פֿון וועלכֿער זיי זענען גענומען, און וועלכֿע זיי גיבען מיט אַזאַ צויבערוואָרהאַפֿטיקייט איבער. — לייגסט אַוועק דאָס בוך פֿון דער האַנט, און אין אַ צײַט אַרום, ווען אין כח-הדמיון טויכט אויף אַ געמעל, — ביסטו אין אַ פֿאַרלעגענהייט: האָסטו וועגען דעם געלײענט, — צי דו האָסט דאָס געזעהען אַמאָל, אין לעבען, אָדער אין אַ חלום? — דאָס שטאַרקער, דאָס העכֿער איז אַ סימבאָל, וואָס ווייניגער ער האָט אין זיך אַבסטראַקטס, געפֿעלדיגס — טאָם אײַנפֿאַכֿיגער, רעאַלישער, אומיטעלבאַרישער ער איז. —

...„אַ שיינער, גרינער טאָל, באַדעקט פֿון ביידע זײַטען מיט וועלדלעך ניסבײמער"... — וואָלט דען אַ מאָלער פֿון קלענערער מאָס, אין דעם ווינקעל פֿון מײַסטערהאַפֿטיגען לאַנדשאַפֿט, ניט געפֿונען פֿאַר מעגליך יוצא זײַן מיט דעם ווייניגער באַשטימטען אויסדרוק:... „באַדעקט מיט וועלדלעך"..., אָדער:... „באַדעקט מיט ביימער"...—? — ...„ניסביימער" — דאָס איז שוין דאָס אידעאַלישסטע גענויִקייט, אַף וועלכֿעס נאָר גאונים זענען פֿעיג, — דער לעצטער גליקליכֿער שמיר, וואָס דערענדיגט — און באַלעבט — דאָס גאַנצע געמעל; — און נאָך: לייגט אין דעם אַרײַן אַנ'אייגענע נשמה, — אינדיווידואַליזירט עס: גרינע טאָלען, מיט ניסביימע

בעוואקסען,—דאס איז דאך אזא כאראקטעריסטישע דעטאל ספעציעל פאר דעם דרומרוסלענדישען פייזאזש! —

ש. י. אבראמאוויטש דערלײדט בטבע נישט קיין סתם שטריכען. בא דעם וואגען פאר דער קרעטשמע שטייט צוגעבונדען ניט גלאט א קו,—„א בהמה ווי אלע בהמות״, אזוי־צוזאגען, — א פירפיסיגס מיט א הייטער און צוויי הערנער, — נאר: „א רויט־געפלעקטע מיט איין הארען״. גראד אזא, און ניט קיין אנדערע, מכתמא, האט מענדעלי מוכר־ספרים ווען ניט איז אין זיין לעבען געזעען, און בא זיך אין זכרון אפגעבילדט. — ס׳וואלט אף דעם ארט נעקענט געמאלט זיין גאר א קוילשווארצע לגמרי אהן הערנער, אדער א גרויסגעפלעקטע מיט איין הארן א גרויסען און א גלייכען און א צווייטען א קורצען און א פארדרייטען, — אויב דער קינסטלער וואלט אין שאץ פון זיינע באאבאכטונגען פארמאגט נישט יענע, נאר איינע פון די, — אבער אבי נאר א באשטימטער עקזעמפלאר, נישט דער ריינער לאגישער באגריף „קו״, וואס איז כולל אלע בהמות פון דער גאנצער ערדקויל. —

און צווישען די וואגענס דרייט זיך ארום ניט סתם א דארפס־הונט, — נאר „איין אלטער, אויסגעדארטער דארפס־הונט, לעבט אף דער עלטער פון קצבה, אהן א שטעלע, מיט א הינקעדיג פיסעל און א קאלטון באמבלענדיג זיך אפ׳ן עק״... —

אבראמאוויטש זעיט איטליכע זאך מיט גאר די קענצייכענס אירע, — און אזוי מוז זי טאקי אריין אין ווערק: — מיט אלע סימנים און מיט אלע פארבען.

דער הקדש, וווהין די כאליאסטרע איז פארפארען אף אכסניה, האט „קליינע, שמאלע, נישט גוט צוגעשטאנענע פענסטער״[1], און—שילדערט אייך דער גרויסער קינסטלער, דורך פישקע דעם קרומענס מויל, נישט פיל אפ׳ןווארט, — „אטייל שויבען זענען אויסגעשלאגען און פארקלעפט מיט צוקערפאפיר, אדער פארשטעקט מיט א שמאטע, אטייל זענען שטארק שמוציג, און די ווינקעלעך באדעקט מיט שימעל, און ווידער אטייל זענען פאר אלטקייט איבערגעצויגען

[1]) ז׳ 99. —

מיט געל־גרינע משונה־גלאנצעדיגע קאלירען, און דער גלאנץ שטעכט עפעס די אויגען, גלייך ווי א קריין אף גלאז גרילצט ווילד אין די אוירען״. [1] —

... „אין דער לינקער זייט הויז האט זיך געעפענט מ י ט א ב יי ז ע ר א פארשמאלצעוועטע טיר אין א שטוב אריין״... אלט, אפגעלעבט, פארמאטערט און—ברוגז... „פ א ר ש מ א ל צ ע ו ו ע ט״— דאס זאגט: ניט אין נחת, ניט אין פריידען, ניט אין זיבערקייט זענען די יארען פון דער הקדשטיר פארגאנגען... גיט ניט דער אזוי געניאליש אויפגעבאפטער ב יי ז ע ר גוואלטיג קאנצענטרירט און שארף איבער דעם גאנצען גרויעל פון דעם ארט!?...

„א הרבה מיט אויסגעקרימטע, נישט קיין גלייכע ווענט, מיט עפעס א דעכעל, מישטיינסגעזאגט, ווי א צוקנייטשט קאפעלישעל, פארריסען פון פאָ־רענט און נידעריג אנגעבויגען פון הינטען, כמעט ביז דער ערד. מען האט באשיינפערלעך געזעיען, אז דער הקדש, נעבעך, חלשט, וויל איינפאלען און ליגען ווי א בארג מיסט אף דער ערד... פון דער שווארצער סטעליע הענ־גען אראפ שטריקלעך מיט פעטלעס, און וועלכע עס האלט זיך בא די ביידע עקען א לאנגער שטאנג. די פלעקלעך מיט דעם שטאנג זענען פארהאנגען מיט פארדריפעטע קאפטענס און קליידלעך, מיט אלערליי חפצים און טארבעס פון ארעמעלייט, וואס קומען צופארען אין בידלעך, אדער קימען זיך צושלע־פען צופוס און שטייען דארט איין, יונג און אלט, מאנסבילען און ווייבער אלע אינאיינעם... דער הקדש איז א חיין דעם נאך א בקור־חולים אויך. דארט איז דאס ארט אף צו שטארבען פאר קראנקע מיאוסע קבצנים אין דעם שטעטעל. דער רופא טוט אלצדינג, וואס נאר מעגליך: שטעלט באנ־קעס, פיאווקעס, לאזט צו דער אדער און צאפט, אף קהלשע הוצאות, קבצנים בלוט, ביז די כשרע נשמה גייט זיי אויס, און דער הקדשמאן, וואס איז צוגלייך דער סברותייד פוג׳ם שטעטעל, איז זיי טאקי באלד מקבר אומ־זיסט״ [2] ...

...„ג ע ע פ ע נ ט מ י ט א ב יי ז ע ר״... עס טוט א גרילץ אין דער נשמה... ווי א גרויס ווייס פייער וואלט פלוצים אויפגעבליצט און שרעקליך באלויכטען דאס ר י ב יי ה י ש בילד: טרוקענע הויט אף

[1] ז׳ 99. —
[2] ז״ז 98 — 100. —

איסגעדאַרטע גלידער, קאַלטענעוואַטע האָר, אָפענע ווינדען גאָלע
אייטער, ליידען, פּיין, ווייטיג, טויט — אַף מיסטבערג, צווישען שמאַ-
טעס... —

די קענציידבענם פיקסירט אבראַמאָוויטש, געוויינטליך, אין
די עפּיטעטען, אָפטמאָל „כפל-שמונהדיגע“, וואָס באַלייטען כמעט
תמיד דעם געגענשטאַנד.

ר׳ מענדעלי מאָלט, ווי ער ליגט פּאַר גרויס היץ פשוט צו-
לייגט אַף דעם וואָגען אין העמר, מחילה, — פאַרפעלט ער נישט צו
דערמאַנען דאָס היטעל, וואָס ער האָט אונטערגעהויבען אַפ׳ן שפּיץ
קאָפּ, — דאָס געשטעפּטע פעלפּענע היטעל, און די זאָקען,
וואָס ער האָט אַראָפּגעלאָזט ביז די פּיאַטעס, — די אונטערגענייע
טע ברעסלער וואָלענע זאָקען. — קען נאָך געבען געגזייער? —
דאָס צייג און דער פאַסאָן פון היטעל; דער צושטאַנד, די אָפּשטאַ-
מונג און דער שטאַף פון די זאָקען. — און נישט דאָס היטעל צו די
זאָקען זענען דאָך דאָ דער עיקר. —

די פעלדער זענען „געשפּרענקעלט מיט בליענדיגער רעטש-
קע, ווייס ווי שניי, לעבען געל-גילדענע ראַצעמאָרענע פאַ-
סען פון ווייץ און מאַט-גרינליכע, הויך-געוואַקסענע
קוקורוזעס“...

די עפּיטעטען זענען שטענדיג גוט באַקלערט, פּאַרזיכטיג צוגע-
קליבען און טרעפליך אָנגעמאָסטען. — און פאַרדערהויז פון הקדש —
„צוריבענע פאַרפּוילטע שטרוי האָבען זיך אומעטום געוואַל-
גערט, איסגעמישט מיט אַלערליי מיני שמאַטעס: צוריסענע טאָר-
בעס, צוהאַקטע ראָגאָזשעס, פאַרדאַרטע ווערבלעך פון שיך,
אַלטע פאַראָשוועס און אויסגעדרייטע אָפּוצען“ [1]... — שטרוי
איז טרוקען — רייבט עס זיך; טאָרבעס זענען ווייך — רייַ-
סען זיי זיך; ראָגאָזשעס — שטייף: האַקען זיי זיך; ווערבלעך
פון שיך — בייגיג: ווערען זיי פאַרדאַרט; פאַרעשוועס זענען
האַרט — קען מען ווענען זיי נאָר זאָגען, אַז זיי זענען אַלט גע-
וואָרען. [2] —

[1]) ז׳ 99. — [2]) דער טייל, וואָס ביזאַהער, פון דעם קאַפּיטעל איז גע-
דרוקט געוואָרן אין „מאָמענט“ נ״נ 124, 130, 136 פון 13, 20, 27 יוני 1913. —

און מערקווירדיג איז אָט וואָס.

די באַריִמטע „באַרעדעוודיקייט“ מענדעלי מוכר־ספרים׳ס ברענגט קיינמאָל נישט אַבראַמאָוויטשען דערצו, וואָס מ׳וואָלט געקענט אָנרופֿן: „פּלוידעריי“. — אונזער מאָדערנעם גאַנס alter ego רעדט, אייגענטליך, נישט קיין סך: — ער שילדערט בלויז פּיל. — אינוווייניג, און יעדער שילדערונג, איז ער, אינד׳עראמתן, ווי אַנ׳עכטער קינסטלער, אָפּגעהיטען מיט׳ן מינדסטען פּינטעלע. — ער קאַרגט נישט, שיט מיט אייִלמאָלעריי און פּאַסטעלען, בלייִשטיפֿטצייכענונגען און קוילסקיצען; — נאָר יעדער עקזעמפּלאַר באַזונדער אין דער גרויסאַרטיגער זאַמלונג צייכענט זיך אויס מיט דער אידעאַלישער אַרכיטעקטאָניק, וואָס איר גרונטאידייע איז: געטליך פּשטות. — דאָס גאַנצע בוך איז דורכגעדרונגען מיט׳ן געפֿיל פֿון קינסטלערישער מאָס און אַרטיסטישער שפּאַרזאַמקייט. — פֿון איין זייט: „קיין איבעריגער שטריך; קיין נישט־נייטיג וואָרט; נאָר דאָס נויטווענדיגע“; פֿון דער אַנדערער: maximum איינהאַלט אין minimum מיטלען. —

אַבראַמאָוויטש ווייסט, ווי צוצוגיין צום געגענשטאַנד. ער קען „אָנבאַפּען דעם אָקס באַ די הערנער“. דער באַשעפֿער פֿון „פּישקע דעם קרומען“ טאַפּט מיטאַמאָל אָן דעם תּוך, די נשמה פֿון אָביעקט — און רעפּראָדוצירט אים מייסטערהאַפֿטיג אין געצייִלטע־גענויאַלישנעקליבענע ליניעס.

איבערהויפּט שפּיגעלט זיך אָפּ די אָנגעוויזענע מעלה פֿון אַבּראַמאָוויטשעס קינסטלערישער מאַנערע — אין זיינע אומפֿאַרגלייכליכע מענטשענפּאָרטרעטען.

דער זינגער פֿון פּישקעס ביטערען גורל פֿאַרמאָגט אַ באַזונדער מין חוש פֿאַר דעם מענטשליכען לייב, — שפּירט דין די מיסטישע גרענעצען פֿון גוף און נשמה — אין דעם סוד פֿון זייער באַהעפֿטונג; — האָט אַנ׳אויג פֿאַר יענע אייִנצעלהייטען אין דער פֿיזישער און פֿיזיאָלאָגישער זייט פֿון דער פּערזאָן, וועלכע זענען דער שליסעל פֿון איר פּסיכישער נאַטור, — פֿון איר כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, — אינטעלעקטועלישען און עטישען „איך“. — אַבראַמאָוויטש שילדערט על־פּי־רוב נישט אַלע קענצייכענס פֿון דעם „מאָדעל“: — ער כאַפּט־אַרויס דאָס אויסטערלישע אין קערפּער, אויסזעי אָדער מאַנערן, און אין דעם אייגעם שטריך אָדער אין די

עטליכע פרטים, וואס זענען אמכאראקטעריסטישסטען פאר דעם טיפ, באַוויזט ער צו געבען דעם גאנצען מענטשען, זיין ריכטיג בילד. — דער גרינדער פון דער נייער יידישער ליטעראטור טרעפט זיך אין דער איינגענשאפט מיט אנ'אנדער ריז, מיט דעם פארשטארבענעם ל ע ו ו ט א ל ס ט א י.

„א ל ט ע ר יקנה"ז איז א יאדערדיג יידעל, א געשפיקעוויטער מיט א דיק בייכעל. זיין פנים איז געדיכט באוואקסען מיט שנייצ-געלע האר, פון וועלכע ס'איז דא געווג אף פאות, אף א באָרד און אף וואנצעס אי פאר זיך, אי אף נאך עטליכע יידען צו באטיילען. אין דעם ים-האר ליגט א ווים-פע—א ברייטע פלייִשיגע נאז, וואס איז דאס רוב יאר פארלייגט אהן א שום התמונות. נאר ווען עס מאכט זיך אין איר אמאל עפיס א פארענדערונג, אונטער א פארפסח, א שטייגער, בשעת עס לאזט אומעטום, עס גייט די קריי, און דער בעל-הבית אירער נעמט זי אין דער ארבעט מיט אלע פינף פינגער, דענסטמאל בלאזט זי הילכענדיגע תקיעות, ווי א שופר; דענסטמאל קלינגט מיט איר גאנץ טונעיאדעווקע. אינאיינעם מיט די אינדיקעס דארט ניט זי דענסטמאל קאנצערט. אלע אין שטעטעל בלייבען פארגאפט און עס שיטען זיך איר שמעקטאבאקע פון אלע זייטען מיט ווינטשעוואניעס יקנה"ז'ן אהן א צאל: אסים, אסים!" — [1])

איינער פון די ווירטואזישסטע פארטרעטען, וואס זענען ארויס פון א ב ר א מ א ו ו י ט ש ע ס פען, א קלאסישער מוסטער פון זיין לעבעדיגער, כמעט ביז סקולפטורישקייט פלאסטישער קונסט.

...א ב ר י י ט ע, פ ל יי ש י ג ע נ א ז: — בא א מאנסביל פאראט זי, געוויינטליך, סעקסועלע ליידענשאפטליכקייט, — אויך די אלגעמיינע וולגארישקייט פון דער נאטור. — א י א ד ע ר ד י ג ע ר, ג ע ש פ י ק ע וו ע ט ע ר ג ו ף: — ס'איז נישט אומנאטירליך, ווען אין אים האט אמאל דער יצר-הרע עטוואס מער צו זאגען, ווי ס'דארף צו זיין בא א כשרן ייד פון דעם גראד. — א ד י ק ב יי כ ע ל: — דער מענטש, נישט שטארק איבערגעשפיצט, האט זיך ליב; זיך א הנאה אנצוטון, איז ער אימשטאנד, נישט באמערקענדיג דאס אפילו, יענעמס לעבען צוטרעטען. — א י ם ה א ר, דערצו ש מ ו צ י ג - ג ע ל ע: — זיי ני-

[1]) ז' 18. —

בען אויס דעספּאָטישע נײַגונגען, וואָס זענען זאָגאַר נישט דאָסאײַגע־נע, וואָס שלעכטיקייט, — ברענגען, אָבער, ניט זעלטען נאָך צו ערגערע פּאָלגען, ווי זי. — די כראָנישע פאַרלײַגטקייט פון דער נאָז: — זי טײַט־אָן אַף די שטענדיגע אָנגעדרודעלטקייט און צאָרני־קייט, ווי אויך אַף די פאַראומערטע שווײַגעדיקייט; דער פּאַרשוין איז ברוגז אַף דער וועלט און אַף זיך אַליין; הינטער דער שטומער מרה־שחורהדיקייט שפּירט זיך חרטה און געוויסענביסען, וואָס פּליסען פון דער בטבעדיגער, נאָר אין געוויסע מאָמענטען דורך עקשנות און קאַפּריזישקייט דערדרוקטער גוטסקייט.

אַלזאָ: בויך — האָר — נאָז, — און אין זיי ר' אַלטער פון קאָפּ ביז פיס, — זײַן דרויסען און זײַן איניווייניג, — זײַן לעבענסדראַמע: אירע וואָרצלען און אירע פּרוכטען. —

אגב, זאָל דאָ אָנגעמערקט ווערען, אַז ר' אַלטער איז בכלל איינער פון אַבראַמאָוויטשעס געלונגענסטע טיפּען. — צוויי גע־נענזאַצען גייען דורך צוזאַמען דורך דאָס גאַנצע בוך: ר' מענדעלי — דער אַריסטאָקראַט פון פאַך: אַ תלמיד־חכם, אַ פּקח און אַ אינ־טעליגענט דערצו, מיט אַ סך פּײַנגעפיל; זײַן חבר: דער בריזני, אַ „בעל־גוף“, „אַ מענטשעל פאַר זיך“. [1]) — אין דער פּאַראַלעל שטעקט אַ גרויסער הלק פון „פּישקע דעם קרומענס“ אָריגינעלישקייט און אינ־טערעסאַנטקייט. —

דער „סטאַנאָוואָי“:

— ...„אין מיטען שטוב שטייט אַ רויטער קאָלנער מיט מעשענע קנעפּ, עפּעס אַ מין מענטש מיט אַ בויך און אַ אָנגעבלאָזען פּנים. גלאַנצט מיט די קלייִנע אויגען און בשעת עס פּאַרוואַרפט זיך אים דאָס שוואַרצאַפּעלע, קוקט אַרויס דאָס ווײַסעלכען פון אויג פאַרלאָפען מיט בלוט“. — [2])

קען נאָך געבען אַ מער בײַסיגער איראָניע, ווי — „עפּעס אַ מין מענטש מיט אַ בויך“? — נישט דאָס געזיכט דער עיקר, נאָר — דער רויטער קאָלנער מיט די מעשענע קנעפּ. — דער בויך — גרויס, און די אויגען — קליין. — און די אַרט קוקען —, אַז „דאָס שוואַרצאַפּעלע פּאַרוואַרפט זיך“; — און די ווײַסעלכער —

---

[1]) ז' 18. — [2]) ז' 50. —

פֿאַרלאָפֿען מיט בלוט. — אַלץ מיטאײַנאַנדער: אַ מענטש אַ האָן! מער בהמהישער באָס, ווי מענטשליכער פֿאַרשטאַנד, טפּשישע גאוה אָנשטאָט באַוווסטזיניג באַנעמען דאָס אַרומיגע. —

לעבען דערדאָזיגער „שררה" — „צוויי פֿאַרשוינען מיט אָנגעבוי־גענע קעפּ אין דער זייט פֿון דער טיר. איינער אַ הויכער מיט אַ געזונטען קאַרק, אונטערגעגאָלט דער האַלז און אַ זיל־בערן רייפֿעלע אין לעפּעל פֿונ'ם לינקען אויער. דער אַנדערער אַ דאַרער מיט אַ שפּיצאַסט בערדעל, אַפּ'ן האַרצען אַ בלעך, האַלט אַ לאַנגען שטעקען, מיט ביידע הענט, בלינ־צעלט מיט די איינעלעך און בוקט זיך איטליכע רגע."[1]

אַ מין באַאָבאַכטונגסקראַפֿט! — דאָס אוירינגעל — דוקא באַ דעם געזונטען מיט'ן געגאָלטען קאַרק; און מיט די אויגען בלינצעלט — דער מאָגערער מיט'ן ציגענבערדעל, — שטעלט איר זיך פֿאָר, עס זאָל קענען געמאָלט זיין פֿאַרקערט? —

דער שענקער — „חיה־טרײַנעס מאַן איז אַ ייד מיט אַ לאַנגער נאָז. דאָס שיטערע בערדעל, די פּאות און די ברעמען העל־בלאָנד, ווי פֿלאַקס. בשעת שווייגען קייט ער די צונג און איידער ער קלויבט זיך צו רעדען באַ־לעקט ער זיך פֿריער."[2] —

„אים אָנקוקענדיג, — גיט־צו ר' מענדעלי, — פֿאַרשטייט מען, וואָס טייטש לעקיש". — און ווירקליך, אַזוי און נישט אַנ־דערש —, ווילט זיך מיט זיכערקייט זאָגען, — דאַרף אויסזעין אַ לע־קיש. — ווי טרעפֿליך זענען אויפֿגעכאַפּט די אַטריבוטען! — קען אַ קלוגער און אַ שטאַרקער מענטש זיין אינגאַנצען ווייס ווי פֿלאַקס, קייען די צונג און באַלעקען זיך פֿאַר'ן עפֿענען דאָס מויל צום רעדען? —

און דעם שענקערס טאָכטער:

—„אין שטוב דרייט זיך אַרום אַ דיקע אַ ברייטע אַ האָראָפּאַשנע מויד מיט אַ פּאָר באַקען ווי די פּאַמפּושקעס, אַפּ'ן קאָפּ זייער ווייניג האָר און צוויי קליינע צעפּלעך פֿון הינטען. די הענט האַלט

1) ז' 50. — 2) ז' 55. —

זי ביז די עלענבויגענס שטײַף צו בײַדע זײַטען, די אָרעם אויסגע־שטרעקט גלײַך פֿאָרענט ווי צוויי האָלאָבליעס, צווישען וועלכע זי רוקט זיך, שליטעלט זיך נישט צו הײבען קײן פֿיס אַרויסשיקענדיג דעם קאָפּ אַביסעל פֿריער פֿאַר איר״. — [1]

ווײַניג האָר — פֿאַרבונדען מיט מאַנגעל אין ווײַבליכקײט, און אין אַ געוויסער מאָס, — סימן פֿון גײַסטיגער אָרימקײט. — דער שטײַגער באַוועגען זיך — אַנ׳אַרבעטפּיך, אַ שטום באַשע־פֿעניש, שטילע, אונטערטעניגע שקלאַווין. [2] —

דעם פּאָרטרעט פֿאַרענדיגט באַ אַבראַמאָוויטשען דער שטײַ־גער רעדען פֿונ׳ם „מאָדעל״. אַ פֿיגור פֿון דעם געניאַלישען קינ־סטלער מוז לעבען פֿאַר אונזערע אויגען אַף אַזויפֿיל, אַז נישט בלויז דאָס וואַרימקײט פֿון איר הויט זאָלען מיר שפּירען, נאָר אויך דעם אָטעם אירען, דעם הויך פֿון דער שפּראַך, דעם אַנטשטײַונגספּראָצעס פֿון די ווערטער, דעם וועג, וואָס זײ מאַכען דורך ביז צום מויל, און זײַן פֿאַרבינדונג מיט דער פּסיכאָפיזישער אײגענאַרט פֿונ׳ם רעדער.

פֿישקע רעדט נישט אַרויס קײן r און קײן l:

„עך מיט מאַן וואַב אָבען קענעט צי פישע גי קענטי אַך משאַעה זאַן, ווי מיט מאַנע קיאַנקע פּיסיעך פֿיעגען מי זעך שיעפּען זײַע פֿאַמיעך, קייכין ווי די יאַקעס״ [3], — אַזוי הײבט זיך אָן זײַן דערצײלונג אין 14 טען קאַפּיטעל [4].

וואָלט מעגליך געווען, אַבראַמאָוויטש זאָל דאָס נישט אָנ־מערקען?

---

[1] ז׳ 57. —

[2] דער טײל פֿון דעם קאַפּיטעל איז אָנגעשריבען געוואָרען יוני 1913; ווערט, אָבער, געדרוקט צום ערשטען מאָל. —

[3] — „איך מיט מײַן ווײַב האָבען גענערט צו די פּיעשע. נו, קענט איר אײַך משער זײַן, ווי מיט מײַנע קראַנקע פּיסלעך פּלעגען מיר זיך שלעפּען זײַער פּאַמעלעך, קריכען ווי די ראַקעס״. —

[4] ז׳ 80. —

„עס דרייט זיך אַרום אַ באַשעפעניש, אַ פישקע, ווי אַלע אַנדערע פאַרוואָרלאָזטע נפשות, זיין גלייבען, וואָס גיבען זיך אַ וויז באַ אונז, יידישע קינדער, עפּעס פון דער העלער הויט, ווי די גריבעס, פאַרטיג מיטאַמאָל, מיט די אַלע חנדלעך, מ׳זאָל עס אָנהייבען זעיען, ווי זיי האָבען ביסלעכוויים געשפּראָצט, כאָטש האָבען פון זיי פריער עפּעס אַ סימן!“ [1]

„קיין שטאַרק גרויסען פאַרשוין קען מען פישקען נישט אָנרופען. ער האָט אַ גרויסען פלאַטשיקען קאָפּ, אַ ברייט גרוים מויל מיט געלע קרומע ציין. רעדט שטשיפּילאַווע, קען נישט קיין „ר“ שאַרף אַרויסזאָגען און הינקט שטאַרק אַף אַ פוס“ [1].

די סאָציאַלע שטעלונג פישקעס ווייזט שוין אָן, אַז ער האָט באַלאַנגט צו די אַזוינערופענע „נאַראָנים“, וואָס איטליכע יידישע קהלה-קדושה מוז זיין געבענטשט מיט אַזעלכע.

„פישקעס גאַנג איז געווען געוויינטליך באָרוויס, אָהן אַ קאַפּאָטע, נאָר אין אַ גראָב געלאַטעט העמד, מיט אַ לאַנגען פאַרשמאָלצעווען ארבע-כנפות און תחתונים פון גראָבע לייַנוואַנט מיט אַ סך פאַלדען [2].

„זיין אַרבעט איז געווען צו גייען רופען אַף דער גאַס: „בעלי-הבתים אין באָד אַריין!“, פרייטיג, און „ווייבערלעך אין באָד אַריין“, מיטוואָך. — זומער, ווען עס פלעגט זיך אָנהייבען ווייזען גאָרטענוואַרג, האָט אין דער יידישער גאַס זיך געלאָזט הערען זיין קול ווי פון אַ שלייען: „יידעלעך — אַהער! יונגער קנאָבעל, יידעלעך!“ — אין באָד פלעגט ער היטען דאָס אָנטאָן, אונטערטראָגען אַ שעפעלע וואַסער, אַרייַנלאָזען אַ קויטיג העמד אין דעם אַרבעל אַריין מיט אַ קניפּ איניוויינינג, ווי אַ מייסטער, דערלאַנגען אַ קויל פייער, וואַרפענדיג עס פון איין האַנט אין דער אַנדערער צו פאַררייכערן אַ ציגאַר-טיטון, און כאַפּען דערפאַר מיטאַמאָל אַ האַרטען צוויייער, אָדער אַ דרייער“ [3].

אמת, ר׳ מענדעלי זאָגט וועגען אים: „ער איז גאָר ניט געווען אַזאַ מיאוסער שוטה, ווי ער האָט אויסגעזעיען“ [4], — און אַנטדעקט ווירקליך אין דעם פאַרוואָרלאָזטען אומגליקליכען באַשעפעניש, אין דעם נידריגסטען מיטגליד פון דער מענטשליכער געזעלשאַפט, אין דעם ווערימעל, אַף וועלכעס נאָר אַ פוילער האָט נישט אָנגעטרעטען מיט׳ן פוס, — די ריינסטע און דערהויבענסטע מענטשליכע.

[1] ד׳ 33. — [2] ד׳ 34. — [3] ז״ז 34 — 35. — [4] ד׳ 35. —

געפילען, א ווייך גוט הארץ, פעיקייט צו דער צארטסטער ליבע. — צום סוף פון דעם ווערק לאזט ער אין פישקען זאגאר דערוואכען דעם דראנג צו אן אנשטענדיגער לעבען, דאס מיאיסען זיך מיט די דרכים פון דער כאליאסטרע און מיט זיין אייגענער בעטלערפראפעסיע און אירע פיינע געננ[1]. — אבער די אלע גייסטיגע ווערטען שטעקען דאך אין א פארקריפעלטען גוף און אין א צוקוועטשטער פסיכיק. ס'איז א דערשלאגען נפשעל, רעשטעל, איבערבלייבעכץ פון א גאנצען מענטש. פון קינדווייס אויף א שפילעכעל בא די פארבארגענע כחות פון גורל און אין די הענט פון נארישע אדער שלעכטע מענטשען. פאסיוו און אומבאהאלפען, בלויז מיט א שאטען פון ווילען, — און ווען אבראמאוויטש לאזט מענדעלין פון צייט צו צייט אריינווארפען פון פישקעס וועגען: „מי פיעגען קיכען"[2] אדער „א קיינק אינ אין די ביינע!"[3], — טוט ער דאס נישט בלויז צוליב הומאריסטיק. ס'איז בא אים אנ'ארטיסטישע נויטווענדיקייט: ער קען נישט לאזען דעם לעזער פארגעסען פישקעס ארט רעדען, וואס איז אנ'אפשפיגלונג פון זיין קערפערליכער און פסיכישער דערדריקטקייט. דער קינסטלער מוז אינטערהאלטען די אילוזיע, דאס גאנצקייט פון טיפ, דערמאנענדיג פון צייט צו צייט, פון וואסער גופעל, פון וואסער צונג עס פלייצען די מיט אזויפיל מענטשליך געפיל און צארטקייט דורכגעזאפטע דערציילונגען.

---

[1] ז' 122: „מ'באדארף אנטלויפען, ווי צים גיכסטען אנטלויפען. א טאג איין איבעריגער צווישען אזעלכע גנבים איז א זינד פאר גאט. דאס זענען דאך מענטשען, וואס האבען נישט קיין גאט אין הארצען; וואס טוען נישט קיין האנט אין קאלטע וואסער אריין, אראפגעווארפען פון זיך אינגאנצען דעם יאך, ווילען נישט וויסען פון קיין ארבעט, פון דאגת הפרנסה און זיך אף אנדערע אנגעווארפען, נאגען, זויגען יידיש בלוט און זענען גאך ווי דם שונאים. איך אליין בין בא מיר אייך מיאוס אראפגעפאלען, באטראכטענדיג מיינע אלע געננ און דער גאנצער צייט צווישען דעמדאזיגען פעקיל שלעכטע מענטשען. נאר ניט דעראייגענער וואס פריער. עס האט צו מיר זיך צוגעקלעפט פיל נישט קיין שיינע זאכען פון זיי"... —

[2] ז' 82. —

[3] ז' 82. — אדער: „...אין די ביינע איאן". —

בשעת ר׳ מענדעלי באַגעגענט זיך אין 11־טען קאַפּיטעל מיט פּישקען, זאָגט דער לעצטער: „איך האָב איך, ר׳ מענדעלי, אויסגעבעטן דערקענט"[1]. — צום ערשטען מאָל אין דעם ווערק קומט־פאָר די נישטאָרגאַנישע זילב „־עט", וואָס וואַקסט אין יידישען, מונדאַרטליך, צו צום אינפיניטיוו און צו אַדווערבען. און אויך ווייטער הערען מיר די דיאַלעקטאָלאָגישע דערשיינונג נאָר אין פּישקעס מויל,

— „זי זיצט דאָך די גאַנצע צייט אָפּעט אַף איין אָרט און איז שטאַרק פאַרטראָגען אין דער פּרנסה", — דערציילט דער העלד פון דער „מעשה פון יידישע אָרעמלייט"[2]. — דאָס ווייב זיינס, גיט ער איבער, האָט געזאָגט צו אים: „נעם, פּושקע, פיר מיך אַרויסעט אַף דער לעבעדיגער וועלט, צווישען לייט, אין יענע מקומות אַריין, וועסט דו זעען, געדענק מיינע ווערטער, אַז מיר וועלען גייען אין גאָלד. דאָ אַף דעם פּלאַץ איז שוין כמעט גאָר נישטאָ וואָס צוטאָנעט. מ׳זיצט אַמאָל אָפּעט אַ לאַנגע צייט, ביז איינער דערבאַרימט זיך און גיט אַ גראָשען"[3]...

דער „־עט" איז אַ טיף פאָלקסטימליכער פענאָמען, באַקאַנט אין ליטע, אויך אין דרום־רוסלאַנד, טיילווייז אין פּוילען. מיר הערען אים דאָס רוב אין מויל פון פערזאָנען, וואָס רעדען נאָך ריינעם דיאַלעקט, און — אָדער געהערען צו דער אַלטער (ריכטיגער: אַלטפּעטערישער) וועלט, אָדער (עפּטער!) זענען פרימיטיווע נאַטורען, נישט געבילדעטע און גייסטיג קנאַפּ אַנטוויקעלט, אמתע פאָלקסמאַסע אין ענגערען זין פון באַגריף. אין דעם ווערק, וועלכעס מיר אַנאַליזירען דאָ, שיידט דער „־עט" אָפּ פּישקעס אָרט רעדען פון ר׳ מענדעלי׳ס און ר׳ אַלטערס, גיט איר צו אַ באַזונדערען קאָלאָריט, און טייט גלייכצייטיג אָן אַף דעם מהלך, וואָס ליגט אַפילו צווישען ר׳ אַלטערן, דעם בעל־גוף, דעם געזונטען, שטאַרקען מענטש, דעם דעספּאָט, און פּישקען, דעם שטיבעלע אין מענטשליך נעשטאַלט, דעם פאַרדאַרטען צווייגעלע, וואָס האָט זיך אָפּ־

---

[1]) ז׳ 69. — [2]) ז׳ 75. —

[3]) ז׳ 76. — „אָפּגעטאָנעט" — אַף ז׳ 75; „אויכעט" — אַף ז"ז 77, 91; „־אָפּעט" — 77, 82ב, 91, 97, 117, 134, 138; „־אַראָפּעט" — 96; „־אָנעט" 85, 95, 110, 114, 123ב, 132. —

גערויסען פון מוטערבוים און ווערט פון ווינט געקייקעלט איבער דער גרויסער וועלט...

...חיים-חנא חיה-טרײַנעס איז, ווי שוין דערמאַנט, אַ „לעקיש". און אָט איז זײַן שטײַגער רעדען:

— „דו האָסט דאָך מיך אַלײן, האָסט דו מיך געשיקט צו גאַווריִלען נאָך אַ זאַק קאַרטאָפּליעס מיך געשיקט!" [1]

— „דער רבי איז דאָך געגאַנגען, דער רבי, אָפּפּירען די פּערישטעס קי מיט דעם קעלבּיל אין פעלד אָפּפּירען!" [1]

דאָס לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש ניט באַרעכטיגטע איבערחזרן פון געוויסע זאַצטײַלען איז בכלל אַ אינטערעסאַנטע סינטאַקסישע דערשײַנונג אין אײניגע יידישע מונדאַרטען. אין געוויסע גרענעצען באַגעגענען מיר זי אַפילו אין אַרט רעדען פון אינטעליגענטען. אָבער אים אַלגעמײַן איז דאָס אַנ'עכט פאָלקסטימליכער פענאָמען, כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע פאָלקסספערען, וואָס שטײען אַף אַ גאָר נידעריגער שטופע פון אינטעלעקטועלישער אַנטוויקלונג, פאַר'ן אײנפאַכיגסטען המון, פאַר בעלי־עגלות, קײלערס, וואַסערטרעגערס, מוילכערס, וכדומה.

חיים-חנא חיה-טרײַנעס שפּרײַזט אָבער איבער די געווײנטליכע מאָס פון דער פאָלקסטימליכער דערשײַנונג. אין אײן קורצער פראַזע חזרט ער איבער דרײַ ווערטער צו צווײ מאָל און אײן וואָרט זאָגאָר דרײַ מאָל [2]. דאָס פערראָט זײַן גײַסטיג אָרעמקײט און דערשלאָגענקײט. דער סטיל זײַנער דערגאַנצט, אַלזו, אויסגעצײכענט דעם מײַסטערישען פאָרטרעט, וועלכען מיר האָבען אויווען [3] ציטירט.

דער „רויטער ממזר", דער הערשט פון דער בעטלערבאַנדע, גנב און מערדער, רעדט:

— „עס טוט מיר זײער לײד, וואָס איך אַלײן האָב דאָ דיך, מײן טײַנוספתל, ניט געבעל-דברט [4]. נאָר אויב דיר האָט געשפּילט דאָס טרפהנע מזל דײַנס, איך זאָל דיך, פאַרשטונקען נפשל, ניט ציקוועטשען ווי אַ בינה, דאָך אײנגאַנצען טרוקען אַרויס פון מײַנע הענט וועסט דו ניט" [5]...

— „ליגזשע דאָ שטיל, הונט אײנער, קײן פאַרע זאָל מען פון דיר ניט

[1] ז' 55. — [2] די ערשטע ציטאַטע. — [3] ז' 91. —
[4] ד. ה. „דערהרגעט". — [5] ז' 152. —

הערען! ליג ביז די פּגירה דײַנע וועט דאָ אַף דיר קומען. נאָר גערינקווישע, פלײַסקעדריגע, טאָמיר טרעפט זיך דיר אַ נס, עפּעס אַ באַבע דײַנע אין קבר וועט זיך פאַר דיר מיען, און נייסט פונדאַנען אַ לעבעדיגער אַרויס, זאָלסטו זיך היטען, מיר פאַר די אויגען זיך נישט צו ווייזען, וואָרום באַלד פלומפּעל איך דיך און מאַך כּיק" [1]) ...

דער גאַנצער פאַרשוין איז דאָ, און דעם סטיל, און די גראָבע ווידעלווערטער און און דעם מגושמדיגען אַכזריות. —

פישקע דערציילט:

— „בתיה! — גיב איך אַ זאָג צו מיין ווייב, צושאַרענדיג זיך צו איר מיט גוטען איינמאָל, אַז מיר זענען געוועזען אַליין און געוואָלט און אַ שטועס מיט איר אַ טאָפּ טאָן וועגען גט: — וואָס האָסט דו, בתיה, צו מיר?"

— „ווער די כפּרה, פישקע!" — באַקום איך פון איר אַ קורצע תשובה.

— אָט האָסט דו דיר! — מאַך איך, ווי אָנגעברוגזט זיך: — איך מיט איר אַלץ אַדרבה ואדרבה און זי אַלץ קידער־ווידער: „ווער די כפּרה, פישקע!" פאַרוואָס?

— „באַקום־זשע די נכפּא!" — זאָגט זי מיט אַ קרום פּנים, אָוועקריקענדיג זיך פון מיר.

— זאָלסט מיר געזונט זיין, בתיה! — רוף איך מיך אָנעט מיט גוטען: — וואַרף כּ'לעבען אַוועק דײַנע נאַרעשקייטען און לאָמיר לעבען ווי גאָט האָט געבאָטען.

— „ווער די כפּרה, פישקעניו, מיט דער הילטײַקע דײַנער אינאײַנעם!" [2]). —

אין דעם קורצען דיאַלאָג, אין די קאַטעגאָרישע, געטאָקטע תשובות איז בתיה אינגאַנצען, אַזוי ווי זי איז, די „יאָדערדיגע, פּעטע, לויטערע, פלייִשיגע יידענע" [3]), בלינד און דאָך ענערגיש, מיט אַ „פּיסק אַף שרויפען" [4]), פאַר וועלכען אַלע פלעגען מוזען בטל ווערען, און, ווי אַ סך בלינדע, עגאָיסטיש און שלעכט. —

... אויך אין דעם ערשט־באַריטען ווינקעלע פון דעם ווערק — אין דעם דערגאַנצען די מענטשענפאָרטרעטען מיט דער הילף פון

[1]) ז' 152. —   [2]) ז"ז 123—124. —   [3]) ז' 84. —   [4]) ז' 88. —

וויער איינענער גרט רעדען — טרעט בולט ארוים דער גרונט שטריך פון אבראמאוויטשעס קינסטלערישער מאנערע, די הויפטמעלה, וועלכע מיר האבען שוין די מעגליכקייט געהאט צו קאנסטאטירען אויוזען, בא אנ׳ אנדער געלעגענהייט: דאס געפיל פון מאס.

אויך אין דער שפראך פון זיינע העלדען היט זיך דער מחבר פון איבערטרייבונגען, פון איבערחזרונגען, פון אנהויפעניעשען, פון אלעם דעם, וואס וואלט געקענט שמעקען מיט באנאלישקייט, קליינליכקייט, באגרענצטקייט, אויסזעין געמלאכהט, געהאנטווערקט, ברענגען צו שארוש. ער איז יוצא בלויז מיט דעם נויטווענדיגסטען, אהן וועלכען די אילוזיע, אט דער עיקר-זין פון דער קונסט, וואלט נישט געווען דערגרייכט פאלקאמען, אהן וועלכען עס וואלט עפעס געבעלט אין דעם גאנצען.

פישקע קען נישט ארטיקולירען קיין r אין קיין l און רעדט מיט׳ן „י-עט״, און מענדעלי פארזעיט דאס נישט. אבער ווי מאכט ער אונז אויפמערקזאם אף אט די פרטים אין פישקעס לשון? אף די 79 זייטלעך, אף וועלכע עס ציט זיך דעם אומגליקליכען קאליקעס דער-ציילונג, ווארפט זיך דורך 1 מאל די ערשטע פון די צוויי אויוזען אף ז׳ 94 שוין ציטירטע פראזען, און 12 מאל די צווייטע, ענדליך 24 מאל די דערמאנטע נישטאורגאנישע ענדונגסזילב. — אין י. אקסענפעלדס „ערשטען יידישען רעקרוט אין רוסלאנד״ [1] רעדט די טויבע ברכה, שלמה רכיאכעס, דעם פרנס חודשס ווייב, „ס״ ארוים ווי „ש״ און פארקערט, און אט ווי עס זעיט-אוים איר א מאנאלאג:

— „איך הער דאש גאר ניסט. איך וועל דיך באגראבין צען עלין אין דער ערד אריין אז דיא וועשט השמהגין דיא גזירה אף יידין, הערשט די סלמה דיין לעבין איז קיין לעבין ניט, וואש יידין זאלין וויינין אף דיר. איך האב 1 בן יחיד זאל איך אים איינסטעלין. חשמה ניט הערשטו, וואש יודין זאלען מיך פאר סעלטין. איך וועל דין אוישראשין אז די וועשט נאר אנרירין אפען״ [2]...

אין אנדערש ווערט איר אויסשפראך אין דעם ווערק גארנישט איבערגעגעבען, נאר אזוי געטריי, ווי מיט דער הילף פון א פאנאגראף.—

---

[1]) לייפציג 1862. — [2]) ז״ז 6 — 7. —

אבראמאוויטש זאל זיך לאזען גיין מיט דעמזעלביגען וועג, וואלט „פישקע דער קרומער" פארפלייצט געווען מיט j אנשטאט r און l און מיט „=עט"ן. וואלט דאס שיין געווען? ס'וואלט געווען פאטאגראפיע, — טרוקען, גרוי, שווער, מיט שאדען נפאר דער ארטיסטישער זייט פון ווערק.

אבראמאוויטש לאזט זיך אבער נישט פארפירען פון אזא מין פלאך און פרימיטיוו פארשטאנענעם רעאליזם אדער נאטוראליזם. ער ווייסט, ווי זיך אפצושטעלן, — פארמאגט דאס געפיל פון דער אין דער קונסט אומבאדינגט=נויטווענדיגער גרעניץ. נאר בדרך אגב לאזט ער פאלען א פראזע מיט j אנשטאט r און l אדער א „=עט", איין מאל, צוויי מאל אף עטליכע בלעטלעך, — א לייכטער צוריר מיט'ן פענזעל, א דעליקאטער שמיר א ווונק, א אנצוהערעניש. נאר דער איינער זאץ אהן די ליקווידען אדער דער איינער „=עט" אף עטליכע זייטלעך האט א גרעסערע ווירקונג, ווי ווען מ'זאל דידאזיגע פאנעטישע און גראמאטיקאלישע אייגענטימליכקייטען שיטען מיט פולע פויסטען. פאר'ן לעזער גיט א בליץ, אבער נאר א בליץ טאקי, די אייגענשאפט פון פישקעס לשון, אף וועלכע דער מחבר וויל לענקען אונזער אויפמערקזאמקייט. און ווייטער פליסט ווידער די דערציילונג אין קארעקטער ליטערארישער שפראך. מיר וועלען שוין נישט פארגעסען דאס, וואס דער קינסטלער וויל, מיר זאלען געדענקען. און דער עסטעטישער גענוס בלייבט דערביי אומגעשטערט. באַ עפטערען איבערחזרן דעם j צו דעם „=עט", וואלט געווען פונקט דער היפוך: דער לעזער, וואס איז צו דער אויסטערלישער אויסשפראך און צו דער מונדארטליכער דערשיינונג נישט געוויינט, וואלט זיך אין איטליכער שורה אנגעשטויסען אף די מניעה, עס וואלט אים צו שטארק אבסארבירט, אפגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דעם עיקר — פון אינהאלט פון פישקעס אויטאביאגראפיע, פון זיינע איבערלעבונגען און געפילען, פון די געמעלער און סקיצען, סצענעס און טיפען, — און וואלט סוף=כל=סוף אנגעהויבען צו דענערווירען, שטערענדיג דעם עסטעטישען גענוס.

...די שפראך פון די פערזאנען, וואס קומען פאר אין „פישקע דעם קרומען", איז, אייגענטליך, די שפראך פון גאנצען ווערק, אין וועלכען די דערציילונג גייט פון דער ערשטער שורה אן אין ר' מענדעלים נאמען; דורך ר' מענדעלים אויפפאסונג טאקי אין

דורך זיין מויל ווערען דורכגעזיפּט די רייד און די דערציילונגען פון די איבעריגע „העלדען". און אט אין דער שפּראַך פון דעם מייסטערווערק איז ר' מענדעלי, — דידאָזיגע גרעסטע קרעאַציע אַבראַמאָוויטשעס, זיין alter ego, — פּונקט ווי אין די אַנדערע, אויוועןשוין אַנאַליזירטע זייטען פון דעם ראָמאַן, מאָלער און אמתן זין פון וואָרט. ער האָט אַליין ליב און לייגט גערן אַריין אין מויל פון די מענטשען, פון וועלכע ער דערציילט, די מאָלערישסטע עלעמענטען פון דער שפּראַך, די אומיטעלבאַרישע, פרישע, יאָדערדיגע און זאַפטיגע. „פישקע דער קרומער" איז איבערפולט מיט אונומאַטופּאָעטישע, ד. ה. „קלאַנגמאָלענדיגע", אויסדריקען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן פאָלקסטימליכען סטיל אין איטליכער שפּראַך און נאָך מער פאַר דעם יידישען פאָלקסטיל, וועלכער האָט אין אַבראַמאָוויטשען געפונען זיין גרויסען קלאַסיקער.

שוין אַנדערע ווערק אַבראַמאָוויטשעס האָבען אונז צוגעוויינט צו דעם רייכען געברויך פון אינטעריעקציעס, — קודם־כל פון די, וואָס זענען אויסדרוק פון אינערליך געפיל, און פאַרטרעטען אָפטמאָל אַ גאַנצען זאַץ, אַ גאַנצע דערציילונג, צוגעבענדיג דער שפּראַך אַ באַזונדער עקספּאַנסיווישקייט. — צ. ב. די „טאַקסע" צייכענט זיך ספּעציעל אויס מיט דער גרויסער צאָל אַזעלכע אינטעריעקציעס. באַלד די ערשטע סצענע הייבט זיך אָן מיט ספּאָדיקס מאָנאָלאָג:

„אמר ר' טרפון... האָט ר' מאיר געזאָגט... האַ? נאָך אַמאָל. (ער פּאַראַכט זיך אָף דער וואַנט און רעדט צו זיך אַליין) ער האָט געזאָגט, אַז נאָך שבת איז דער טערמין האָט ער געזאָגט... מען וועט דאַרפין סיליקין. דער קאָפּ חלעבין שפּאַלט זיך מיר. אַך, שלעכט, שלעכט, נישטאָ קיין געלט! איך האָב מורא מען זאָל זיך חללה באַלד ניט אָנשטייסען. די קאַסע איז פּוסט. אויסגעטיקענט, די רעדער וועלען זיך אויף העריץ צו דרייען באַם עס וועט חלילה ניט צו קומען קיין וואַסער, געלד מיין איך. אַך, זייער אַשלעכטע צייט (ער שטייט אויף און גייט אַרום איבער דעם חדר) יאַ, זייער אַ ביטערע צייט, עפּעס ווי אויף צו זעצענעש האָט מען נאָך היינט אויף געהערט חתונה צו האָבין. שוין אַ לאַנגע צייט איז מיר ניט אַריין געפאַלין קיין שלישית־געלד, ניט פון היאַ, ניט פון דער סביבה. אַקאַטאָוועס עפּעס שלישית־געלד, דאָס פלעגט אויס מאַכין אַיאָר זייער פיל... אַ נס חלעבין וואָש דרייט זיך נאָך אַביסיל חברהש געלד. אַי וואָש?... עט נאַרישקייט, ווער איז דאָש מחויב צו וויסען ווע-

מען גייט עס אָן? נאָר עס איז מיט דעם אַפּילו אויך ניט גוט, בּע גאָר ניט גוט!"[1]) א. אַ. וו. א. אַ. וו.

אין 13 געריקטע שורות: „האַ", „אַך", „יאַ", „אַי", „עט" און „בּע"! — „שטאַנדהאַפּט, אַריינגייענדיג אין חדר אַ בּיסל לוסטיג":

„נו א ר׳ אהרן וואָס וועט איר זאָגען? האַ וואָס שווייגט איר? ע, ער שלאָפט!"[2])

אין „פישקע דעם קרימען". ר׳ מענדעלין ציט גע־וואַלדיג אַ קוק צו טאָן אַף די „ליכטיגע וועלט", וואָס האָט זיך צולייגט אַרום, פול מיט פּראַכט און צויבער, זאָגט צו אים דער יצר־טוב: „פּע!... מ׳טאָר ניט!"[3])— דער „פּע" איז דאָ קאָקעטיש און שטיפעריש, פאַרפאַרבט מיט גוטמוטיגער איראָניע, און דערנע־טערט זייער דאָס גאַנצע נעמעל צום לעזער, צוגעבענדיג דעם אַ אינ־טימישען, וואַרעמליכען טאָן. — פישקע דערציילט, ווי „דער ממזר, אַ קיינק אים אין די ביינער איאַן, פלעגט קנייפען אַמאָל די האַר־באַטע, נעבעך": „איך האָב געמיינט, — גיט ער איבער, — דאָס זענען זיך גלאַט אַזוי קניפּ פון אַ רשע, וואָס שלאָגט, פייניגט אַ מענטשען, נעבעך. נאָר ווי עס האָט זיך פון איר קלאָגען־זיך דערנאָכמאָל פאַר מיר דערוויזען, זענען דאָס געווען גאָר אַנדערע מיני קניפּ. עס האָט געהאַט עפּעס גאָר איין אַנדער טעם... פּע! יצר־הרע־קניפּ..."[4]) דאָ האָט דער „פּע" גאָר אַן אַנדער אינהאַלט, טאָן און פאַרב. דאָס שפּיטט איבער דאָס אויפגעבראַכטע צניעות־געפיל, אויסגעמישט מיט׳ן פאַרדראָס פון אַ ליבהאָבענדיגער נשמה. — די איינענע אינטעריעקציע קומט נאָך פאָר, ענצעלט, געטאָפּעלט אָדער זאָגאַר זאַלבעדריט, אַף די ז״ז 21, 43, 45, 51, 89, 95, 140, 158, 161, 162, 166.—

„איך פרעג אייך ניטש מער, ר׳ מענדעלי! — מאַכט פישקע מיט אַ ביטער געמיט: — צו וואָס האָט עס גאָט באַדאַרפט מיך מיט איר[5]) ווידער צונויפפירען, בכדי באַלד טאַקי אונז צושיידען? עס זאָל אונז פלוצלינג אַ שיין

---

[1]) ז׳ 8 (ציטירט לויט ווילנער אויסגאַב 1872).—

[2]) ז׳ 38.—

[3]) ציטירט לויט דעם וואַרשעווער אויסגאַב 1913; ז׳ 9.—

[4]) ז׳ 128.—

[5]) פּעט דער האָרבאַטער. —

טין דאָס מזל, בכדי באַלד טאַקי זאָל אינז נאָך ערגער פינסטער ווערען אין די אויגען?... ס׳איז עפּעס נאָר ווי אַ צו להכעיס! און געוואַלט, רבונו של עולם, אַקעגען וועמען, אַקעגען צוויי אומגליקליכע, ביטערע קאַליקעס, וואָס איידער אַזאַ וויסט לעבען אין יסורים, און ווייטיק, וואָלט פאַר זיי פיל גלייכער געווען נאָר ניט געבוירען צו ווערען!״...[1])

„איך מאַך אַ פּרוּם פּנימיל״,— דערציילט ר׳ מענדעלי: — „און שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ זאָג איך: טע־טע־טיי! וואָס האָט אַזוי פיל געהייסען: מען טאָר נישט רעדען אַזוינס!... געזאָגט האָב איך עס, נישט ווייל דאָס איז באַ מיר אַ גוטער ענטפער אַף דער קשיא, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל דער שטייגער אין דער וועלט איז שוין אַזוי, אַז איינער פרעגט פאַר צרות שטאַרקע קשיות, מוז דער אַנדערער זאָגען מוסר, אָפּשלאָגען אים כאַטש מיט טע־טע־טיי!...״[1])

די אויסגעצייכענטע כאַראַקטעריסטיק פון יידישען „ב ע״[2]) האָב איך שוין ציטירט אויווען אַף ז׳ 70. — מיר באַגעגענען אין דעם ווערק: „אַ״[3]); „אַ י״;[4]) „אָ״[5]); „אוי״[6]), „אוי ווי״[7]); „אי!״[8]); „אָך!״[9]); „אַך!״[10]); „האַ!״[11]), „אַהאַ!״[12]); „הָה, אַהָה ווײ געשריגען!״[13]); „העהע!״[14]), „העהעהע!״[15]); „העט!״[16]),

---

[1]) ז׳ 181.—

[2]) דיזאָזיגע אינטעריעקציע טרעפען מיר אַף די ז״ז 21, 23, 28, 29, 41, 45, 182.—

[3]) אַף ז״ז 11, 20, 29, 94, 144.—

[4]) אַף ז״ז 18, 22, 26, 30, 51, 72, 89, 120, 126, 137, 138.—

[5]) אַף ז״ז 20, 34, 42.—

[6]) אַף ז״ז 13, 30, 37, 66, 84, 94, 117. —

[7]) אַף ז״ 110. —

[8]) אַף ז׳ 16. —

[9]) אַף ז״ז 110, 124, 129, 157, 164. —

[10]) אַף ז׳ 146. —

[11]) אַף ז״ז 10, 20, 51, 58, 64, 80, 91, 96, 105, 106. —

[12]) אַף ז״ז 69, 144. —

[13]) אַף ז׳ 42. —

[14]) אַף ז״ז 38, 140. —

[15]) אַף ז׳ 22. —

[16]) אַף ז״ז 21, 47, 108. —

„ט אַ״[1]; „ט פֿו!״[2]; „ט צ ע ־ ט צ ע ־ צ ע״[3]; „נ אַ!״[4]; „נ ו״[5]; „ע ה ע!״[6]; „ע ט״[7]; „ש אַ״[8]. — די־דאָזיגע אינטעריעקציעס קומען אַליין, אָדער צוויי צי דרײַ מאָל איבערגעחזרט, אין פֿאַרשידענער אָנווענדונג און מיט פֿאַרשידענע ניואַנסען.

„דער טאָל איז באַוואַקסען מיט טשערעט און מיני בײַמלעך שטעכעדיגע ווי דערנער, און ציט זיך מיט איין זײַט צום שליאַך, מיט דער אַנדערער ערגיץ אַנדערש, ה ע ט ־ ו ו ײַ ט צו אַלדי שוואַרצע יאָר״[9]; נישט פּשוט „ווײַט״, נאָר „ה ע ט ־ ו ו ײַ ט״...— „אַזוי איז זי, שלימזלדיגע, נעבעך, געזעסן ה ע ט ש פּ ע ט אין דער נאַכט״...[10] — „ווי עס הייבט זיך אָן ציען אַ וואַלד ה ע ט ־ ה ע ט ביז צום שליאַך״...[11] אָנשטאָט דעם בלאַסען ליטעראַרישען „ז י י ע ר״ — דער נאַטורלויט „ה ע ט״, וואָס ווערט אויסגעשפּראָכען מיט שטאַרקען הויכלויט וואָרט־איין און מיט געצויגענעם „ע״, מאָלענדיג מיט זײַן קלאַנג דאָס ציען זיך אינדערווײַט אַרײַן...— „אַף דעם גאַנצען וועג איז ש אַ ־ ש ט י ל, מען זאָל דאָס הערען ערגיץ אַ שאָרך, אַ פּיפּס״...[12]: נישט גלאַט „ש ט י ל״, אויך נישט „ז י י ע ר ש ט י ל״,

---

[1] ז״ז 29 („ט אַ, פֿאַרוואָס ניט?״), 58 („ט אַ... מהיכא־תיתי!...״; „טאַ רבונו של עולם! — טראַכט איך מיר: — לאָז זײַן אַזוי״...). —

[2] ז׳ 51. —

[3] ז׳ 91: — „אַ גרויסע מציאה, כלעבען!״ — מאַכט אַלטער, קנאַקענדיג מיט דער צונג: „ט צ ע ־ ט צ ע ־ צ ע! פֿינדעסטוועגען מעגען זיי אפילו נישט געדאַכט ווערען״. —

[4] ז״ז 19, 37, 51, 66, 84, 94, 135. —

[5] ז״ז 20, 28, 34, 38, 41, 54, 76, 78, 83, 84, 127, 160, 166, 176. —

[6] ז׳ 74. —

[7] ז״ז 45, 50, 111, 149, 162, 166, 167. —

[8] ז״ז 17, 51, 66, 89, 94, 97, 107, 109, 110, 132, 162, 174, 178. —

[9] ז׳ 47. —

[10] ז׳ 108. —

[11] ז׳ 21. — [12] ז׳ 17. —

נאָר „ש אַ ־ ש ט י ל“...—„אַמאָל פֿלעגט זי טאַקי כאַפּען אַ שמיץ מיט דער בײַטש פֿונ׳ם שמײַסער אַף דער קעלניע, נאָר זי פֿלעגט עס, נעבעך, אַראָפּ-שלינגען ש אַ. ק י ט ש“...[1] — — „קריכן מיר אַרויף אַף די בײַדלעך און ה ײַ ד אַ אין וועג אַרײַן“[2]; נישט פּראָזאַיִש: „און מיר לאָזען זיך ווײַטער פֿאָרען“, נאָר עקספּאַנסיוו, קלאַנגמאָלענדיג; „ה ײַ ד אַ אין וועג אַרײַן!“; די אינטעריעקציע גיט דאָ איבער דאָס לעבעדיקײַט, דאָס צופֿרידענקײַט, מיט וועלכן ר׳ מ ע נ ד ע ל י מיט ר׳ אַ ל ט ע ר ן האָבען זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג אַרײַן נאָכ׳ן אינצידענט מיט די פֿויערן. — „נו, ה ײַ ד אַ, פֿישקע! אַרויס מיט דער שפּראַכע“[3], — בעטען ר׳ מענדעלי און ר׳ אַלטער פֿישקען, מונטערענדיג, אונטעריאָ-גענדיג דעם קאַליקע, וואָס קווענקעלט זיך, שעמט זיך...— — „ס׳איז דאָ, דאָ זײַער פֿיל[4]“, — זאָגט יאָנטעל: — ווי, אַ שטײַגער, האַלטען די טאַקסע, זײַן אַ גבאי אין חברות, רײַבען זיך אַרום מאיר-בעל-הנס-פּושקעס, דרײַען זיך אַרום שטאָדטזאַכען, אַרום די פֿײַנע בריות, זײַן אַ כּל-ולך, אַ קאָכלעפֿעל און דעסגלײַכען זײַער גוטע פּרנסות. נאָר, אַ ק אָ ט אַ! אַזעלכע זענען נישט פֿאַר דיר“...[5] מיט „אַ ק אָ ט אַ!“ טרײַבט מען אין דרומרוסלאַנד אַוועק אַ קאַץ; אַף קאַטאָוועס גע-ברויכט מען די אינטעריעקציע אויך בנוגע צו מענטשען; דאָ הײַסט „אַקאָטאַ!“: „נײַן, ברודערל, דו האָסט וועגען דעם אַפֿילו נישט וואָס צו חלומען! דאָס שטרײַטעל איז נישט פֿונדײַנעטוועגען!“ — — ר׳ מ ע נ ד ע ל י, אַביסעל פֿאַרלעקט, באַנאַכט, אין פֿרעמדען גאָרטען: „אַ י, אַ לבנה, אַ באַקדײַזשע, אַ שײַנע אַדעסער לבנה! אַ נאָז מיט אויגען!... ש אַ, מקדש זײַן די לבנה! שלום-עליכם? — עליכם שלום! — שלום עליכם? — עליכם שלום! אַזוי ווי איך אַקעגען דיר שפּרינג און אָנ-רירען דיך נישט קען איך... שפּרינג-זשע, פּעטער! — ה אָ ץ, ה אָ ץ, ה אָ ץ!“...[6] מיט דער איבערגעחזרטער אינטעריעקציע מאָלט דער דערצײלער זײַן אונטערשפּרינגען אַקעגן דער לבנה... — — „אַהאַ, די הולטאַיקע גלוסט זיך אים! זיכער פּטרן דאָס ווײַב און ה אָ צ ע נ י ו מיט דער דראַבקע! אַ נישט דערלעבען זאָלט איר עס!“[7], ערנערט זיך פֿישקעס פּלוניתטע. ס׳וואָלט געקענט זײַן: „אַוועק מיט דער

[1] ז׳ 110. — [2] ז׳ 16. — [3] ז׳ 83. — [4] פּרנסות. — [5] ז׳ 164. — [6] ז׳ 51. — [7] ז׳ 144. —

דראַבקע!״, און ס׳וואָלט אויך געווען לעבעדיג; „האָצעניו״ — „האָץ״ מיט דימינוטיווסופיקס — שילדערט אַ אַוועקגיין מיט שפּרינגען, די שמחה, דאָס גליק, דאָס איילעניש פון אַוועקגייענדיגען, און גלייכציטיג שטעקט אין דער דאָ געברויכטער אינטעריעקציע די שנאה, דער כּעס, דאָס נישטפאַרגינען און די פאַראַכטונג פון דעם רעדער. — — „עפּעס איז מיר גוט אַפּ׳ן האַרצען גלאַט אַזוי אָהן ווערטער, — דערציילט ר׳ מענדעלי: — דאָס צוטרימקען מיינס דערביי איז אויך נישט מיט אַ כּוונה צו געבען קאָנצערט, אָדער צו שאַרפען די כּלי, נאָר גלאַט אַזוי זיך אַטרים־ברים, ברים־טרים״...[1] —

אַבראַמאָוויטש איז אויך ליבהאָבער פון יענער אינטעריעקציע, וואָס האָט אַ שייכות צו אויסערליכע דערשיינונגען, איז רעאַקציע אַף פּלוצימדיגען רייץ פון חוש־השמיעה אָדער חוש־הראיה, און ווערט געוויינטליך געברויכט בּאַ דערמאַנען זיך אָן די דערשיינונגען, וואָס רופען אַזאַ פּלוצימדיגען רייץ אַרויס.

ר׳ אַלטער „פאַררייכערט אַפּדאָסניי זיין פּיפּקעלע — פּוף־פּוף־פּוף — און אַרויסגעלאָזט ווי פון אַ קוימען אַ גאַנצען וואָלקען רויך[2]״. — „איך נעם מיך גערן צום רענצעלע, שמועס־איבּער, פּאַר צרות, מיט דעם פּלעשיל בראַנפען, בּול־בּול־בּול גלייך אין מויל אַריין... געזעגען מיך מיט דעם פּלעשיל, נאָכאַמאָל בּול־בּול־בּול״...[3] — „אַ צען לעפעל אַרבעטען געשמאַק אין איין שיסעל און פּליען פון דאָרטען געשווינד אין צען מיילער, וואָס זופּען, איטליכס אַף זיין שטייגער. ס׳איז אַ כאַפּעניש, אַ בהלה, אַ זופּעריי: ווופּ־הופּ, הופּ־פּופּ! מיינע נייגעפונענע קרובים טרייבען מיך אַלץ אונטער: עסט, לאָזט זיך ניט בעטען! און איך: ווופּ־פּפּיפּ! אַף מיין נוסח״...[4] — — דאָס איבערגעבליבענע שטיקעל גלאָז, וואָס שטעקט ערגיץ אין אַ ווינקעל פון פענסטער, ווי דער אייגאייגציגער צאָן בּאַ אַ זקנה, שאָקעלט זיך בּאַ נאָר עפּעס אַ ווינטעל און בעבעט שטיל: „זים־זים־זים״[5] — — „דאָס הינקעדיגע בּענקעל אַף דריי פיסלעך פּאַלט אום; דאָס לייענע קריגעל מיט נעגעלוואַסער טראַך־טראַך״...[6] — — „דער רויטער קאָלנער האָט אַ היק געטאָן אַף מיר מיט דעם האַרבען וואָרט אַף יונית״...[7] — —

1) ז׳ 78. — 2) ז׳ 37. — 3) ז״ז 49, 50. — 4) ז׳ 62. — 5) ז׳ 60. — 6) ז׳ 65. — 7) ז׳ 53. —

„באַלד פּלומפּעל איך דיך און מאַך ביק”...[1] — — „עפּעס אַ קונדס אַ פֿויגעל, שטיפּט, פֿליט פֿון איין בוים צום אַנדערען, מאַכט: קוקו-קוקו, ווי ער שפּילט זיך אין באַהעלטעניש; אים ענטפּערט אָפּ פֿון צווישען ווייץ און קאָרן איין אַנדער מין פֿויגעל עפּעס: פּיק=בער=וויק, פּיק=בער=וויק!, ווי גערעדט: אייביק ווערסטו מיך דאָ נישט כאַפּען, כאָטש שיט מיר אָן זאַלץ אַפֿ׳ן עק, פּאַקט זיך, ר׳ קרוב, ווייטער און אַוועק, אַוועק!”[2] — — „...און מיר, שטאַרק אָנגעצינדען, לאָזען איינער צו דעם אַנדערען זיך צו הענדום=פּענדום, ווי די הענער”...[3] —

גערן — און שטענדיג אַפֿ׳ן אָרט — באַנוצט אַבראַמאָוויטש די ציימווערטער, באַ וועלכע די פֿורם אַנטשפּרעכט דעם אינהאַלט, דער קלאַנג מאָלט דעם געדאַנק.

„איך בעבע, מריקע מיר משטיינסגעזאָגט אַליין ניט רעכט צו הערען, וואָס איך בעבע”...[4] — — „איך האָב מיר געטראַכט פֿון מסחר און אונטערגעברומעלט עפּעס אַ תשעה-באב ניגונדעל”...[5] — — „אַזוי געוויינטליך טרימקעט אַ ייד אָהן ווערטער, אָהן אַ שום געדאַנק, ווען די דאגות הפּרנסה לאָזען אים אַביסעל נאָך”...[6] — — „די גרילען צווישען היי, צווישען תבואות שמוצערן, זומזען, צימבלען”...[7] — — „זשאַבעס אַפֿילו פֿון די טייכלעך ערגיץ טערעלייקען”...[8] — — „דער טאַפּטשאַן אונטער מיר ריפּעט=סקריפּעט”...[9] —

...דאָס, וואָס ביז איצט געזאָגט וועגען דער שפּראַך אין „פֿישקע דעם קרומען”, איז נאָר איין קאַפּיטעל פֿאַר דעם בוך, וואָס דאַרף אַמאָל אָנגעשריבען ווערען איבער אַבראַמאָוויטשעס פֿאָלקסטימליכען סטיל און זיינע קינסטלערישע מעלות. קיינער ביז דעמדאָזיגען מייסטער פֿון יידישען וואָרט האָט נישט געקענט אַזוי די יידישע שפּראַך מיט אַלע אירע אוצרות, נישט געוועזן אַזוי באַהאַוועגמ אין אַלע אירע אייגענאַרטיקייטען און אייגענטימליכקייטען, נישט פֿעיג געווען אַזוי טיף אַריינצודרינגען אין די ווייטסטע ווינקעלעך אירע, אין די טיפֿסטע קוועלברונעמס. דער מחבר פֿון „פֿישקע דעם קרומען” הערשט איבער דער יידישער שפּראַך, ווי אַ מוזיקער=ווירטואָז איבער זיין אינסטרומענט.

[1] ד. ה.: „שנייד דיר איבער דעם האַלז” (ז׳ 78). —
[2] ז׳ 45. — [3] ז׳ 12. — [4] ז׳ 10. — [5] ז׳ 19. — [6] ז׳ 78. —
[7] ז׳ 17. — [8] ז׳ 45. — [9] ז׳ 65. —

פֿאַלט ר׳ מענדעלים בײַדעל אַרײַן אין אַ קאַלוזשע, ווײַסט ער, אַז אַף בעל־עגלישׁ לשון הײסט עס אַ „טינטעריל"[1].— — שילדערט ער די באַנדע בזידאָרעמעלײַט, קען ער אױסגעצײַכענט זײער אַרט רעדען: די ווערטער „נגיד"[2] און „מקבל"[3] אין דער ספּעציפֿישער אָנווענדונג פֿון דער כּאַליאַסטריע; „סדום"[4] אַלס בײַסיג־צאָרענדיגע באַצײַכנונג פֿון אַ געוויסער שטאָדט; „צויאַכמערען זיך" און „פּלאַנכענען"[5]; „דערלאַנגען אַ טעלעמעטשע צווישען די ליטקעס, אַ רײַב איבער די לאָפּאַטקעס"[5]; „זאַבאָ־רען אַ קרעל"[6], „זאַלאַבערט אַ כּפּרהניצקע"[7], „געלקח׳נט קלינגערס"[8], „געבעלדברט אַ יאָלד"[9] א. אַ. וו. — — טרעפֿט זיך ר׳ מענדעלי מיט ר׳ אַלטערן, „סטעכעווען" זײ, ד. ה. בײַטען זיך מיט ביכער[10].— — דערצײלט ר׳ מענדעלע, ווי ער לײגט אַרויס רומיל, און ווי ר׳ אַלטער ווערט „צוגעזאָטען" צו אײן מין, באַשרײַבט ער גענוי: „ס׳איז באמת געווען גאָר אַנטיק. די בלעטלעך פֿון כּל־אַ־מיני קאָלירען, און נישט פֿון אײן גרײס. די אותיות אַביסעל מטושטש פֿון אַלערלײ שריפֿט: רש״י, דימענט, פּעריל, ציצעראָ, פּרקים, גרזים און קלײן ווערליש"...[11] — — ר׳ מענדעלע פֿאַסט, און „דער יצר־הרע נעמט מיך ווײַטער אָן—דערצײלט ער—רעכענט מיר אויס דאָס גאַנצע צעטעל יידישע מאכלים: אַ געבראָטענע לעד־וויצע מיט קאַשע, אַ ראָסעל פֿלײשעל, אַ לאָקשענקוגעל מיט אַ גנב — אײן אָנגעפֿילט העלזעל אינווענדיג — פֿאַרפֿעלעך אײַנגעפּרעגעלט מיט גריוון. איך בין טויט מיט אַלע אברים, דער אַפּעטיט איז אַ שרעק, און ער אַלץ טאַקי ווײַטער: כּרעמזעל, פּראַקעס, פּעטשע מיט פּעניצלעך, לעבערלעך, רעטיך מיט ציבעלע, אַ קראָפּ פֿון אינדיק און אַ פּאַסטאַר

---

1) ז׳ 12.—
2) ז׳ 98.—
3) ז׳ 104.—
4) ז׳ 98.—
5) ז׳ 101.—
6) ז׳ 98, „געגנב׳ט אַ ברוים".—
7) ז׳ 98: „גענגב׳ט אַ הון".—
8) ז׳ 98: „אויסגעכאַפּט געלט".—
9) ז׳ 98: „געהרג׳ט, געשלאָגען אײנעם אַ בעל־הבתיש קינד".—
10) ז״ז 42, 44.—
11) ז׳ 43 (אין דעסער אויסגאַבע 42).—

נאַק-צימעס"...[1] — — ר' מענדעלי פאַלט אַרײַן צום שענקער, צושמוסט זיך ברײטליך מיט דער שענקערקע, זײ רעכענען זיך אויס, אַז זײ זענען גאָר בײדע שטיקלעך קרובים: „זי הײסט היה-טרײַנע, נאָך מײַנס אַ קאַלטער מומע פֿון דער באָבעס זײַט"... — — וואָסער װינקעלע, וואָסער פּינטעלע פֿון יידישען פֿאָלקסלעבען, פֿון דער יידישער לעבענסאַרט אַבראַמאָוויטש זאָל נישט באַרירען, קען ער עס אויסגעצײכענט, קען אײך גענוי די נאָמענקלאַטור, די טערמינאָלאָגיע, װעלכע ער געברויכט מיט'ן גרעסטען זיכער-קײט און מיט יענער פּרעציזיע, וואָס צײכענט-אויס זײַן גאַנצען סטיל, — מיט יענער פּרעציזיע, וואָס ברענגט אונז אַרײַן אין שטוינען, ווען מיר לײענען אַ שטײגער אַזאַ מין זאַץ: „אַ קאַלט אָסענדיג רעגענדיל שפּרענקעלט און נעצט איר דורך די בײנער"[2]; נישט: „פּאַלט", אָדער „גיסט", — דאָס וואָלט געווען שאַבלאָניש, בלאָס און נישט גענוי, — נאָר בפירוש: „שפּרענקעלט", ד. ה. טריפּט לאַנגזאַם, פויל, מיט טראָפּענדלעך, גרויס ווי אַ מאָן...[3]

---

אויף העברעיש האָט אַבראַמאָוויטש דעם בוך אַ נאָמען גע-געבען „ספר הקבצנים". — די וועלט פֿון פּראָפעסיאָנעליש-בעטלערס, „פאַהרענדע לײטע", ווי מ'רופט זײ אין דײַטשלאַנד, דער ערב-רב, וואָס ווימעלט אויסער די מויערן פֿון דער געזעלשאַפט, דער סאָציאַלער אָפּגרונט, פֿון וועלכען אין די בירגערליכע קרײַזען רעדט מען מיט עקעל און פּחד. — אין דער אײראָפּעישער ליטעראַטור האָט דער ערשטער צו דעם פֿאַרשאָלטענעם ברוגעס זיך אָנגעבויגען דער ראָ-מאַנטיזם, מיט זײַן נײַגיר צו בלערלײ אויסנאַמליכקײטען. — דער מאַנען מיר זיך אָן וויקטאָר הוגאָ מיט זײַן „מענטש, וואָס לאַכט" און נוטר' דאַם דע פּאַרי". נאָר דער באַרימטער פֿראַנצײזישער ריכטער האָט מער געקוקט אַף די אויסערליכע אומגעװײנליכקײט

---

[1] ז' 18 (אין אַדעסער אויסגאַבע: 22). —

[2] ז' 108. —

[3] דאָס קאַפּיטעל איז אָנגעשריבען געוואָרען 1913, און פֿערט יעצט געדרוקט צום ערשטען מאָל אין איבערגעאַרבעטער פֿאָרם. —

אין משונהדיקייט פון דעמדאזיגען לעבען, געזוכט די פאנטאסטישע,
פאעטיש אינטערעסאנטע ליניען. זיינע קאמפראמשיקאבען קלינגען ווי
אנ'אלטע ווייטע לעגענדע, ווי א מיטעלאלטערישע באלאדע, איינגעהילט
אין דעם ראזע שלייער פון ראמאנטישער עפעקטישקייט און מעלאנ־
כאליע; דער פאריזער „אפגרונט", ווידער, ווי דאס הייסט פון
גארקין אן, זעט אויס בא דעם אויטאר פון „ערנאני" ווי א
ווילדער חלום, ווי א כימערע, ווי א שדים־טאנץ אין א פלאמיגען און
רויכיגען געפעל. — נאר דער נאטוראליזם האט זיך דערוועגט
צו גרייכען ווייטער, ווי די אויבערפלעך, צוגיין נענטער צו דעם
מענטשליכען זומפ, נידערן טיפער אין זיינע טריבע כוואליעס, פארשען
אים סאציאלאגיש. — אזוי איז די יידישע בעטלערוועלט באהאנ־
דעלט אויך אין „פישקע דעם קרומען". —

בריייט און טיף. — די וואנדערונגען אין דער יוגענד האבע
געגעבען אבראמאוויטשען די געלעגענהייט גוט צו דער־
קענען דאסדאזיגע אויסטערלישע געביט, אריינדרינגען אין די סאמע
טיפענישען זיינע, אין זיין סאציאלען עצם, אין זיין פסיכיק און פי־
לאזאפיע, עטיק און קולטור, וועלטאנשויונגען און באגריפען. און אט
ווי ס'איז ניט איבריג נאכאמאל צו באוואונדערן דעם געניאלישען
זכרון, וואס האט דערלויבט אונזער גרויסען קינסטלער דורך דעם
קארידאר פון יארען אזוי פריש און צאפעלדיג דורכצוטראגען זיינע
באאבאכטונגען און איינדריקען. ער איז דער ערשטער און דער
איינציגער אין דער יידישער ליטעראטור, וואס האט זיך גענומען צו
דער שווערסטער פון אלע שווערע סאציאלישע טעמעס און האט דאס
אויסטערלישע לעבען געשילדערט מיט זיין געוויינטליכער זיכערקייט,
גענויקייט, זאפטיקייט, באשאפענדיג גרויסע, בריייטע געמעלער,
פאראייביגענדיג פאר דער יידישער קולטורגעשיכטע און פאר דער
וועלטקולטורגעשיכטע די בילדער פון דער פאנטאסטישער, אין גע־
וויסע ליניעס שוין פארגאנגענער וועלט.

ניט לאנג האט ארויסגערופען א טומעל על זא יערוזאלעמס
„הייליגער סקאראבעוס", — א ראמאן, וואס מאלט די פראסטיטוציעוועלט.
דאס נייע ווארט, וואס די דייטשישע שריפטשטעלערין האט געזאגט
אין דער אזוי רייכער ליטעראטור אף די טעמע, באשטייט אט אין
וואס. פאר אינז — און פאר די אומגליקליכע זעלבסט — איז יענע וועלט
— אנ'אפגרונט פון שמוץ, א מחנה פון מצורעים. די אויוועדערמאנטע

פֿאַרפּאַסערין ווײַזט אונז אַ מיידעל, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין אַ שאַנדהויז, בײַ אַ הפקרפּרוי, און דאָרטען טאַקי אויסגעוואַקסען, — געראָטען, שיין, קלוג. פֿאַר איר איז די פֿאַרעיפּושטע נעסט אַ נאָרמאַלישע, וועלט. איר וועלט. זי ווייסט ניט פֿון קיין אַנדערער. זי האָט ניט קיין פֿאַרגאַנגענהייט. די טאָכטער פֿון דער גאַסענפּרוי פֿילט זיך גוט אין שאַנדהויז, וואָס איז איר געבוירענע ספֿערע — מיט אירע געזעצען, סדות, מנהגים, באַגריפֿען, השגות. — זי איז פֿרײַ, פֿריילעך, געזונט, מיט אַ געזונטער נאָרמאַלער פּסיכיק. דאַרף ניט קיין בראָנפֿען, אָפּיום, נאַשיש, מיט וועלכען די ווײַסע שקלאַווינס, ווי מ'רופֿט זיי, פֿאַרטויבען אין זיך דעם ווײ, די באַליידיגטע, צוטרעטענע מענטשענווערדע, דאָס אינערליכע צושפּאָלטענקייט, דעם דיסאָנאַנס צווישען לעבען און אָנשויונג.

בעטלערײַ, דענקען מיר, איז אַנ'אומגליק, ווי אַ קראַנקהייט. אַ בעטלער — אַ צובראָכענער מענטש. „עני חשוב כמת”. דאָס יידישע שפּריכוואָרט חזרט־איבער דעם מאָטיוו אַף הונדערטערליי אופֿנים. — אַבראַמאָוויטשען איז דעם ערשטען און איינציגען בײַ אונז געלונגען מיט זײַן געניאַלישען חוש אויפֿצופּאַסען די יידישע בעטלערוועלט נישט אַלס אויסטערלישקייט, נור אַלס אַ כאַציאַלישׂ milieu, אַ milieu, ווי אַלע מיליע'ס, אַ באַזונדערע וועלט פֿאַר זיך און אין זיך.

אין אונזערע אויגען איז „שמחהלע דער לעבעדיגער” אַ פּראָפֿעסיאָנעלישער בעטלער, און אַלס אַזעלכער, „גאָר קיין מענטש נישט”, פֿאַר דעם לעבען, פֿאַר דער קולטור אומפּראָדוקטיוו, נוצלאָזיג; אַ עול אַף דער געזעלשאַפֿט, אַנ'איבריגע שווערע משא. און ווירקליך, וואָס קען אַזוינס וויסען פֿון זעלבסטווערדע, פֿון אַ מענטשליך לעבען, פֿון מענטשליכע אידעאַלען, פֿון געזעלשאַפֿטליכע אידעאַלען, שטרעבונגען, קולטורבאַדערפֿענישען! — און אין זײַנע אויגען איז ער גאָר אַ פּירשט, וואָס האָט אונטער זיך אַ עדה וואַסאַלען, פֿון וועלכע ער נעמט צינש.

„בײַ אים אין אַ באַזונדער בוך שטייען פֿאַרשריבען אַלע הײַזער אָפּגעטאַקסירט, וויפֿיל הכנסה באַדאַרף אים דורכ'ן יאָר איטליכס הויז איינברענגען. „די הײַזער, זאָגט ער, זענען מײַנע, צאָלען מיר צינש, גאַנץ גלופּסק איז מײַן קאַנטאָר”. זײַן שטייגער איז, איטליכען טאָג צו גיין אין אַ נעווויסען טייל הײַזער. ער קומט אַרײַן אין אַ שטוב לעבעדיג, מיט ברייטקייט. גיט מען אים באַלד די נדבה, איז גוט; ווען נישט, זאָגט ער: „אַ גוטען

טאָג! גישקשה, איך וועל פֿאַרשרײַבן אַף אײַך אַ חוב", — און לויפֿט לעבעדיג, געשווינט אַרויס"[1]).

ער מאַכט חתונה אַ קינד, גיט ער „אין נדן אַרײַן די הײַזער אין גלופּסק"[1]), וואָרום „שמחהלע קוקט אַף גלופּסק ווי אַף זײַן שטאָדט און זײַנע הײַזער"[2]), מיט וועלכע ער קען טון וואָס ער וויל, ווי יעדער גרויסער פֿריץ מיט זײַנע ריזיגע גיטער.

„אַנ'אמת פֿירשטליך לעבן" פֿירט זיך, לויט אייגענע באַגריפֿן פֿישקע מיט'ן בלינדען ווײַב, ווי ער מאָלט דאָס אין פֿאָלגענדיגע עכט אידילישע שורות:

„אַלע טאָג אינדערפֿרי פֿלעג איך זי, ווי עס געהער צו זײַן, אַרויספֿירען אַף איר אָרט לעבען דעם אַלטען בית-עולם, וואָס דאָרט איז דער שטײַגער אירער געוועען צו זיצען אַף אַ ביסעל שטרוי און בעטען נדבות מיט אַ ניגון פֿון די קינ'ות, וועלכע עס האָט איטליכען געריהרט ביז דעם האַרצען.

„עטליכע מאָל אין טאָג פֿלעג איך צוטראָגען אַהין, דאָס אַ טעפּיל געקעכטין, דאָס אַ היסע באַבקעלע, אַ זויערע אוגערקע, אַ קיסליצע. נאַ, קוויק זיך! זי זיצט דאָך די גאַנצע צײַט אַפּעט אַף איין אָרט און איז שטאַרק פֿאַרטראָגען אין דער פּרנסה. פֿיל מאָל פֿלעג איך מיר גלאַט אַזוי קימען געוואָר ווערען, וואָס מאַכט זי, אויך אינטערהעלפֿען איר אַביסעל אין דעם פּדיון: אַרויסגעבען אײַנעם, דעם אַנדערען רעשט פֿון אַ דרײַער, פֿון אַ זעקסער; דערמאָנען זי אין אַלטע הויבות פֿון בעלי-הבתים, וואָס האָבען איר פֿאַרבײַגײענדיג נישט געשיקט באַלד במזומנים, נור אָפּגעלייגט אַף שפּעטער, אָדער אָפּטרײַבען אַ קו, אַ ציג, וואָס זיי האָט זיך געגלוסט, אַף זייער שפּאַציר אין די גאַסען, אַרויסכאַפּען איר פֿון אונטער דעם געזעס אַ פֿול מויל מיט שטרוי.

„אין הדש אלול האָב איך זי געפֿירט אַפ'ן גרויסען יריד, אַרויס פֿון דער שטאָדט, דאָרט אַף דעם בית-עולם. זי האָט עס געמאַכט נישט ערגער פֿון דעם איבעריגען פּעקעל כלי-קודש דאָרט: שמשים, עבֿשטעם חזנים, זאָגערינס, מקבלים, תהלים-זאָגערס, גבאיטעס, קנויטלעך-לייגערינס, וויינערינס און קלאָגערינס.

„וואָס אַזוי האָט זיך עס געמאָלקען, יידישע קינדער! ס'איז געווען,

1) פֿריִער אויסגאַב (1888) ז' 81. — 2) ז' 82. —

ניִשקשה, פּיִגוואַנעט צו לעבען" [1].

און אויב בתיה איז פּלוציִם געוואָרען מיט דעם לעבען ניִשט צופריִדען, איז נור מחמת „וישמן ישורון ויבעט": „אַז ס'איז גוט, וויל מען נאָך בעסערס אַז מ'האָט ברויט, וויל מען קיילעטש" [2]. אויך אין דער וועלט קענען זיין גוטע קאַריערעס און נאָך בעסערע, און אָט וואָסערע השגות האָבען די „יאָרדיִנגע, פעטע, לויטערע, פליישיגע ייִדענע געטריבען פון גלופּסק, איר געבוירענשטאָדט און שמאַלצגרוב:

—„דאָ אַף דעם פּלאַץ איז שוין כמעט גאָר ניִשטאָ וואָס צוטאָנ'עט. מען זיִצט אַמאָל אָפּעט אַ לאַנגע צייט, ביז אייִנער דערבאַרעמט זיִך און גיִט אַ גראָשען.

„לייט דערציילען עס אַביסעל פון דעם גרויסען גליִק, וואָס לעקיִש, דער כּאַלערעהתן, האָט אין דער וועלט מיט פּערלען זיין ווייב געמאַכט. זיי האָבען באַלד נאָך דער התונה זיך אַוועקגעלאָזט, און דאָס מזל, אָהן עין־הרע, גייט זיי! מאַטעל מקבל האָט מיט זיי אין קישינעוו זיך באַגעגענט, אַרומגייענדיִג אין די הייזער. זייערע טאָרבעס, דערציילט ער, זענען פול אָנגעשטאָפּט מיט אַלעם גוטען — מיט שטיִקער קוילעטש, גרעסערע, ווי מען ניט דאָ דעם שבת־גוי, מיט מאַמאַליגע, מיט געריייכערטע שאָפּענפלייש, מיט דאַרע קישקעס און קאָדע. פּערלע שייִנט ווי די לעבטיגע זון. ס'איז איר אין פּנים ניִשט אַרייַנצוקוקען. זי איז פעט, דיִק און ברייט מיט פּיסקעס גאָר אַ גראַפיִנע. גלופּסק וויל זי מער ניִשט קענען, מען זאָל איר עס אפילו שענקען.—

„מענטשען, וואָס קומען פון אַדעס קענען זיך גאָר ניִשט אָפּוונדערען פון דעם גליִק, וואָס יאָנטלען, דעם אַנדערען כּאַלערעהתן, האָט געטראָפען. זיי האָבען אים געזען זיך רוקענדיג דאָרט אַבּן נזעם צווישען די קלייטען און נאָט שיקט אים צו. ער מאַכט עס גאַנץ גוט. דער עולם קען אַף אים זיך נאָר ניט זאַט אָנקוקען. אַדעס, זאָגען זיי, האָט דאָך עפּיס נעניג קאַלעקעס, ווו ערגיץ אין דער וועלט אַ קאַלעקע רייסט זיך אַהין אָפּעט און מען איז שוין מיט אַזעלכע געוויינט, נאָר ווי קומען זיי אַלע צו גלופּסקער, אַזעלכע ווי גלופּסק ניט אַרויסגיט, קען ענגלאַנד אַפילו אויך ניִשט אַרויסגעבען. גלופּסק, אַזוי דערציילען מענטשען, קליִנגט אין דער

1) ז' 75 פ'. — 2) ז' 76 . —

וועלט. אַף אַ גלוּפּסקער יידען לויפֿט מען קוקן, ווי אַף אַ ביז ווּנדער... אונז, כ'לעבען, וועט נאָט אויך נישט פאַרלאָזען. אַט כל-זמן ס'איז נאָך זומער, קום לאָמיר זיך אוועקלאָזען. האַיע נישט, אַ טאָג, כ'לעבען, איז אויך אַיין עבירה". 1)

קען נאָך זיין עפּעס שרעקליכערס, ווי דער יאָנטעל, וואָס „רוקט זיך אַפּ'ן געזעס צווישען די קלייטען", און פאַר פישקעס ווייב איז עס אידעאַל, העכסט גליק, שפּיץ קאַריערע! — אין דער וועלט, דורך וועלכע מ'פירט אונז אין דער „מעשה פון יידישע אָרמעלייט", זענען די באַגריפען אַנדערע. אַ קאַליקע איז דאָרט גאָר נישט אַזאַ אומגליק. פאַרקערט, אַ ג ל י ק! עס העלפט-צו צו דער פרנסה, אַט צו דערדאָזיגער אַקס פון לעבען.

„אמתע, נישט געמלאכטע קאַלעקעס, ווי אַ שטיינער, איך און מיין ווייב, דאָס האָט באַ זיי נעהאַט נאָר אַ גרויסען ווערט", — דערציילט פישקע: — „זיי האָבען זייער אָפט געזאָגט, אַז אַזעלכע פעלער ווי אונזערע איז פאַר אָרמעלייט אַ שאַץ, אַ מתנה פון זיין ליבען נאָמען. זיי קענען זייער פיל איינטראָגען". 2)

און אַז מ'האָט נישט געהאַט קיין אייגענעם פעלער, האָט מען „זיך פאַרשטעלט: איינער פאַר אַ הייקעריגען, דער אַנדערער פאַר אַ הינקעדיגען, דער פאַר אַ בלינדען, יענער פאַר אַ נעלייטמטען, די פאַר אַ שטומע, און יענע פאַר אַ קרומע". [3]) — אין דערדאָזיגער קונץ זענען אייניגע געווען אמתע אַרטיסטען, ווירטואָזען, — למשל דער „רזיטער ממזר". [4]) — דאָס האָט געהערט צו דער פאַבקולטור, צו דער פאַב-בילדונג, צו די „הלכות-אָרימאַן", [5]) צו „די דינים פון אין די הייזער אַרומגיין", [5]) אָהן וועלכע מ'קען גאָר קיין בעטלער נישט זיין, און אין וועלכע פישקעס ווייב איז געווען „אַ ווילקענעהדיגע מיט אַלע אָפּשניצלעך". [5]) — ס'איז אויך אַ פאָרם פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ

1) ז' 76 ב. –

2) ז' 88.—

3) ז' 88. —

4) זעי די קלאַבישע בצענע לעבען שולהויף (ז' 83).—

5) ז' 77.-

אין כאָטש אויסערליך איז די „באַליאַסטרע" אַ אַנאַרכיסטישע באַנדע, וואָס אָנערקענט נישט קיין שום געזעצן, באַ געלעגנהייט גנבעט, ראַבעוועט א.אַ.וו., — און אפשר טאַקי דערפאַר — איז אין איר גישטאָ קיין גלייכקייט. פאַראַן דאָרט, ווי אין איטליכער געזעל־שאַפט, שטאַרקע און שוואַכע, זייגער און געזייגטע, טיראַנען און געפּייניגטע. אין דער חברה בזידקבצנים, מיט וועלכע עס שלעפּט זיך אַרום פּישקע, איז דער ראש — דער „רויטער ממזר", אַ הפקר־יונג, אַ רוצח, זיין רעכטע האַנט — דער אַלטיטשקער, אַ רשע מרושע, אַ „נאָטקע-גנב" מיט'ן רחמנות-פּנימעל פון אַ ניונקעלע. די געפּייניגטע:

די האָרבאַטע —

„דער שטייגער איז זהערער[1] געווען, קומענדיג ערגיץ אין א שטאָדט, אַנידערצוזעצן זי נאַקעט און באָרוויס אַף דער גאַס, ווי מענטשען גייען, און זי האָט באַדאַרפט כליפּען, בעטען נדבות אַף א וויינענדיג קול מיט אַ ניגון און אויך רייסען באַ די פּאָלעס. האָט זי אָבער אַמאָל נישט געשפּילט די קאָמעדיע טשאַקענדיג מיט אַלע אָנשטעלען און געמאַכט וויניג געלט, פלעגט מען איר אָפּשפּילען אַ גוטע חתונה: שלאָגען זי טויטשלעגן, אַרויסוואַרפען זי באַ־ערנאַכט אינדרויסען, ווו זי פלעגט, נאַקעט, הונגעריג, נעבעך, שרייען־וויינען אַפן רעכטען אמת מאַקע"...[2] וכו'.[3]

וועגען זיך אַליין דערציילט פּישקע:

„איך בין געווען דאָס כפּרההינדעלע. האָב איך אַמאָל מיך געביזערט פאַר צרות, פלעגט עס איטליכען אונטערטראָגען: „זעט נאָר, האָט מען געמאַכט, ווי דער נגיד האָט זיך צוגעכמערט, ער וועט שוין באַלד פּלאַנכענען". האָב איך מיך אַמאָל באַהאַלטן מיט טרערען פאַר וויטיג פון די קלעפּ, וועלכע איך מיר איז אַריין, פלעגט מען זאָגען: „וואָס איז מיט דיר דאָ אַזוי די שמחה, פּישקע? וואָס האָסט דו זיך עפּיס אַזוי צולאַכט מיט צייט? זעט נור, עולם, ווי פּישקע לאַכט!" — „דערלאַנגט אים, יודישע קינדער", פלעגט זיך הערען דעם ממזרס קול, „דערלאַנגט אים, נעבעך, א טעלעמעטשע צווישען די ליטקעס, אַרייב איבער די לאָפּאַטקעס, דאָס איז אַ רפואה צום לאַכען. אויב, חלילה, עס וועט נישט העלפען, באַדאַרף מען אים גלעטען די האָר, נעמען באַם אויער און אַריינרויטען אים

---

[1] פון דער באַנדע. — [2] ז' 96. — [3] זעי ז"ז 96 ע., 101 פ. —

א סור, דערפֿון וועט זיך אים שוין שטעלען טרערען אין די אויגען, ווי פֿון א כזית מרור. מען מוז דאך א יידען ראטעווען". — אמאל פֿלעגט מען מיך ארויסווארפֿען פֿון דער בויד, און אז איך בין מיט די קראנקע פֿיס געלאפֿען נאך דעם וואגען, ווי נאר איך האב געקענט, און געמאכט מיט די זייטען, האט מען צוגעפֿליעסקעט, צוגעפאטשט מיט די הענט און געשריגען מיט א געלעכטער: „בראווא, פֿישקע! אט אזוי, פֿישקע, טאנץ אביסעל, טאנץ! קוקט נאר, עולם, ווי פֿישקע הייבט פֿיסלעך, ווי שיין, אהן עין-הרע, ער טאנצט! ער מעג אף אלע חתונות טאנצען. קיין בייז אויג זאל אים נישט שאטען" א. א. וו.[1]

... ס'איז א באזונדערער סאציאלער קלאס, מיט זיין קלאסענבאוווסטזיין" און מיט זיין קלאסענהאס.

„נגידים פֿלעגט מען שעלטען אף וואס די וועלט שטייט. גלאט אזוי זיך, פֿאר נארנישט. איך קען אייך שווערען אין טלית און אין קיטעל, — דערציילט פֿישקע, — אז זיי האבען די נגידים א סך מער פֿיינט, ווי די נגידים זיי. א נגיד האט בא זיי געהייסען עפעס אזויפֿיל, ווי: פיאווקע, צו-שטאפטע קישקע, פֿארשטאפטער קאפ און פֿארשטאקט הערצעלע, פֿארשייט בן-יחידעל, קופֿערנער שטערען און דער שווארציאר וויסט זייער טאטען, וואס נאך פֿאר א מיאוסע צונעמעניש. ס'איז בא זיי פֿארערכענט געווען פֿאר א מצוה, א נגיד אפצוטאן עפעס א שפיצעל, וויבאלד נאר מעגליך. זיי פֿלעגען אפשיקען צו די נגידים בויכווייטיג, שטעכעניש, יסורים, לייד און כל א מיני קרענק, בשעת אמאל עפעס א צרה".[2]

— „פֿאר וואס קומט עס, די נגידים זאלען זיך זיצען, ווי די פריצים רויג, און אנדערע זאלען אף זיי הארעווען?" — היצט זיך דער „רויטער ממזר": — „זייער גוטס איז דען נישט יענעמס מי, יענעמס פראצע, יענעמס שווייס? אליין זענען זיי בא זיך אפגעפֿיינטע מענ-שלעך, היטען אפעט זייער נפֿשעל און ווילען אלס, יענער זאל ארבעטען. א נגיד, וואס מער דיק, געזונט ער איז, וואס מער זיין בייכעל איז גרעסער איז ער אלין מער פֿארנעס, מער פֿיינע-בריה. אונזער איינער, א קענען, מוז מיט זיין געזונט זיך, נעבעך, באהאלטען זיך שעמען, ווי א גנב. איטליכער שרייט אף די ציין, פֿאר וואס נייט אזא גע..טער נישט ארבעטען! עס וואלט שוין רעכט געווען, כ'לעבען, איבערצובייטען די יוצרות: לאזען די נגידים פרואוען אביסעל ארבעטען, וואס איז, קראנק זענען זיי?" —[3]

1) ז' 89ב. — 2) ז' 87. — 3) ז' 83. —

... ווי טיף אַבראַמאָוויטש איז נישט אַרײַנגעדרונגען אין די יידישע בעטלערוועלט, אין די געהײַמסטע ווינקעלעך אירע, מיט דער גאַנצער לעבענסאַרט, מיט דער שפּראַך אפילו[1], — וואָלט „פישקע דער קרומער" דאָך נישט געווען דאָס, וואָס ער איז, נישט געהאַט די גוואַלטיגע באַטײַטונג אין דער געשיכטע פון אונזער נײַער ליטעראַטור, אין דער געשיכטע פון יידישן געזעלשאַפטליכן געדאַנק, ווען דער גרויסער קינסטלער זאָל אין דעמדאָזיגן ווערק געווען בלײַבן נאָר אין די ד' אמות פון דער קבצנים-מלוכה, וועלכע ער האָט אַזוי מײַסטעריש געשילדערט. — די פּראָפעסיאָנעלישע בעטלערוועלט שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין באַזונדערן סאָציאַלן קלאַס, און אַלס אַזעלכער, דאָס פּריוואַטע. אָבער די גרויסע קונסט הייבט זיך אָן ערשט דאָרט, ווו אין פּריוואַטן ווערט געוויזן דאָס אַלגעמײַנע. וועלטקינסטלער איז דער, וואָס זעט נישט דאָס פּריוואַטע אָפּגעריסן פון אַלגעמײַנעם; וואָס, בשעת מאָלען דאָס פּריוואַטע, פאַרליִרט ער נישט פון אויג דאָס אַלגעמײַנע. און אַבראַמאָוויטש איז דאָך אַזעלכער!

עכט-קינסטלעריש זענען געשילדערט די לעבענסאַרט און די זיטען פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלישע בעטלערס, — נאָר אין די געמעלער שטעקט טיף, קונציג באַהאַלטען אַ גרויסער, אַ שרעקליכער מוסר-השכל. מער ווי אַנאַרכיסטישע באַנדעס, אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט, זענען פאַר אַבראַמאָוויטשען דידאָזיגע בעטלערשאַיקעס: ער זעט אין זיי דאָס פאָלק, וועלכעס האָט זיי אַרויסגעגעבען. זיי זענען פאַר אים אַ סימבאָל, סימבאָל פון דער אומה, אַלס אַזעלכע, מיט איר היסטאָרישען גורל און שרעקליכער געגענוואַרט. דער טיטעל „ספר הקבצנים" — „תרתי משמע".

איטליכס פאָלק האָט אַזעלכע קבצנים, ווי עס איז ווערט. דער „אָפּגרונט" שפּיגעלט אָפּ דאָס גאַנצע לעבען פון דער גאַציע. דער „אָפּגרונט" — דאָרט שטייט דער סאָציאַלער לײַטער. דאָרט הייבען זיך אָן די שטיגען, און זײַער שיפּקייט איז אין אַ געוויכער מאָס אָפּהענגיג פון דעם באָדען, אַף וועלכען דאָס אונטערשטע שפּאַרט זיך אָן.

1) זעי אויבען ז'

פישקע פריוזוט אויכצירעכענען, וואכערע מינים ארימעלייט ער קען אין דער יידישער גאס, און „פארדרייט זיך", „קען נישט ארויס"[1]: „עפעס איז דא א פארדרייעניש פון הונדערטער סארטען, א פלאנטעניש פון שווערע נעמען און צונעמענישען. ארמעלייט, וואס דראלען, הולכין מיט די רגלים... דער שווארץ יאר זאל זיי וויסען! ארימעלייט זוי מיכט, עפעס אזוינע און אזוינע, קבצנים דא און דארט, אביונים, דלפנים מיט אלע פירושים, שלעפערס אין דער וועלט. בעטלער, בטלנים, מקבלים און טעלערלעקער אין דער שטאדט. אלערליי גאר אהן א צאל!"...[2] ר' מענדעלי העלפט אים ארויס און פלעכט ווייטער די אומענדליכע קייט, פון וועלכער פישקע האט דערמאנט נאר די אונטערשטע רינגעלעך:

„די א.ע כיני ארימעלייט באַ אונז טיילען זיך איין אזוי: פיעשע אדער פוסארימעלייט, די וואס עלעפען זיך צופוס, און קאניצע אדער בוידארימעלייט, די, וואס שלעפען זיך ארום אין בוידלעך.

„אחוץ דעם ווערען זיי נאך איינגעטיילט אין מינים: שטאדטארימעלייט, אזעלכע, וואס זענען געבוירען געווארען ערגיץ אין א שטאדט, געוויינטליך ערגיץ אין דער ליטע, און פעלדארימעלייט, די, וואס ווערען געבוירען פשוט אף דעם פעלד אין א בויד, זייערע עלטערענס עלטערען האבען פון אייביג אן זיך ארומגעשלעפט. די-אזינע ארימעלייט זענען יידישע ציגיינער. שטענדיג וואנדערענדע זיי פון איין עק וועלט צום אנדערען, זיי ווערען געבוירען אין אויפגעוואקסען, האבען חתונה, פרוכפערן זיך און שטארבען אליץ אונטערוועגנס, זיי זענען פרייע מענטשען, פטור פון אלע זאכען: פון נתינות, טאקסעס וכדומה, אויך פטור כי"ם גאנצען יידישקייט. נישטא קיין אויבערהאר.

„צו דעם טייל שטאדטארימעלייט געהערען אלערליי שטעדטישע קבצנים פון די-אזוינע סארטען: קבצנים פשוטע, יידען, יידענעס, מיידלעך און בחורים, וואס נייען מיט טארבעס אין די הייזער אלע ראש-חודש, אויך אין מיטען דער וואך און נעמען נראשענס און שטיקלעך ברויט, א גרויסער טייל יונגלעך און מיידלעך פון די-אזוינע, לויפען אמאל נאך איטליכען אף דער גאס און רייבען באַ די פאלעס, ביז מען טוט זיך פון זיי אויסקויפען מיט עפעס א נדבה.

---

1) ז' 78. — 2) 77 ס. —

„קבצנים כלי־קודש. דאָס זענען מקבלים, בטלנים, איִן איטליכען קלייַזעל, וואָס זופּען משניות און זאָגען קדיש באַ אַ בר־מינן און אַפּ'ן הייִ־ליגען אָרט צו אַ יאָרצייַט. מען מעג צו זייַ רעכענען אויך שופר־בלאָזער, מזוזות־איבערקוקער מיט דעם גאַנצען קאַפּיטעל אַזעלכע לייַט.

„תורה־ און מצוה־קבצנים. ווי אַ שטייִנער פּרושים, וואָס וואַר־פען אַוועק ווייַבער און קינדער, באַגראָבען זיך איִן אַ קלייַזעל ערגיץ איִן דער פּרעסד און לערנען „ביצה" אַף דעם עולמס רעכענונג. ישיבה־בחורים, וואָס גייען אַרום שלינגאונשלאַנג, קראַצען זיך אונטער'ן אויוען און עסען טעג, יידען מיט פּאַטשיילכענס איִן די הענט, אָדער מיני נבאים, מישטיינס־נעזאָנט, וואָס זאַמלען נדבות קלאָמפּערשט אַף עפּעס אַ מצוה־זאַך.

„באַהאַלטענע קבצנים, פון בעלי־הבתים, וואָס נעמען קצבה און נדבות שטילערהייט.

„האַלבע קבצנים. ווי אַ שטייִנער תלמוד־תורה־מלמדים איִן פּיל שטעדט, וואָס זענען האַלב מלמדים, האַלב בעטלער, און דעסגלייַכען אויך שמשים, דיינים, רבנים, איטליבער פון זייַ איז האַלב דאָס, וואָס ער איז, און האַלב דאָס, וואָס אַלע אַנדערע יידען מיט טאָרבעס זענען.

„יומטובדיגע קבצנים, אַזעלכע, וואָס קבצנען געוויינטליך פּורים, בשעת יידען בכלל מאַכען זיך האַרץ און לאָזען זיך פאַר גרויס חדוה גייען קומפּאַניעסווייַס איִן די הייַזער, אָדער אַמאָל אויך אונטער אַ יום־טוב, און הייסען הייסט ער קלאָמפּערשט, זייַ קבצנען פאַר אַנדערע, נעבעך.

„גמילות חסד קבצנים. אַזעלכע, וואָס נעמען זייער גאַנץ לעבען נדבות אונטער אייִן אויסרייד גמילות חסד קלאָמפּערשט, הייַנט, מאָרגען גיבען זייַ עס מיט אַ דאַנק צוריק אָפּ"...[1]

אַ שוידער נעמט־אַרום לייענדיג. די באַהאַלטענע אידייע פון ווערק הייבט זיך אָן אויפצווויקלען. אַבראַמאָוויטשעס alter ego האָט שוין אַריבערגעטרעטען די גרענעצען פון דער בעטלערוועלט איִן ענגען זין פון באַגריף, ער שטייגט פון שטיגעל אַף שטיגעל, אַלין העכער, אַלץ העכער אַפּ'ן יידישען סאָציאַלען לייטער, פאַרכאַפּט אפשר מער ווי די העלפט פון גאַנצען יידישען פאָלק. און נאָך איז קיין סוף נישט. ר' מענדעלי דערמאַנט זיך אַלץ פרישע און פרישע

1) ז. 78 —

כתובֿות, פֿאַרבײַיאָגענדיג זײַ פֿאַר אונזערע אויגען:

„אײַניקלעך, ירושלמים, ארץ-ישראל-ייִדען, נשי-פּים, שלאַפֿע, מערוי-דענדיגע מיט כּתבים פֿון דאָקטוירים, ענונות, אַלערלײַ מיני אַלמנות, מהבּרים, נײַמאָדישע מחבּרטעס מיט דעם נאָם חיבּורים, נישקשה, דער רוח האָט אונז, ר' אַלטער, אויך נישט געגוטען, מ' מעג גאַנץ שטאַרק רעכענען אויך מוכרי ספֿרים, און אַז ס'איז שוין יאָ אַזוי, רופֿט-זשע טאַקי אויף אויך אונזערע דרוקער און אַלע מיני רעדאַקטערס, זײַ מיט אַרע זײַערע אַרבעטער, זעצער, בּעלי-מגיה'עס, שרײַבער, קאָרעספּאָנדענטען — יעמוד עם כּל הקבצנים!"...[1])

ר' אַלטערן פֿאַרדריסט, וואָס ר' מענדעלי שטערט פֿיש-קען צו דערציילען זײַן אינטערעסאַנטישע מעשה:

— „אי, פֿע, ר' מענדעלי! — מאַכט אַלטער אויפֿגעבראַכט און הויבט זיך אָן צו קראַצען — נענוג, כ'לעבען, מיט אײַערע קבצנים. עס בײַסט מיר אַזש דאָס לײַב, ווי פֿלײַ וואָלטען מיך אָפּגעשיט. פֿון מײַנעטוועגען וואָלט איר עס געקענט מאַכען בקיצור: כּל ישראל — אײן קבצן"...[2])

בכּיון, אוים פֿײַנער עסטעטישער אויסרעכנונג, עס זאָל נישט אויסקומען אומיסטען, אונטערגעשטראָכען, — אָדער אפֿשר גאָר אינ-סטינקטיוו — לאָזט אַבּראַמאָוויטש ניט ר' מענדעלין, דעם פּקח, נאָר דוקא ר' אַלטערן, דעם תּם, אַזוי זיך, ווי בּדרך-אַגב, אַלס ניט-געמײַנטען וויץ, זאָגען דאָס וואָרט, דאָס שרעקליכע וואָרט, דאָס שרעקליכסטע וואָרט פֿון אַלע גרויסע ווערטער, וואָס אונזער געניאַלישער דענקער האָט געזאָגט אין זײַנע ווערק, אין באַגינען פֿון אונזער נײַ לעבען, — דאָס שרעקליכסטע וואָרט אין דער גאַנצער מאָדערנער ייִדישער לי-טעראַטור:

— „כּל ישראל — אײן קבצן!" —

אַ קאָמענטאַר צו דעם אַפֿאָריזם גיט אַבּראַמאָוויטש אַליין אין דעם בּריף, אין וועלכען ער „בּרענגט דעמדאָזיגען ספֿר בּמתּנה פֿונ'ם גאַנצען האַרצען" זײַן „טײַערען פֿרײַנט מנשה מרגלית". ער שרײַבט דאָרט: —

[1]) 79. —

[2]) 79 פּ. —

„יאָ, מיר ביידע האָבן אָנגעהויבן אונזער אַרבעט אין דער ליטעראַטור גלייך אין איין צייט, נאָר דאָס מזל אונזערס איז ניט גלייך. איר זענט דאָרט אַרויף אויוון, אין די הויכע פענצטער; איר האַנדעלט דאָרט מיט בריליאַנטן און דימאַנטן פון דער יידישער היסטאָריע; איר שטעלט אַרויס דאָס שענסטע צירונג פון אונזער פאָלק פאַרצייטענס, דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע אין זיין לעבן. איר האָט איבערגעהאַט עסקים, מיט הלל, ר' מאיר, רבי-עקיבא און מיט נאָך אַנדערע גרויסע לייט, מיוחסים פון הויכן סאָרט מענטשן. מיר אַקעגן איז באַשערט געווען זיך אַראָפּצולאָזן אַפ'ן נידעריגען טרעפּעל פון יידישן לעבן אונטען אין די קעלערס. מיין „יש-בכאן” איז: שמאַטעס און פוילע סחורה. איך האָב נאָר שטענדיג צוטאָן מיט אביונים, קבצנים, אומגליקליכע, נעבעך; אויך מיט מענטשעלעך דראַבעס, פאָקוסניקעס וכדומה אַזעלכע מיני נפשות, קלויניטשקע, נידעריגע פאַרשוינען. מיר חלומ'ט זיך נאָר בעטלערס. פאַר מיינע אויגן שוועבט תמיד אַ טאָרבע, — די אַלטע יידישע גרויסע טאָרבע הענגט מיר תמיד, ווי יענעם מרה-שחורה'ניק אַ לונג-און-לעבער אַף דער נאָז. ווהין איך זאָל מיך נישט קערען און ווענדען, זעי איך פאַר מיר אַ טאָרבע; וואָס איך זאָל נישט וועלען עפּיס דערציילן אָדער זאָגן, קומט מיר אַפיר די טאָרבע!...

„אוי, אַלץ די טאָרבע, די יידישע טאָרבע!”...[1])

„די אַלטע גרויסע יידישע טאָרבע” — דאָס איז אויך אַ סימבאָל. אַ טאָרבע דאָס גאַנצע יידישע לעבן: דאָס סאָציאַל-עקאָנאָמישע, דאָס געזעלשאַפטליך-קולטורעלישע...

די יידישע גאַס ווי זעיט-אויס! — :

„באַ אונז אין די יידישע שטעדט זענען דאָ הייזער, טאַקי האָס הייזער המסען, נידעריגע, אָהן הכמות, אָהן קונצען, מיט די טירען צו דער גאַס. איין קליין שטופּעלע די טיר, קומסט-דו גלייך אין שטוב אַריין. ברויכסט נישט מאַכען קיין גרויסע צערעמאָניעס, אָט איז דאָס גאַנצע בעל-הבתישקייט, אַלצדינג וואָס נייטיג איז צום עסען, צום שלאָפען. באַדאַרפסט אַביסעל וואַסער, האָסט דו עס, באַדאַרפסט די פּאָמעניצע, איז זי דאָ, וואָס די הענט און זאָג דיר אשר-יצר, וויפעל דיין הארץ גלוסט. אָט איז דער

1) 13 ז. —

בעל-הבית, די בעל-הבית'טע, דאָס הויזגעזינד, זאָגן: גאָט העלף! שטרעק אויס די האַנט, באַקוקסט דו דיר דיין נדבה, אַ קוש די מזוזה און גיי דיר געזונטערהייט ווייטער. — היינט איז טאַקי גאָר פון דרויסען גרינג צו דער־קענען אַ יידענס הויז. דאָס בערגעלע מיסט, דאָס רינשטאָקעל, די פענצטער, די ווענט, דער דאַך שרייען: דאָס איז אַ יידיש הויז. און דעם ריח אליין דערקענט איר, אַז דאָ זיצט אַ ייד"...[1]

די יידישע פרנסות!...— אָט אַ יריד:

„אַ יריד — אַ יריד, עס קאָכט. דער עולם איז גרויס, יידען סאַך געשעפטען, שטאַרק פאַרטראָגען, פשוט זיי לעבען...

„יידען ירידעווען, לויפען האַנדלען, שטייען נישט איין אַף איין אָרט... ס'איז אַ טאַראַראַם, אַ קאָכעניש. דאָרט, זעי איך, לויפט אַ יידעל, אַ צווייטער, אַ דריטער, אויך פאָרלעך, פאַרשוויצט שטאַרק, דאָס מיצעל אַפ'ן שפיץ קאָפ, דאָ אַ טאַפ, דאָרט אַ טאַפ, אַ מאַך אַהין, אַ סאַך אַהער, אַ דריי מיט'ן גראָבען פינגער און אַ קיי דאָס שפיצעל בערדעל, געפאַלען, אַ פנים, אַף אַ המצאה. עס לויפען גאָר אָהן אַ נשמה מעקלער, שדכנים טאַנדעטניקעס, מאַכליאַרקעס, קורלאַפניצעס, יידענעס מיט קוישען, יידען מיט טאָרבעס, מיט פינף פינגער, בעל-הבית'לעך מיט שטעקלעך, בעלי-בתים מיט בייכלעך, איטליכען פלאַמט דאָס פנים, נישטאָ קיין צייט, אַ רענדעל אַ מינוט... עס האָט אויסגעזעין, אָט לאַפען זיי דאָס גליק"[2].

אַזוי דערציילט ר' אַלטער און גיט-צו: „אַי-אַי, בין איך עס מקנא, ווי איטליכען גייט דאָס מזל!"[3]

מ' לעבט פון ווינט. אילוזיעס הייסען „געשעפט". מ'נאַרט זיך אַליין.

— „מילא בקיצור ווי די מעשה איז, דערווייל איז שאָפעל! — מאַכט אַלטער, ווי אַליין צו זיך, מיט אַ קרעכץ, באַטריבט, פאַראומערט און גרויסע טראָפען שווייס טרעטען אויס אַרויס אַפ'ן פנים. ער הייבט-אויף די אויגען, דערלאַנגט אַף מיר אַ בליק, עפעס מיט אַזאַ רירענדיגע קנייטשעלע, מיט אַזאַ רחמנותפנימעל, ווי אַ זייגענדיג קינד קוקט אַף דער מאַמע, בשעת עס לעכצט נאָך דער ברוסט. אַלטער, נעבעך האָט געמיינט פרנסה.

[1] ז' 132.— [2] ז' 28.—

[3] דערציילט ר' מענדעלי.—

עס האָט אים געצווּנגען צו מאַכען מיט מיר עפּעס אַנע שעפּטער"...[1]

**און אָט מאַכען ר' אַלטער מיט ר' מענדעלין „געשעפּט"**

—„איך נעם אַפיר מיין פּעקעל בחורה, אַלטער זיין פּעקעל, — דער־צייִלט ר' מענדעלי, — און נעמען זיך קנעלען, געשמאַק צום עסק. מיר כטעבעווען, בייטען... תחינות אַף בבא־מעשיות, מענה־לשונס אַף טויזענד־און־איין נאַכט, שיר־המעלותן אַף קמיעלעך... אַ מאה זשיטאָמירער סליחות אַף בערישעדער טלית־קטנס, ווילנער קינות אַף שופרות, חנוכהלעמפּלעך אַף וואָרפציינדלעך, שבתדיגע מעשענע לייכטער אַף הבדלות און קינדערשע בלוטשקענע יאַרמולקעלעך"...[2]

**די „אַרבעט" פאַרנעמט אַ שפּאָר ביסעל צייט, און —**

„ביידע צדדים האָבען דערווייל פון'ם גאַנצען משא־ומתן קיין גראָשען אין די אויגען נישט געזעהען און געבליבען שטאַרק צופרידען, גלאַט פון'ם האַנדעל אַליין. מ'האָט דאָך געטאָן, געהאַנדעלט, געמאַכט געשעפטען, נישט געזעסען ליידיג.

„אַלטערס מרה־שחורה איז ווי אַ רויך פאַרשוואונדען געוואָרען, ס'איז אים געווען צו דערקענען אין דעם פּנים, אַז דער יאַרמעליניצער יריד מיט זיין פינצטער מזל איז אים פון'ם זינען אַרויסגעגאַנגען. ער רעכענט עפּעס שטיי־לערהייט פאַר זיך אַף די פינגער, האַלטענדיג דעם לינקען אויער אָנגעבויי־גען, גלייך ווי אין קאָפּ חשבונט אַ בוכהאַלטער, צו וועלכען ער האָרכט זיך נוט צו, און, אַ פּנים, דער חשבון ווייזט אויף אַ פאַרדינסטעל, אם־ירצה־השם, ווייל דאָס מויל שפּאַלט זיך אים אין דער גאַנצער ברייט און פון צווישען זיינע געדיכטע וואָנצעס בליצט־אַרויס אַ זיס שמייכעלע".[3]

**דער פּועל־יוצא: דער הונגער הערשט ברייט און מעכטיג אין דער יידישער גאַס.**

„אַ ייד אַבי ער האָט איין מאָל געגעבען אַ בראָך די מיאוסע תאוה פון עסען, מאַכט אים שוין די אכילה אַזוי נישט אויס, און קען דאָס גאַנצע לעבען זיינס אָפּקומען כמעט מיט נאָרנישט. אי הייַנט נאָך, און אונזערע

[1] ז' 41.—

[2] ס. 42.—

[3] 43.—

ציַיטען, געפֿינען זיך זייער פֿיל ייִדען, בײַ וועלכע ס'איז דאָ נאָר אַ סימן פֿון מאָגענס, טאַקי עטוואָס, ווי אַ כזית. און ס'איז דאָ אַ גרויסע האָפֿנונג, אַז מיט דער ציַיט — די טאַקסע, בעלי־טובֿות און דעסגלײַכען לאָזען נאָר נישט פֿאַרשטערט ווערען — ווע'ען זיי פֿונ'ם עסען אָ'ך מער מער זיך אָפּגעוויינען, ביז עס וועט קומען דערצו, אַז בײַ ייִדען אין די שפּעטערדיגע דורות וועט, חוץ מערידען, אַפֿילו אויך קיין סימן פֿון קיין מאָגען ניט זײַן, ייִדען וועלען דענסטמאָל אין דער וועלט זייער אַ שיין פּנים האָבען"...1) —

אַדעס. קלוימערשט שוין אַ נײַ לעבען, אַ פֿרײַ לעבען, און אויך דאָרט

„אָרימעלײַט... וויפֿעל דאָס האַרץ גלוסט, גאַנצע מחנות פֿון אַלערלײַ סאָרטען: אָרימעלײַט מיט טאָרבעס, אָרימעלײַט אָהן טאָרבעס, אַזעלכע, וואָס ערגיץ נישטאָ נאָר אין אַדעס. ירושלמי'ס, פֿרײַנקען, טערקישע און פּערסי־שע ייִדען, וואָס פּלאַפּלען לשון־קודש; אַלטע ייִדען, קבצנים מיט ווײַבער, אויך אָהן ווײַבער, וואָס פֿאָרען אַף דער עלטער שטאַרבען אין ארץ־ישראל און עסען דערווײַל דאָרט קעסט, קינדלען, לעבען אַף דער וועלטס רעכענונג; עגונות, ייִדענעס מיט ספּאַזמעס, ייִדען געבראָכענע מיט מיחוש'ן, וואָס קומען זיך היילען אין דעם ליִמאַן. מקבלים אַלט־פֿענערישע, וואָס רײַבען זיך אַרום פּראָסטע ייִדען אין די בתי־מדרשים, און מקבלים פֿון הײַנטיגער וועלט מיט געגאָלטע בערד, וואָס רײַבען זיך אַרום די בראָדער פֿראַנצויזען אין די קאָפֿיינעס און טראַקטירען. אביונים אָפּגעפּײַנטע, אויס־געפּוצטע ווי די נגידים, אַזעלכע, וואָס האָבען טאַקי לחלוטין גאָר נישט, און אַזעלכע, וואָס האָבען, דאַכט זיך, הײַזער און דאָך גרויסע דלפֿנים, מיאוסע קבצנים"...2)

אַ נײַ לעבען, אַ נײַע ליטעראַטור, און ווי זעען־אויס אירע פֿאַרשטייער? די המצאה מיט'ן אַדעסער מחבר, „געקליידט דײַטש", וועלכען פּישקע האַלט פֿאַר אַ בעטלער, ווי ער אַליין איז, און וועל־כער פֿון זײַן זײַט האַלט פּישקען פֿאַר אַ מחבר, ווי ער גופֿא, איז אַנ'אויסגעצייכענטער, אַ געניאַלישער, ווי גאָל ביטערער, עכט סוויפֿטי־שער אײַנפֿאַל, מיט סוויפֿטישער בײַסיקייט אויפֿגעשריבען...

.. אָט דער מאָמענט, די פֿאַראַלגעמיינערונג פֿון עטנאָגראַפֿישען אין סאָציאַלישען ביז נאַציאָנאַלישען, הייבט־אויף „פּישקע דעם

1) 23. —

2) 136. —

קרומען״ אַף אַ געוואַלטיגע קינסטלערישע הייך. דאָס איז אַ פּאָעמע אין דעם זין, אין וועלכען גאָגאָל האָט זיינע „טויטע נפשות״ אַזוי אָנגערופען, באַגעגענענדיג דערנאָך די אָנערקענונג פון דער רוסי־שער קריטיק. אַ געזאַנג וועגען דעם אָרימקייט, וועגען די פעלערען און אומגליקען פון אייגענעם היים געליבטען פאָלק,— אַ געזאַנג, דורכ־געדרונגען מיט מעכטיגע געפילען פון אַ ריזיגען גייסט[1] — — —

מיט קאַלטער פּאַראַכטונג, דאַכט זיך, שרייבט אַבראַ־מאָוויטש וועגען דער כאַליאַסטרע, מיט וועלכער דער אומ־גליקליכער פישקע שלאָנדערט זיך אַרום, וועגען דעם „רויטען ממזר״, וועגען „אַלטיטשקען״ און זייער פיינער חברותא.

צוויי פראַכטיגע זשאַנרבילדלעך פון זייער לעבען ניט ער אונז, —בילדלעך, וואָס בעטען זיך אַף דאָס לייווענט:

„... איין בהדעל ליגט אָנגעבויגען צו דער ערד, אַרום אים אַ גאַנץ פעקיל: מאַנזבילען, ווייבער, יונג און אַלט, קינד און קייט, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע. דער האַקט, יענער קלאַפּט, איינער גיט עצות, דער אַנדערער פלוכט, זידעלט. ווייבער קוויטשען, אין קינדער שרייען, פּישטשען. ס׳איז אַ געשעלטעריי, אַ געבייזעריי, אַ פּאַטשעריי, אַ כאָרכלעריי מיט אַ געוויין און אַ געלעכטער אינאיינעם. צווישען דעם רעש הערען זיך קולות: שולדיג איז דאָס נייע פערדעל, פאַרברענט זאָל עס ווערען! אַזאַ פליאַגע, דעם גאַנצען וועג האָט עס געצויגען אַלץ אין דער זייט, אַף־צו־להכעיס אַלץ אין דער זייט... עפּעס אַ פאַרשלעפּטע קרענק, פגרן זאָל עס! פּייוושקעס כשרע מציאה, אַ כאָליערע אַף אים! — פּיסקאַטשעס, שטינקפּעסלעך, קוליעס שטרוי, אָהן הענט, אָהן אויגען, נאַרנישט, נור פרעסען, דריבלען! זיי׳ט זיך איינער, אַ רויטער יונגאַטש מיט ברייטע פלייצעס און חיות דערביי איטליבע אַ קולאַק״.[2]

[1] דאָס קאַפּיטעל איז אָנגעשריבען געוואָרען 1913, ווערט געדרוקט צום ערשטען מאָל.—

[2] „פישקע דער קרומער״ (אַדעס 1888) 67.—

„... ווײַבער און מיידלעך פֿון דער שענער כּאַליאַסטרע האָבן זיך געפּאָרעט לעבן דעם פֿײַער, צוגעשטעלט טעפּלעך, געשאַרט, גערוקט, גע-באַקט קאַרטאָפֿליעס. אַ טייל בחורים שטייען-צו און שפּילן זיך מיט זיי אונטער, דערלאַנגענדיג אַ זעץ, אַ קניפּ און זאָגענדיג דערביי גלײַכווערטלעך. די ווײַבער זענען קלאָמפּערשט בייז, גרייט אויסצורײַסן די אויגן, זידלען, שעלטען און קײַכען טאַקי באַלד פּאַר געלעכטער, לאָזן זיך כאַפּן ווי אַ הון פֿונ'ם האָן, ווען ער וואַרפֿט אַף איר אַן'אייגעל מיט אַראָפּגעלאָזענע, צושפּרייטע פֿליגעל, און איז מקבל באהבה דעם פּיק, וועלכן ער טוט איר אין קעפּעל. ווידער אַ טייל זענען צוזייט, צושפּרייט אין וואַלד. איינער ליגט מיט דעם רוקן אַרויף און כראָפּעט, דער אַנדערער לאַטעט עפּעס אַ קאַפּטען, יענער קראַצט זיך, טאַפּט זיך און זוכט עפּעס מיט אַ שטאַרק ערנסט פּנים. נאָך עטליכע שלאָגען זיך, פּרוּוען, ווער ווע‌מען וועט בײַקומען. עס קאָכט זיך, עס רעשט זיך, חברה לעבט!" [1]) —

אָבער ווי פֿרעמד איז דער מחבר צו דערדאָזיגער וועלט! ער שטייט פֿונדערווײַטענס. מישט זיך נישט אַ'ים מיט די פּערסאָנאַזשען. מיאוסט זיך מיט דעם אַרט לעבן. אים עקעלט.

...די בעטלערבאַנדע איז נור איינס פֿון די נידריגסטע שטאַפּלען. מיר האָבן געזען דעם שרעקליכן לייטער, וואָס ר' מענדעלי שטעלט אויף. [2]) מיר האָבן געהערט דאָס שוידערליכע וואָרט, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, ווי מ'רופֿט עס, „מיט אַ קאַלטער לעבער": —„כּל ישראל—איין קבצן!"

ס'איז אַ אויסדרוק פֿון אומגעהײַערן פּאַרדראָס, וואָס פֿאַרבלענט און ריכט דעם אַפּעקט, שטאָט קיינען די סבות,—קיינעם קרבן. אַ גאַנץ פֿאָלק—איין גרויסער בעטלער. דאָס ברענט און בראָט. דאָס רעגט-אויף ביז משוגעת.—אַבראַמאָוויטש אַליין איז אין די יונגע יאָרן אויסגעשטאַנען קאַלטס און וואַרעמס, אָבער דאָס האָט אים נישט איבערגעבעטן מיט דער נויט. ער איז איר געווען אַ דם-שונא, — ווו נויט—קען נישט זיין קיין נאָרמאַליש מענטשליך לעבן, קיין גייס-טיג לעבן, קיין קולטורעלישע שאַפֿונג ; נור שמוץ, טויטע וועגעטאַציע, אָפּקומעניש.

---

[1]) דאַרטען 148.—

איבען 117 [illegible] —

מיט פֿיינער איראָניע, וואָס אַף שריט און טריט גייט זי איבער אין מעכע־סאַרקאַזם, אין אומדערבאַרעמדיגען שפּאָט, אין פֿאַרניכטענדיג אָפּלאַכען און אויסלאַכען, איז דורכגעדרונגען, ווי מיר האָבען שוין געזען, דאָס גאַנצע בוך.

אָבער צו טיף איז דער אינטעלעקט פֿון אונזער גרויסען קינסטלער, ער זאָל בלייבען שטיין בײַ אַזאַ באַציאונג. פֿאַראַכטונג איז נישט דאָס לעצטע וואָרט זיינס בנוגע צום יידישען לעבען און צום יידישען פֿאָלק. דורך די רייכע נאַמע שטימונגען און געפֿילען, וואָס וויקען אַדורך דאָס מערקווירדיגע ווערק, באַלעבענדיג איטליכס בלעטעל אין אם, איטליכס פֿעדעמעל אין דעם מייסטערהאַפֿטיגען געוועב, ציט זיך אין דער טיף, דאָ און דאָרט אַרויסרייסענדיג זיך אַף די אויבערפֿלעך, אַ הייסער, מיט בלוט פֿאַרפֿאַרבטער שטראָם: דאָס איז די שמערצליכע ליבע אויס מיטגעפֿיל און צער, דער גרויסער ווײ, די שווערע יסורים פֿון דערוואַכטען און אינערליך באַליידיגטען נאַציאָנאַלישען באַוווסטזיין.

אַפֿילו די מיאוסע בעטלערבאַנדע ריירט אַבראַמאָוויטשס האַרץ. אַפֿילו אַף דאָסדאָזיגע נעזעלשאַפֿטליכע פּסולת האָט ער רחמנות. און ס'איז נישט יענץ ווייך ווייבליך רחמנות, וואָס דערנידעריגט; ס'איז דאָס רחמנות פֿון טיפֿען איינזעעניש, פֿון רייפֿען פֿאַרשטענדעניש.—זייער הינטיש לעבען! זייער נאַכטלעגער! [1] נישט

1) פֿישקע דערציילט: „ווען אונזער באַלאַגאַלע איז אָנגעקומען אַהין אין הקדש, איז ער געווען אָנגעזעצט געניג מיט אורחים... די ערד, די בענק און דער אויווען זיינען באַנאַכט באַלאָגערט געווען מיט מענטשען. מ'האָט זיך געשטופּט, געקוועטשט, געקריגט און געשאָלטען פֿאַר אַ שטיקעל אָרט. קאָניצע און פֿיעשע האָבען שטאַרק געאַרבעט, איינער דעם אַנדערען אַרויסגעוויזען שטאַרקע שנאה און די גבורה זייערע מיט די הענט. אין דער גרויסער מהומה, נישט־דאָ־געדאַכט, האָט געקרעכצט און אַ ווינקעלע אַ קראַנקער אַלטער ייד, מעלכען מ'האָט געכטען אַף קוראַציע אַהער געבראַכט, און אַ פּיצעל קינד, וועלכען מ'האָט אין דעם שטופּעניש צוגעקלעמט אַ פּיסעל, האָט געקוויטשעט, געמאַכט לעבער אין קאָפּ שרייענדיג.

„ערשט שפּעטער, אַז די בייזע מהומה האָט זיך איבערגענומען, האָב איך מיר אָפּגעזוכט ערגיץ אַ ווינקעל און זיך געלייגט ווי ס'איז אויסצורוען אַביסעל.

אומזיכט לייגט ער זיי אריין אין מויל אריין דעם גיפטיגען חזוק איבער די נגידים [1]. גענוג איבערצולייגען די באשרייבונג פון הקדש [2], און וועלכען מ'ברענגט ארימע חולאים אף „קוראציע” אימשטיינסגעזאגט, צו באגרייפען, וויפיעל ביטערער אמת עס שטעקט אין אזעלכע רעפיניציעס, ווי „פיאווקע, ציושטאפטע קישקע, פארשטאפטער קאפ און פארשטאקט הערצעלע” וכו' [3]. אבראמאוויטש דער פאלקסמענטש, דער דעמאקראט; אבראמאוויטש, דער מחבר פון דער „טאקסע”; אבראמאוויטש, דער פראטעסטירער קיינען סאציאלישע אומגערעכטיקייט, לייגט עס אריין דער באנדע אין מויל אריין די הארבע שאלה, וואס איז אף די ליפען פון מיליאנען: „פארוואס קומט עס, די נגידים זאלען זיך זיצען, ווי די פריצים, רויג, און אנדערע זאלען אף זיי הארעווען? זייער גוטס איז דען נישט יענעמס מי, יענעמס כראצע, יענעמס שוויס?” [3])—וועր עס פארשטייט יענעמס שטעלונג אין אירע צבות, דעם קען שוין נישט פרעמד זיין א גרעסערע אדער קלענערע מאס מיטגעפיל, וואס איז איינע פון די פורמען פון מענטשעגליבע.

ווענען אבראמאוויטשעס באציונג צו פישקען און צו ביילען איז שוין געווען די רייד אין ערשטען קאפיטעל פון דעם עטיוד. אפילו מיט'ן מגושמדיגען ר' אלטער באגייט זיך אונזער קינסטלער מיט רחמנות און געוויסער סימפאטיע. צי טרעט דאס נישט בולט ארויס אין דער סצענע, וועלכע איז ציטירט אויבען אף ז' 121 פ. ?—„אלטער האט באלד טאקי אפרעג געטון [4]): וואס געפינט זיך בא מעלתו היינט עפעס אין ביידעל? עס האט אזוי פיל געהייסען, ווי: מאמע טיטע!”... [5] וויפיעל צערטליכקייט טריפט סוף־כל־סוף פון דער פארגלייכונג!—

נור קוים האב איך מיך געלייגט, זענען מיך באפאלען גאנצע חילות פרייסען, זונגען, פליי וו די בערען און האבען מיך געוואלט לעבעדיגערהייט אויפעסען...”—(ז' 100).—

1) זע אויבען ז' 115.—

2) זע אויבען ז' 86.—

3) זע אויבען ז' 115.—

4) ר' מענדעלין.—

5) „פישקע”... 42.—

אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט אַנ׳אָפּען אויג פאַר דעם אָביעקטיוון פאָן. די „קליאַטשע” זיינע דער גלענצענדיגסטער באַווייז. ער האָט קלאָר געזעען, אַז די אויסטערלישע יידישע פּאָליטיש-רעכטליכע לאַגע, אַז די פּאַראַכטליכע באַציִונג פון דער אויסענוועלט צום יידישען פאָלק איז אין דער לעצטער ליניע, די גרונטסבה פון יידישען עקאָנאָמישען דלות און דאַדורך אויך פון דער גייסטיגער, קולטורעלישער און געזעלשאַפטליכער פאַרוואָרלאָזטקייט אין דער יידישער גאַס.—און די דאָזיגע איבערצייגונג אַבראַמאָוויטשס האָט זיך געפונען דעם אויסדרוק אויך אין דעם „ספר הקבצנים”, און אין די שטעלען, ווו דאָס געשעעט, רייסט זיך דורך דער מיט גיפט פון חוזק און פאַראַכטונג דורכגעזאַפּטער שוואַרצער שלייער. אין וועלכען דאָס ווערק איז איינגעהילט, און פאַר׳ן לעזער בלאַנקט-אויף אַנ׳אויסבליק אין אַ ווייטערע פּערספּעקטיווע, וואָס פאַראייִדעלט דאָס בוך, פאַר-שטאַרקענדיג דעם גלאַנץ פון גאונישקייט אַף אים.

אַף דעם אָרט מוז אויסגעשריבען ווערען די פאָלגענדיגע סצענע:

„...ווי באַלד נור דער וועג איז געוואָרען פריי, זענען די גראָבע באָמולעס זיך געפּאָרען זייער וועגס, אויסדרייענדיג די פּאַרצעס צו אונז, אַלץ געלאַכט, געשפּעט, וואָס מיר גייען אָנגעטון ווי גלחים לדבדיל לעבין די פערד אין וועג, און דינען דעם בורא מיט ז׳ער בייטש אין דער האַנט... אַ טייל האָבען, טייטענדיג אַף אונז מיט אַנ׳עק פאָלע, ווי אַ „חזיר-אויערעל”, געשריען: זשיד באַלאַסיי!—אַלטערען האָט עס נישט אַזוי געאַרט. אויך מיר לייט! מאַכט ער מיט אַ קנייטשעל, פּאַר וועמען, מיטטיינסנעזאָגט, ס׳האָט זיך דאָ צו שעמען!... מיך אָבער האָט דאָס שפּעטען זייערס יאָ געאַרט. געוואַלט, רבונו-של-עולם, פאַרוואָס? פאַר-וואָס? פאַרוואָס?...” 1)

ס׳איז אַנ׳אויסגעשריי פון פאַרפלייצענדיגען נאַציאָנאַלישען וויי-דער עפּיקער, דער אויסערליך, דאַכט זיך, איינגאַנצען פון ליידענשאַפ-טען אויסגעטוענער, רוּיגער, פלייסיגער באַזבאַכטער און שילדערער האָט זיך פאַרגעסען, אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ לירישען אינטערמעצאָ, —און — — באַלד טאַקי צוריק זיך פאַרכאַפּט: גייט-איבער צום

1) ז׳ 19 ב.—

שטיקעל תחינות=פאראדיע,—ווי אפצווענדען די אויפמערקזאמקייט פון לעזער אין אנ׳אנדער ריכטונג, פארטרייבען דעם אינצידענט, וואס קען עמיצען אויסזען סענטימענטאליש, אויפלייזען די איינענע פארשעכט-קייט פאר דעם הייסען און אביסעל אומגעריכטען געפילאויסבראך אין א פיינער הלצה. דאס הייסט אויך: „זיך מאכען הארין”. א געלעכטער דורך טרערען.

עס קען דא נישט דורכגעלאזען ווערען אויך דער צווייטער איבערגעוויינטליך-קינסטלערישער עפיזאד: ר׳ מענדעלי נאך דעם, ווי דער סטאנזווזי האט אים אפגעשערט די פאה.

—איך באוואש מיך מיט טרערען, קוקענדיג אף דער ערד מיין פאה, מיין גרוי-אלטע פאה, וואס האט געוואקסען מיט מיר פון קינדוויים-אויף ביז אין מיינע אלטע יארען; וואס האט איבעגעהאט מיט מיר פרייד און לייד נענוג אין מיין לעבען. די מאמע האט אין דער יוגענד גענלעט, נעצוואגען, נאר נישט געקענט זאט אנקוקען זיך אף די שווארצע, שיינע גרייזעלעך אירע. זי איז געווען א צירונג מיין פנים און מיינע גוטע טעג, ווען איך בין געווען פריש און שטארק, זי איז פרי פאר דער צייט גרוי געווארען פאר צרות נעבעך, און איר גרויקייט האט מיר חלילה נישט געמאכט קיין בושה. ביידע האבען מיר זיך פרי נעעלטערט פאר פורענויות, נויט, עלענט, גריזאטע, אומזיסטע פיינטשאפט און רדיפות אין דער וועלט. ווער[ע]מען חלילה האט זי נעשאט? וועמען חלילה האבען מיינע גרויע האר עפעס שלעכטס געטון? — עס וויינט אין מיר דאס הארץ, שרייט געוואלט שטיל, נישט ארויסצוברענגען אף די ליפען קיין ווארט. איך קוק שווייגענדיג ווי א שעפעלע באם באשוי-רען עס, און פון די אויגען קאפ, קאפ, טרערען ווי באב”... [1] —

דאס מערקווירדיגע געדיכט אין פראזע, ארייגעלייגט אין מויל פון אבראמאוויטשס צווייטען „איך”, מאכט א אומגעהייער שטארקען איינדרוק, רירט טיף. ס׳איז א צאפעלדיג שטיק פאעזיע, פון וועלכען ס׳וואלט געקענט אויסוואקסען א גאנצער סאציאל-פאליטישער טראקטאט: וועגען רעכט פון א פאלק אף עטנאגראפישע אייגענארט, אף אייגענע מנהגים און ברויכען, קליידונג און קולט,—וואס שטערען קיינעם נישט און דארפען נישט זיין קיין אורזאך צו באליידיגונג, באוועלונג און רדיפות, נור פארדינען טאלערירט און געאכט צו ווערען, מחמת זיי

1) ז׳ 50 פ.—

זענען צוזױפֿגעוואַקסען מיט דער נשמה פֿון דער עמנישער גרופּע, און װען מ'ריִרט זײ אָן, טריִפֿט בלוט... —

װי שטאַרק כאַראַקטעריסטיש איז עס פֿאַר אַבראַמאָװיטשען, װאָס ער צװינגט ר' מענדעלין נאָכאַמאָל אומצוקערען זיך צו דער אָפּגעשױרענער פּאה. טיף־טיף האָבען דעם מחבר פֿון דער „קליאַטשע" גענאָגט דאָס ייִדישע אָפּקומעניש, די גזרות, רדיפֿות, דאָס טרעטען מיט די פֿיס די ייִדישע נשמה, דאָס באַשפּײַען די הײליגסטע ייִדישע געפֿילען. —

...ר מענדעלי קען נישט שלאָפֿען איבער די װאַנצען. מיד מלחמה צו האַלטען מיט די באַזױנער פֿון היה טרײַנעס צוריבענע קישענס, פֿאַרלאָזט ער זײַן געלעגער, שפּרינגט־אַראָפּ צום פֿענצטער, צו עטעמען אַביסעל פֿרײַ און טוט אַ קוק אינדרױסען, אַף גאָטס װעלט:

„... אַפּ'ן בלויען הימעל שטיל רויג גײט די גילדענע לבנה, איר שײַנענדיג פּנים איז זײער ערענסט, עפּעס שטאַרק פֿאַרטראַכט. שאַ, אַרום און אַרום!... איר פֿאַרטראַכטקײט װאַרפֿט אַף מיר אָן אַ זיסע מרה־שחורה, זי רעט עפּעס צו מײַן האַרץ, די נשמה מײַנע נעמט זי מיר אַרױס מיט איר איטליכען בליק, זי רופֿט אין מיר אַרױס אַ ים געפֿילען, און עס טראַכט זיך, טראַכט זיך עפּעס גאָר פֿון זיך אַלײן. עס טראַכט זיך פֿון דעם ביטערען לעבען פֿול קרענקונג, אַלערלײ לײדען מיט באַלײדיגונג; פֿיל פּלאָגען, אָנשיקעניִשען, אַלטע אויך נײַע, און צופּיִעסטע מיך פֿאַר איר װי אַ שלאָף קינד נעבעך פֿאַר דער מוטער. אוי, מאַמע, עס טוט װײ!... אוי, װערט מען עס פֿאַרשװאַרצט, קומט מען עס אָפּ!... קאַרג קאָפּ־דרײעניש, בױבױיטיג, איז מען נאָך גרוים אין די אויגען; קאַרג אײגענע מכּות און װוּנדען, האָט מען נאָך אויסצוזיטשען געבראָטענע לײד; קוים קוים װאָס מ'זיפֿעט, פֿאַרגינט מען נאָך נישט דאָס שטיקעל געפּלאָגטע לעבען. אוי מאַמע, עס שמאַרצט, אוי, עס טוט װײ!... די לבנה קוקט אַף מיר מיט איר ליכטיגער צורה, אַלײן ערענסט, פֿאַרטראַכט און, דאַכט זיך, זי נעמט מיך אײַן: שאַ, בידנע קינד, שאַ! װאָס זאָל מען טון?..... דאָס האַרץ װײנט אין מיר נאָך מער. הײסע טרערען טרעטען מיר אַרױס אין די אויגען, איך שפּאַר אָן דעם קאָפּ אַף מײַן אָרעם, די זײַט מיט דער אָפּגעשױרענער פּאה דער לבנה אַקעגען: נאַ, זאָל זי זען, זאָל זי באַטיט זען!... עפּעס עפֿענט זיך אין מיר אַ קװאַל פֿון געפֿילען, צופּען מיך באַם האַרצען, פֿאַרפֿלײצען מיר די געדאַנקען. די אויגען, אָנגעקװאָלענע װי די באַנקעס, קוקען אין דער

וועלט אַריַין מיט אַ רירענדיג געבעט: נעוואַלט, העלפֿט, האָט רחמנות! עס טוט וויי, וויי, חיי... אַזוי כאַפּט זיך אויף פֿונ׳ם שלאָף באַנאַכט אַ קראַנק קינד, נעבעך, יאָמערט פֿונ׳ם האַרצען פֿאַר זיך אַליין, קיקט מיט די אויגעלעך, בעטענדיג רחמים. — נישטאָ קיינער! קיינער הערט נישט! אַלע שלאָפֿען, 1) שאַ!... אַ הינטעל נור שטייט אַף דער נאַס וואַך, דער ווידעל צווישען די פֿיס, דער קאָפּ פֿאַרריסען הויך און בילט מיט אַ קאַלטער לעבער אַקיינגען דער לבנה, זי נייט איר וועג רוהיג, פֿאַרטראַכט, פֿון אַ הונטס בילען זיך גאָר נישט צו מאַכען"... 2)

דאָס בלעטעל ליריק פֿאַרלאַנגט נישט קיין פּירושים.

פֿול מיט באַטייטונג איז דער ווייכער, זיסער, ליכטיגער פֿינאַל פֿון דער קלאַסישער סצענע:

„אַפֿ׳ן האַרצען ווערט מיר גרינגער. עפּעס וואַרעמט מיך אינעווייניג. אַ נעפּיל פֿון האָפֿנונג און טרייסט אָהן ווערטער; אַזאַ געפֿיל, וואָס אַ ייד פֿילט, אַז ער וויינט זיך אויס פֿאַר גאָט אַף זיינע צרות; אַזאַ געפֿיל, וואָס מאַכט דעם מענטשען וויך ווי אַ טייג, גוט אָהן אַ ברעג, גרייט אויטליבען אוועקצוגעבען די נשמה, אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט און זי אַ קוש צו טאָן פֿאַר גרויס ליבשאַפֿט".

עכט-יידישער בטחון. עכט-יידישער גלויבען אין אַ בעסערען מאָרגען. עכט-יידישער אָפּטימיזם. עכט-יידישער אידעאַליזם.

אַבראַמאָוויטש איז בטבע אַנ׳אָפּטימיסט, — דאָס דאַרף מען זיך קלאָר מאַכען. אין דעם פּרט איז „דער זיידע" אַ פּאָלשטענדיגער נעגענזאַץ צו זיין „איינִיקעל" — שלום-עליכם. — אַבראַמאָוויטש האָט אַ זין פֿאַר דעם שיינעם אין לעבען, פֿאַר די פֿריידען פֿון לעבען. זיין גאַנצער כעס, זיין גאַנצע איראָניע, זיין סאַרקאַזם און אָפּשפּעטען, זיין עגמת-נפֿש און צער נעמען זיך אין אַ גרויסער מאָס טאַקי דערפֿין, וואָס אים פֿאַרדריסט, אים טוט וויי, פֿאַרוואָס איז דאָס יידישע לעבען אַזוי אָרעם, אַזוי שמוציג, אַזוי טרויריג. די וועלט איז דאָך אַזוי פּרעכטיג און רייך, — פֿאַרוואָס מאַכען די מענטשען זי קאַליע! — טרעפֿט ער אָן אַף דער וואַנדערינג פֿון זיין אָדלערישען בליק אַ ליב-

1) שפּאַצירט אין אָריגינאַל. —

2) ד' ה 63. —

טיג פּינטעל, קען ער זיך שוין נישט אָפּרײַסען דערפון, שפּילט זיך דערמיט, ווי אַ קינד מיט דער מאַמעס מתּנה, שפּיגעלט זיך אין דעם, קוויקט זיך, שעפּט נחת. [1]

אָט בליצט־אויף אַ ווייך מענטשליך געפיל אין שמש, ווען פּישקע שטופּט אים אין דער האַנט אַ זעקסער פאַר אַ פּלעט: „העַר נאָר דו״,—רופט זיך אָן דער שמש, אַליין מסתּמא אַ קבצן אין צען פּאָלעס, וואָס לעבט אפשר פון אַזעלכע „מתּנת־יד׳ען״: „דיין געלט באַדאַרף איך נישט״... [2] ער האָט נאָך איין פּלעט, זאָל אים נע־מען איינער פון זיי ביידע: דער קרומער אָדער די האָרבאַטע. נישט ער און נישט זי ווילען נעמען, איינער טרעט אָפּ דעם אַנדערען. „דעם שמש האָט די זאַך עפּעס הנאה געטון; ער האָט געגלעט דאָס בערדעל און געקוקט אַף זיי גאָר פריינטליך״. [2] און אַבראַמאָ־וויטש איז, קענטיק, צופרידען, אי פון דער צערטליכער סצענע צווישען די צוויי פאַרליבטע קאַליקעס, אי דערפון, וואָס דער בית־המדרש־שמש, אַ ייד מיט אַ באָרד, אַ שטיקעל בלי־קודש, איז אויך גערירט...

מיט וואָסער נישטבאַהאַלטענער, כמעט סענטימענטאַלישער סימ־פּאַטיע שילדערט אַבראַמאָוויטש די צוויי בעלי־הבתּים, וואָס, ווען דער שמש ווענט זיך צו זיי: „איך האָב כלעבען שוין קיין האַרץ נישט געהאַט צו שיקען אייך היינט פּלעטען. איך לאָז אייך נישט אויס כמעט אַלע וואָך. נור אויב אייער גוטער ווילען איז, נעמט אָט דידאָזיגע אָרמעלייט״ [3], — רופען זיי זיך ביידע אָן אין איין קול: „אָד! וועלכער ייד זאָגט זיך עס אָפּ פון אַן׳אורח אַף שבת? איין טאָג אין דער וואָך איז דאָ, וואָס אַ ייד קען כאָטש אַ ביסעל עטמען, פאַר־וואָס זאָל ער אין דעם הייליגען טאָג אויך נישט מחיה זיין נויטבאַ־דערפטיגע נעבעך און טיילען זיך דערמיט, וואָס גאָט האָט געגעבען? מיר בעטען אייך, שמש, אַלע וואָך, אַלע וואָך טאַקי זאָלט איר אין אונז נישט פאַרגעסען״. [4] — און וויטער נייט איינע פון די מענדע־

1) זע אויבען ז״ז 60—63 (אַבראַמאָוויטשעס באַציונג צו פּישקעס ליבע).—

2) ז׳ 107.—

3) פּישקען און די האָרבאַטע.—

4) ז׳ 108.—

…לישע אידיליעס:

„די בײַדע בעלי-הבתים [1] זענען געגאַנגען פּאָרויס, אַרום די קינ-דערלעך — יונגעלעך, בחורים, אויסגעצוואָגענע און אָנגעטון שבתדיג. אַלע האָבען געשײַנט און געשמייסט צווישען זיך פריילעך. מ'האָט געזען באַשײַנ-פערלעך, אַז אין זײַ איז דאָ די נשמה-יתרה, דעם ייִדענס צווייטע שבתדיגע נשמה...

„גוט-שבת! — האָט מײַן בעל-הבית, אַרײַנקומענדיג אין שטוב, געזאָגט פרייליך דעם ווײַב, וואָס איז געזעסען אויף אַ בענקעל רײַן, קלאָר אָנגעטון און געלויכטען ווי אַ פּרינצעסין. אַפּ'ן שויס בײַ איר האָט זיך געשפּילט אַ קליין קינד נאָר אַ ליאַלקע און בײַ די זײַטען האָבען געשפּרונגען צוויי שיינע אויסגעפּוצטע מיידעלעך. — „גאָט האָט מיר באַשערט אַנ'אורח אויף שבת. זיסט, מײַן ווײַב, וואָרסטו דאָך מיך אין שטוב נישט אַרײַנגעלאָזט", לאָזט ער אויס מיט אַ שמייכעלע און נעכט זיך זאָגען הויך אויף אַ קול „שלום-עליכם!" נייענדיג איבער דער שטוב אַהין און אַהער. בײַ „א ש ת ח י ל" האָט ער זיך געשטעלט, זינגענדיג מיט אַ ניגון, אַקעגען דעם ווײַב, גענומען דאָס קליינע קינד צו זיך אויף די הענט און עס געקושט, געהאַלזט, בשעת די איבעריגע קליינע קינדער האָבען זיך אום געהאַנגען פון אַלע זײַטען לעבעדיג, פריילעך. עס האָט זיך נעראַכט, אַז אין שטוב זענען טאַקי נעקומען די גוטע הייליגע מלאכים פון „שלום-עליכם". — [2]

...ס'איז דער קלאָרער קוק און דער וואַרימער איבערעם פון אַ נ אַ ט ו ר פ אָ ר ש ע ר. אין אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש האָט דאָך, ווי באַ-קאַנט, געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו נאַטורפאָרשונג, אַ סך געלייענט אויף דעם געביט און אַליין אָנגעשריבען 3 בענדער „ת ו ל ד ו ת ה ט ב ע".

ווען ר' מ ע נ ד ע ל י ווײַנט זיך אויס בײַם פענצטער, און ווערט ווייך ווי אַ טייג", — הייבט אָן פילאָזאָפירען: „און זיי, די ווענצעלעך, [3]

---

1) דערציילט פּישקע. —

2) ז' 108. —

3) אַלעגאָריש געברויכט. געמיינט ווערען די שלעכטע מענטשען; די „כאַמולעס", וואָס האָבען חוזק געמאַכט פון די מוכר-ספרימניקעס; דער סטאַ-ווי, וואָס האָט ר' מענדעלין אָפּגעשוירען די פאה'; בכלל אַלע יודישע שונאים און פייניגער. —

זענען דען נישט גאָטס באַשעפעניש? וואָס זענען זיי שולדיג, אַז זיי שטינקען, נעבעך? וואָס זאָלען זיי טון, אַז ליגט שוין אַזוי אין דער טבע זייערע צו בײַסען? טוען עס נישט פאַר שלעכטס, פאַר שנאה און אַף צו־להכעיס, נור פאַר דעם שטיקעל פרנסה: זיי ווילען נעבעך טרינקען, אָנזעטיגען זיך מיט יענעמס בלוט"...—שטעקט אין דעם אמת־משכילישען משל אַ העכערער מוסר־השכל: ס'איז נאַטורפילאָזאָפיע, די אידייע וועגען די געזעצען, וואָס פירען־אָן מיט דער וועלט און מיט אַלע אירע דערשיינונגען; די אידייע, אַז דער מענטש, און די מענטשליכע געזעלשאַפט, זענען אַ שפילעכעל אין די הענט פון די נאַטורגעזעצען; איטליכס באַשעפעניש, דער מענטש דערונטער, ווערט באַשאַפען אַף דער וועלט מיט באַשטימטע אינסטינקטען, נטיות א. אַ. וו., וואָס זענען שטאַרקער ווי עטיק, ווילען, קולטור; און איבער אַלץ שטייט דאָס גרויסע געזעץ, וואָס איז דער פונדאַמענט פון לעבען, דאָס געזעץ וועגען קאַמף פאַר עקזיסטענץ...

ס'קען קיין ספק נישט זיין, אַז דאָס באַשעפטיגען זיך מיט נאַטורוויסענשאַפט האָט שטאַרק באַאיינפלוסט אַבראַמאָוויטשס וועלט־אָנשויונג און זיין געזינונג. פון דער אַנדערער זייט, ווידער, מעג מען האַלטען פאַר זיכער, אַז צו דער נאַטורוויסענשאַפט איז אַבראַמאָוויטש געקומען נישט בלויז אַלס משכיל, נור דורך אַן'איינענעם אינערליכען דראַנג.

אַבראַמאָוויטש האָט געפילט און ליב געהאַט די נאַטור, ווי ווייניג אַנדערע מענטשען. ס'קומט מיר אויס צו הערען, אַז זיינע נאַטורבאַשרייבונגען זענען צו איינפאַכיג, און לגמרי נישט אימפרעסיאָניסטיש. דאָס אָבער איז שוין אַ פראַגע פון קינסטלערישער מאַנערע, אַ פראַגע פון ליטעראַרישער שולע. אין דעם מאָמענט אינטערעסירט מיך אַבראַמאָוויטשס פערזענליכע באַציאונג צו דער נאַטור. ס'איז געווען די באַציאונג פון אומגעהייערער צוגעבונדענקייט, פון פאַרגעטערונג. נישט קיין צופאַל איז עס, וואָס דוקא אין אַ שטילער נאַכט, באַם אָפענעם פענצטער, ווען אַפ'ן בלויען הימעל גייט שטילרויג די גילדענע לבנה, עפענט זיך ר' מענדעלים האַרץ, און דער זקן וויינט ווי אַ קינד איבער דער ביטערער לאַגע פון זיין פאָלק, פון וועלכען ער איז אַ ווי אַ סטרונע צאַפעלדיג גליד.

אַבראַמאָוויטשס וועלטאָנשויונג,—בעסער: זיין וועלטאַנטפינדונג האָט אין זיך עפעס פאַנטעיסטישס, ליכטיגס. ס'איז אַ גע-

בענטעטע זוניגע נאַטור, וואָס שפּירט דעם צוזאַמענהאַנג מיט גאָר דער וועלט, מיט גאָר דעם יש. נישט אומזיסט שפּיגעלט ער זיך אַזוי אין הימעל, ווען דער לעצטער איז „בלאָ, לויטער, אָהן אַ פּיצעל וואָלקען" [1] נישט אומזיסט מאָלט ער מיט דעמאײַגענעם אינטערעס, מיט דעמאײַגענעם ערענסט צו אַ הערליכֿען פּײַזאַזש, צו חנה-טרײַנעס וואַנצען, דעם „שלום-עליכם מלאכי-שלום" צו די פּאַרע אין גלופּסקער באָד, פּישקע דעם קרומענס ביטער מזל צו די סאָראָקע, וואָס „וויגט זיך אַף אַ צווײַגעל אינדערהייך, אויסזעענדיג פֿונדערווײַטענס ווי אָנ-געטאָן אַ ווײַס טלית'ל מיט פּאַסען תכלת פּאָרענט, און דאַווענט, שאָקלענדיג זיך; זי בוקט זיך, פּאַלט תחנון מיט'ן קעפּעל, שפּריגט אַביסעל אונטער, אַ קלײַן קראַקעלע געבענדיג אַ פּאָר מאָל, בלײַבט דערנאָך ווײַטער שטײן אָהן לשון, שטרעקט-אויס דאָס העלזעל און קוקט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן מיט פֿאַרשלאָפֿענע אײַגעלעך". [1]

אין איטליכֿער דערשײַנונג זעט אַבראַמאָוויטש אַ טײל פֿון וועלט-אַל מיט אַ פֿונק פֿון זײַן נשמה. „אָט איז ער גאָט! אָט זע איך אים!..." שרײַט-אויס אַבראַמאָוויטש אין דער „קליאַטשע". [2] און דאָס איז מער ווי אַ מליצה. — און אָט די באַציִונג אַבראַמאָוויטשס צום אינהאַלט פֿון זײַנע ווערק; גענויער: אַבראַמאָוויטש אַלײַן, די שטראַלענדיגע פּערזענליכֿקײט פֿון דעם אָלימפּיער איז עס די סוב-סטאַנץ, וואָס פֿאַראײַניגט אויך אין „פּישקע דעם קרומען" די גאַנצע מאָזאַיִק פֿון מעשׂות בתוך מעשׂות, בילדער, טיפּען, סאַטירען, הומאָ-רעסקעס, פּײַזאַזשען, עלעגיעס, מיניאַטיורען, גלײַכֿווערטלעך, צונויפֿ-שמעלצענדיג זײַ אין אײַן וואונדערבאַרע אַמאַלגאַמע [3].—

1) ז' 21. —

2) זע אויבען ז' 50. —

3) דאָס קאַפּיטעל איז אָנגעשריבען געוואָרען אין יאָר 1914; ווערט געדרוקט צום ערשטען מאָל.—

# אבראמאוויטשס קינסטלערישע אויטאביאגראפיע.

(„שלמה ר' חיים'ס").

ווער עס איז באקאנט מיט שלום יעקב אבראמאוויטשס לעבען, נאך די פארשידענע באשרייבונגען, — דער האט נישט געקענט נישט באמערקען, אז אין „שלמה ר' חיים'ס", וואס האט זיך אין יאר 1899 אנגעהויבען דרוקען אין וואכענבלאט „דער יוד", שפירט זיך שטארק דער אויטאביאגראפישער עלעמענט. — אין ערשטען באנד פון מענדעלי-מוכר-ספרים'ס אלע ווערק[1] ווערט דער סוד אפיציעל אויפגעדעקט — אין ארטיקעל פון ה' י. ח. ראווניצקי, וועלכער דערקלערט: — „שלמה ר' חיים'ס" איז „א קינסטלעריש-באארבעטע זעלבסטלעבענסבאשרייבונג און אנטהאלט, צוזאמען מיט דיכטונג, זייער פיל ווארהייט פון אבראמאוויטשס לעבען אין דער ערשטער יוגענד".[2] — איצט, ווי באוואוסט, האט דער אלטיונגער ריז פון דער יידישער ליטעראטור גענומען ווייטער צו שפינען דעם גאלדענעם פאדעם פון דער אויסגעצייכנטער דערציילונג, וועלכע האט זיך געהאט אפגעהאקט אפ'ן 17-טען קאפיטעל, — און פארלייקענט שוין אליין נישט, אז ער באשרייבט זיין אייגען לעבען.

דאס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע אויטאביאגראפיעס, וועלכע די וועלט-ליטעראטור פארמאגט נאר: — דער מחבר שילדערט זיין אייגענעם לעבענסוועג — נאר אין בוך גופא באמיט ער זיך מיט אלע כחות דאס נישט ארויסצווייזען, — און פאר יענעם לעזער, וואס האט נישט געזען זיינע ביאגראפיעס און ווייסט גראד אויך נישט, אז שלמה

---

[1]) פאלקסאויסגאבע פון „מאמענט" (ווארשע 1913). — [2]) ז' XI. —

ר׳ חיים׳ס איז מער ניט ווי אַ זייער-זייער דורכזיכטיגער פּסעוודאָ-נים פון שלום-יעקב ר׳ חיים-משה׳ס, — איז דאָס אַ ווערק פון דער אייגענער קאַטעגאָריע, צו וועלכער עס געהערט, לאָמיר אָננעמען, „דאָס קליינע מענטשעלע“ אָדער „דאָס ווינטשפינגערל“, — אַ אינטערעסאַנטער גענעטישער ראָמאַן.

ווי כאַראַקטעריסטיש איז דאָס פאַר ש. י. אַבראַמאָוויטשען, אַלס מענטש און שריפטשטעלער! — מאָלענדיג זיין אייגען לעבען, באַ-ציט ער זיך צו דעם, ווי צו אַ פרעמדען אָביעקט, ניט אַנדערש ווי צום לעבען פון אַ יצחק-אברהם[1] צי פון אַ הערשעלע[2]; באַהאַנדעלט עס ניט ווי עפּעס אַ פּריווילעגירטע זאַך, ניט ווי עפּעס אויסנאַמליכס און אויסערגעוויינליכס, נור גלייך ווי יעדען אַנדערן סיוזשעט. — דאָס, וואָס דאָס לעבען, וועלכעס ער דערציילט, איז זיינס, גייט דעם קינסטלער par exellence, אין דעם מאָמענט פון דער שאַפונג, דאַכט זיך, כמעט לחלוטין ניט אָן. — שלמה׳ס לעבען האָט אַ שטאַרק געטון זיין פאַנטאַ-זיע ניט בלויז מחמת דעם, וואָס עס איז זיין אייגען לעבען, נור נאָך מער מחמת דעם, וואָס עס איז, אין די ערשטע יאָרצענדליגער, אַלענפאַלס, — אַ סך ענליך צו יענע יידישע לעבענס, וועלכע ער האָט כל-ימין באַשריבען אין זיינע חיבורים, — און קען דינען אַלס חוט-השדרה פאַר אַ ספר, וואָס נעמט אַרום די אַלטע יידישע גאַס מיט גאָר דעם אינ-האַלט אירען.

ש. י. אַבראַמאָוויטש אַליין זאָגט דאָס גאַנץ קלאָר[3] אַרויס אין דער הקדמה, וועלכע איז, צום ערשטען מאָל, אויב איך בין מיך ניט טועה, צוגעגעבען צו דעם ווערק — אין אויסגאַבע פון פערלאַג „מענדעלי“, — אונטערהייבענדיג די זוים פון דער געהיימניס, וואָס פאַרהילט די פּסיכאָלאָגיע פון דעם געניאַלען שרייבערס שאַפונג.

די אַרומיגע, די קאָלעגען האָבען געטריבען דעם פּראָפעסאָר פון „פּיקן דעם קרומען“, — ער זאָל זיך ניט פוילען אויסשרייבען זיין לעבענסגעשיכטע. — זיי האָט געקרענקט, פאַרוואָס ווערט באַ אונז אַזוי

---

1) אויס דעם „קליינעם מענטשעלע“. —

2) אויס דעם „ווינטשפינגערל“. —

3) הגם, פון דער אויסערליכער זייט גענומען, ווידער אַף אַ פאַרשטעלטען אופן, — אָפּטיילענדיג זיך ניט בלויז פון ליבהאַרצעדיגען ר׳ מענדעלי, נור אויך פון פיקטיווען שלמה. —

ווייניג געזאָרגט פאַר דער יידישער קולטורגעשיכטע. — מ'האָט זיך געקלאָגט אין פריינטליכען שמועס: „...די געשעענישען אין אונזערע צייטען פאַרשווינדען ווי אַ חלום. פיל געשעענישען ווער־ען נישט פאַרשריבען אין אונזער צייט דעריבער נור, וואָס מ'רעט זיך איין אַ נאַרישקייט, אַז דאָס איז אַ אַרבעט פאַר דעם געשיכטעשרייבער אין דעם שפעטערדיגען דור, ער וועט ערשט קענען צונעמען די זאַכען ווי דער ריינער אמת, אָהן קיין שום פניות. נור דערווייל, ביז וואַנען דאָס וועט זיין, איז פיל געשעענישען פון אונזער צייט גייען פאַרלוירען און, העט, העט, אין אַ צייט אַרום, אַז עס וועט אויפשטיין בא אונז אַ אַלטערטומספאָרשער און וועט וועלען אויפבויען אַ בנין פון די איבערגעבליבענע צוואָרפענע שטיקלעך מאַטעריאַל, מישטיינסגעזאָגט, — וועט אים מער פעלער ווי נר יועט האָבען, און אינגאַנצען וועט עס זיין אַ בנין אַף הינערשע פיסלעך. סיידען אַז מ'זאָל גלייבען, אַז יידישע געשיכטעשרייבער זענען נביאים, זעען בנביאה דאָס, וואָס אַמאָל איז געשעען, און מאַכען פון גאָרנישט אַ זאַך. ווייניגסטענס איז גענוג, אַז מ'זאָל זיי געבען דאָס לעכעל פון אַ נאָדעל, און דעם העלפאַנט אַף דורכצופירען אים וועלען זיי שוין אַליין באַשאַפען, אָבער גאָט ווייס, אויב אַזעלכע וועלען גאָר זיין אין שפעטערדיגע דורות. נור אָבער אַ היסטאָריקער מיט אַ מענטשליכען פאַרשטאַנד שפעטער, ער וועט באַשולדיגען די יידישע שרייבער אין אונזער צייט, און זיי שימפען, פאַרוואָס זיי האָבען נישט געברויכט דאָס לעבען פון'ם פאָלק אין זייערע ספרים, נישט אָנגרייטענדיג גענוג שטאָף אַף צו בויען פאַר יענע, וואָס וועלען קומען נאָך זיי... און אַ מיינסטען וועט דאָס נישט געשענקט ווערען יענע שרייבערס פון אונזער איצטיגער צייט, וואָס קענען גוט דאָס פאָלק, אויסגעבונדען פון קליין ביז גרויס און ווייסען אַלע גענג זייערע, און האָבען זיך געפוילט דאָס אָנצושרייבען!"[1]) —

אַבראַמאָוויטשען איז, אָבער, נישט גרינג געווען צו דערפילען דעם ווונטש פון זיינע כאַרערער. ער האָט זיך דעמאָלט — אין די נייינציגער יאָרען פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט — גראָד געפונען

[1]) באַנד II ז' XXII. — די לעצטע שורות שפּאַציערט פון מיר.

אין א שווערען אינערליכען צושטאנד, איבערגעלעבט א ערנסטען קריזיס אין זיין שריפטשטעלערישען לעבען.

„שוין א לאנגע צייט,—דערציילט ער דאן דורך ר' שלמהס מויל, — אז די פען מיינע געפינט זיך צווישען צוויי פארשידענע דעות פונקט קאפויר איינע פון דער צווייטער, ווי דער ארון פון מחמד'ן הענגט, לויט ווי מ'זאגט, צווישען צוויי מאגנעטען. אין דער צייט, וואס איינע פון די דעות ציט זי אהין צו באשרייבען אלטע זאכען וואס פריער, איז די, וואס אקעגען, האלט זי אפ, ציענדיג זי אהער צו באשרייבען וואס אין אונזער צייט גייט פאר. און דידאזיגע צוויי שפארען זיך אין מיר, ווי צוויי קרעמער קריגען זיך איבער איין קונה, צונישט־מאכענדיג דערביי איינער דעם אנדערענס סחורה.

„איינע זאגט: גאט זאל אפהיטען פון דער מאדנער[1] סחורה און פון די שיינע תכשיטים היינטיגע צייט ביי אידען! אלץ, וואס דו זעסט, איז נישט מער נור פורע שווינדעל און א אויסגעפארבלענדעניש, פארזילבערטע שערבלעך, א אויסגעבלאזטע אייל, צוגעפוצט, פארפארבט פון דרויסען און שמוציג, פע, פון אינעווייניג. ס'איז נישטא קיין עכטער טיפ מיט זיינס א ווילען, מיט זיין אייגענעם כאראקטער. נאר נור אנגעשטעלטע גולמ'ס, מישטיינס־געזאגט, ווי קוקלעס אזויגע, — דאכט זיך, עפענען ליפעלעך, פויקען, בלאזען, קלינגען און גיבען פון זיך ארויס א קול נישט פון א לעבעדיגער נשמה, נ'ר דורך עפעס א פריזינקעלע. כ'לעבען, לאזט זיי אפ, און גאט אייך בעסער אנטיקען אלטפאטערשע, וואס עס לעבט און עס האט א אייגענעם ווערט...

„אקעגען זשע די שרייט: קומט צו מיר, קוקט אן מיין סחורה און קוקט נישט אף יענץ, וואס שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך. וואס טויג אייך, רב ייד, פארשימעלטע זאכען? — אף דערויף שרייט מען דאך טאקי אין דער וועלט, אז אידען מיינסטענס רייסען זיך אף פונ'ם איצטיגען אין דער וועלט, און דער קאפ ליגט זיי העט־העט אין דער פארגאנגענהייט; זיי גייען אומגעקערט טיט'ן פנים אהינטער, נישט צו זען פאר זיך דעם וועג־

[1]) די צוזאמענגעפאסטע ווערטער איבערגעזאגט אין דער ציטאטע — מיינע.

שטרײַכלען זיך און פֿאַלן. אין אַלע זײַערע הנהגות — בײַ זיך אין שטוב, אין שול און אין דער ליטעראַטור זײַערער, זענען זיי ווי די טויטע, טויטע זענען זיי בײַם לעבן און לעבן מיינען זיי נאָכ׳ן טויט. אַ ייִד, אַז ער לעבט, איז גערעכנט ווי גאָרנישט, ערשט נאָכ׳ן טויט ווערט ער געהויבן מיט אַ שיינער מצבה — אַלע מתים באַקומען דעם טיטל תם וישר, אַ נדיב, אַ חכם. רעטיך, ציבעלע ווערן צדערבײַמער, אַ פלאַמע — אַ לויתן אַפֿ׳ן בית־עולם. הכלל, דער הײַנט איז בײַ זיי גאָרנישט. אין אמת׳ן, אָבער, איז דאָך דער עיקר לעבן פֿאָרט טאַקע נאָך אין דער היגער מינוט, אין וועלכער מ׳געפֿינט זיך. דער מענטש, וואָס נייטיקט זיך, ווי אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש, אין אַזויפֿיל באַדערפֿעניש, איז מחויב ווי ווײַט מעגלעך אויסצוזוכן אַזוינע מיטל און זיי צו פֿאַרבעסערן אַזוי, אַז דורך דעם זאָל אים דאָס לעבן אויף דער וועלט ניחא זײַן, הייסט דאָך עס, אַז ער מוז דערינען אַרבעטן אינאיינעם מיט אַלע מענטשן אין זײַן צײַט“[1].

דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך אַזוי געענדערט, אַזויפֿיל נײַס איז צוגעקומען. אין דער ייִדישער ליטעראַטור זענען פֿאַרשידענע פֿרישע שטרעמונגען אויסגעשפּראָצט. די געגענוואַרט רופֿט יעדן מיטצואַרבעטן, מיטצוהעלפֿן, אַז דאָס לעבן זאָל גרינגער, שענער ווערן. — נאָכגיין מיט׳ן שטראָם? אָדער פֿעסט בלײַבן בײַם אַלטן? —

דאָס איז געווען אַ האַרבע, אַ טיפֿע קשיא, — און אין אַבראַמאָוויטשעס אינערלעכער ביאָגראַפֿיע האָט זי פֿאַרנומען אַ וויכטיק אָרט.

מ׳האָט געקענט דעם גרויסן גאון אין זײַן פֿאַרלעגנהייט טרייסטן: „אַליין פֿאַר זיך גענומען איז נישט איינע פֿון די ביידע דעות ריכטיק, ווײַל איטלעכע פֿאַר זיך איז דאָך נישט מער ווי איין זײַט פֿון דער זאַך, איבער וועלכער עס רעדט זיך. אַלצדינג אין דער וועלט האָט צוויי זײַטן, און דער אמת באַדאַרף אַרויסקומען נאָכ׳ן אָננעמען די ביידע אינאיינעם“.[2] —

ענטפֿערט ר׳ שלמה, — מיר ווייסן, אָבער, אַז דאָס איז, אייגנטלעך, ר׳ שלום יעקב אַליין: „נור אָבער אַזוינס קען נאָר

[1]) ז׳ XXII. — [2]) ז׳ XXIII. —

אָדער אַ גרויסער דלס, אַ געזעצטער מענטש, אַזוי, פֿאַרקערט, אַ וואַריאַט, וואָס וואַרפֿט זיך אין אַלע זייטען און פֿאַר אים איז רעכט, ווי אַ טאָגאַרבעטער, איטליכס מין אַרבעט, וואָס קומט אים צו דער האַנט, נישט איבערצוקלייבען. — אָנטראָגען שטיינער, ליים, ציגעל צום בויען, אָדער פֿאַנאַנדערוואַרפֿען אַ וואַנט, גראָבען אין מיסט און ריינִיגען אַ שטאַל, — וואָס מאַכט דאָס אים אויס, אַבי געאַרבעט און באַקומען געצאָלט. — איך, אָבער, בין פֿון די מיטעלע מענטשען, וואָס כאַפּען זיך נישט צו איטליכער אַרבעט, — און נעמען זיי זיך שוין אַריין אין קאָפּ עפּעס אַ זאַך, האַלט מען זיך דערמיט שטענדיג, נישט אַראָפּ דערפֿון אַף אַ האָר אין דער זייט"[1]. —

טיפֿזיניגע ווערטער, אַף וועלכע ס'וואָלט זיך געלוינט לענגער צו פֿאַרהאַלטען. אַ תשובה פֿון אַ עכטען קינסטלער, פֿאַר וועלכען די שאַפֿונג איז נישט קיין לייכטזיניג צייטפֿאַרברענגען, נישט קיין שפּילעכעל. נור — זיין לעבענסטאַט, זיין עבודה. די פּאָר שורות אָטעמען מיט גרויסקייט. פֿאַר אונז איז אַ פּרעכטיגער גרונטשטריך פֿון אַבראַמאָוויטשעס קינסטלערישער נאַטור. אין אים שטעקט דער סוד פֿון דער מערקווירדיגער אויסגעהאַלטענקייט, אויסגעטראָגענקייט, האַרמאָנישקייט, מיט וועלכע עס צייכענען זיך אויס די מייסטערווערק פֿון אונזער ערשטען נאַציאָנאַלען דיכטער. די אייגענשאַפֿט, וואָס פֿון איר ווערט גערעדט אין די פּאָר ציטירטע כראַזען-

[1] ר' שלמה גיט נאָך צו: „און דערצו נאָך — בין איך זיך מודה פֿאַר אייך, — בין איך בטבע פֿויל, — איך טראַכט מער, ווי איך טו. אַבי עס טרעפֿט זיך נור אַ שטיקעל עבוד מיר, באַפֿריי איך מיך פֿון איר זייער גערן" (ז' XXIV). — נאָך פֿריער באַמערקט ר' מענדעלי: „דאָס שרייבען איז ניט מער ווי אַ שגעון, אַ מין שלאָפֿקייט" (ז' X). — ענליכס דערציילט טורגעניעוו פֿון זיך: ער איז אויך געווען זייער פֿויל. נור אַט איז די זאַך רייף געוואָרען אין אים, — האָט אים ווי אַ פֿיבער אַרומגעכאַפּט, עפּעס האָט אים אָנגענומען באַם קאָלנער און אַוועקגעזעצט צום שרייבטיש — האָט ער געמוזט שרייבען; נור געענדיגט — ווידער געזונט, פֿריי אויפֿגעאָטעמט, — און ווידער — קיין פּען אין די האַנט. —

דערקלערט אויך דאָס עקשנות, מיט וועלכען דער מחבר פון „ווינטשפיגעל“ קערט אזויפיל מאָל צוריק צו געוויסע ווערק זיינע, ניט אויפהערענדיג זיי איבערצואַרבעטען, אַזוי אַז פון אַ קורצער סקיצע וואַקסט אויס אַ קלאַסישע, אַ מאָנומענטאַלע דיכטונג, מיט אייביגען אינהאַלט און אומפאַרגעסליכער ווערט. —

אַ צופאַל, — ער איז אויך אַף אַזויפיל כאַראַקטעריסטיש פאַר אַבראַמאָוויטשס פערזענליכקייט, אַז עס וועט אוממעגליך זיין אַף אים זיך נישט אָפּצושטעלען גענויער, באַשרייבענדיג ר׳ שלום-יעקב׳ס לעבענסגעשיכטע, — אַ צופאַל האָט אים פלוצים „אַ דריי געטון צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט“.[2])

— אַצינד, דער קאָפּ ליגט מיר אינגאַנצען אין יענער צייט, דאָרט ווו איך האָב געלעבט אין דער יוגענד. אַלט, זאַט מיט צרות, מיט אַ האַרץ אָנגעפלאָגט און פאַרווינדעט פון פליענדיגע פיילען אין לעבענסקאַמף. געברובט מיט ביטערע שווערע יסורים, האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין וועלטעל וואָס אַמאָל, און דער כח-הדמה ברענגט מיר אַרויף פון אונטער דער ערד זיין צויבער, ווי יענע כשופמאַכערין פאַר שאול׳ן אין עין-דור, פאַרשידענע בילדער און צורות, מיט נאָך מיני משונה אַלטע זאַכען פון אַמאָליגע יאָרען“.[1])

דאָס „פיבער“ האָט אַרומגענומען, די האַנט האָט זיך אויסגעשטרעקט צו דער פען, וואָס איז אַוועקגעלייגט געוואָרען, ביז וואַנען משיח וועט קומען“. —

און די כונה איז געווען: נישט אַזוי זיך אַליין, ווי די אַרומיקייט צו שילדערן. באַשאַפען — מעמואַרען אין פאָרם פון אַ קינסטלערישען גאַנצען, — „אַ בילד פון יידישען לעבען אין דער ליטא“.[2]

„...לאָזען קינדס קינדער וויסען“...[3]), — ווי ס׳דריקט זיך אויס דער וואונדערבאַרער זקן אין צווייטען קאַפּיטעל פון „שלמה ר׳ חיים׳ס“.

---

[1]) ז׳ XXIV. —

[2]) דער אונטערטיטעל פון דעם ווערק. —

[3]) ז׳ 11. —

שוין אָנהייבענדיג צו שרייבען, האָט ש. י. אַבראַמאָוויטש זיך נאָך געפרעגט, און, פילייכט, האָבען אויך אַנדערע איהם געשטעלט די פראַגע: וואָס, באמת, איז מעגליך אין זיינע צייטען, אין אַלטען יידישען לעבען, אַזוינס צו געפינען, אַז אַף דערויף זאָל מען קענען זאָגען: עס איז ווערט געשילדערט צו זיין, עס וועט אינטערעסאַנט זיין פון דעם צו לייענען? —

— איבעראַשט די וועלט מיט גרויסע וואונדערליכע זאַכען האָבען מיר נישט, — ווי ר' שלמה דריקט זיך אויס, — קיין גראַפען, פריצים און יענעראַלען און שיסערס זענען מיר נישט געווען, קיין ראָמאַנען מיט יפיפיה'ס האָבען מיר נישט געשפילט. שלאָגען זיך אַף דועלען ווי די בעק, אָדער זיין ווי עדות צוקוקען, ווי צוויי פאַרגיסען זיך דאָס בלוט, האָבען מיר נישט געפרווט, אין טאַנצען קאַדרילען מיט נקבות אַף בעלער האָבען מיר נישט געקענט. זיין אַף געיעג אין פעלדער, אין וועלדער צו כאַפען בערען, זענען מיר נישט געגאַנגען. געררייזט אַף אייגענע שיפען איבער ים'ען אויפצודעקען נייע אינזלען האָבען מיר נישט. מיט טענצערינס און אַקטריסעס האָבען מיר קיין געשעפטען נישט געהאַט, און איבער פרימאַדאָנעס און אַנטאָן זיך די גרויסע פאַרגעניגענס האָבען מיר זיך נישט אויסגעבראַכט. בקיצור אַט די אַלע צימעסלעך צום ספור־המעשה, ער זאָל זיין געשמאַק און נעמען דעם עולם — אַט דאָס אַלצדינג איז נישטאָ באַ אונז[1] — און אָנשטאָט זעם זענען מיר אַ מלמד, מיט אַ חדר, מיט אַ בעהעלפער, שדכנים, חתנים, כלות, מיט ווייבער, קליינוואַרג, חלוצות און עגונות, אלמנות און יתומים, נשרפים, געפאַלענע און אָפגעקויענע, אַלע סאָרטען אָרימעלייט, אַרומגייענדיגע איבער די הייזער ערב־שבת, ערב יום טוב, ראש חודש און גלאַט אַזוי זיך מאָנטיג און דאָנערשטיג, בטלנים, גבאים, מקבלים, און צדקה־פושקעס, אַלע מיני פורעניות דלות, קבצנות און אַלערליי מיני משונהדיגע פרנסות, — אַט דאָס איז אונזער לעבען, אַז אָך און ווי איז צו אונז! אַ לעבען, מישטיינסגעזאָגט, אָהן נחת, אָהן אַ רו־

[1]) ספּאַציערט פון מיר. —

יִג געמיִט... אַ פִינצטערס אָהן אַ שטראַל ליִכט; אַ לעבען, וואָס האָט אַ טעם ווי אַ געקעכץ אָהן פעפער און אָהן זאַלץ[1].

און אַזוי האָט דער מחבר פון „וויִנטשפיִנגערל“ אַף די שאלה געענטפערט:

— „לאָז שוין זיַין אפילו ווי איר זאָגט, אַז אין דעם ייִדענס לעבען פעלט געוויִרץ, אָבער דערפאַר האָט ער אין זיך אַ מין ייִדישען טעם, וואָס ס'איִז נישטאָ זיַין גלייַכען. ס'איִז דאָ אַ מין קעז, וואָס ער איִז מיִט ווערים, און די מבינים, וואָס פאַרשטייען זיך אַף דער אכילה, צאָלען דערפאַר אין טאָג אַריַין און עסען דאָס מיִט אַ מאָדנעם אַפּעטיִט. אָט די ביִטערקייט, וואָס איִז אין אונזער לעבען, אָט דאָס איִז טאַקע די גאַנצע חשיבות זייַנע, און עס איִז געשמאַקער דעם מבין פיל מער פון יענער פריִקרע זיסקייט, פון וועלכער עס נודזעט אַמאָל ניר צום ברע־כען. לעקעכלעך, דאָס איִז נור אַ מאכל פאַר קליינע קינדער. דאָס לעבען פון די כנסת ישראל כאָטש עס זעט אויס שטאַרק מאוס פון דרויסען, אָבער שיין איִז עס איִנווייניג. — אַ שטאַרקער גייַסט ליגט אין דעם ייִדישען לעבען. אַ גייַסט אַ געטליכער, וואָס ווי אַ ווינט וויִיט ער שטענדיג, אויפהייבעני־דיג אין איִם כוואַליעס, כדי צו רייניגען זיי פון שמוץ און פוילקייט.[2] די דינערן און בליִצען, פאָגראָמען און שטורעמס, וואָס קומען אַף זיי אַמאָל, זיי לייַטערען זיי, און גיִבען זיי צו אַ נייַע קראַפט. דאָס ייִדישע פאָלק איִז ווי דער פאַרצייַטיגער גריכישער פילאָזאָף דיגענעס, דער קאָפּ זייַנער פליִט איִם אין היִמעל, דערקענט גאָטס גרויס־קייט אָהן אַ סוף, און אַליין וווינט ער דאָ צווישען די אומות העולם (ווי יענער אַמאָל אין זייַן פעסעל) צונויפגעשטיקט אין אַ באַשטימט ענג אָרט. אונטער די בערגלעך מיִסט אין חדר,

[1] עפּיזצירט פון מיר (ז' XXV פ.). —

[2] שפּאַצירט פון מיר. —

ישיבות און בתּי־מדרשים גליט דאָס פּייערל פון תּורה, פאַרבריינט ליכט און וואַרעמקייט צווישען גאַנצען פאָלק. אַלע אונזערע קינ- דער, זכרים און רייך, קליין און גרויס, לערנען און קענען אין די קליינע אותיות. אָט אַזאַ לעבען, זאָגען מיר, איז רעכט און עס פאַסט טאַקע, אַז ס'זאָל פאַרשריבען ווערען לדורות".[1] —

דידאָזיגע פּראַקטפאָלע תּשובה האָט גורם געווען נאָך איין שאלה, וועלכע דער גרייזער קינסטלער פאָרמולירט אַזוי:

—„דאָס איז דאָך געריעדט געוואָרען נור אָקייגען דעם לעבען פון גאַנצען פאָלק בכלל, אָבער מיין לעבען אַליין, פאַר זיך געגומען, מיט וואָס האָט עס פאַרדינט און וואָס פאַר אַ נייעס איז אין אים דאָ, ס'זאָל ווערט זיין, מ'זאָל עס באַשרייבען? עס האָט זיך פּאַסירט מיט מיר דאָסאייגענע, וואָס מיט טויזענטער אַנדערע באַ אונז. גאַנץ געוויינטליכע זאַכען. איז דען דאָ נאָך אַ אומה אַף דער וועלט וואָס דער גאַנצער שטייגער לעבען פון איטליכען באַזונדער זאָל זיך ציען פונ'ם געבוירען ווערען ביז דעם שטאַרבען אַף איין נוסח[2], ווי באַ אונז יידישע קינדער? די דערציאונג, דאָס לערנען, דאָס דאַוונען, און דער ניגון צו יעדער תּפילה, צו יעדען פּזמון, צו יעדען שטיקעל פּיוט, צו יעדער סליחה, האָט זיין געשטעלטען, געוויסען נוסח, אַפילו עסען און טרינקען האָבען אויך איין נוסח. איז עס דען ווי געהערט געוואָרען, אַז אין אַ געוויסער שעה, פרייטיגצונאַכטס, אַ שטייגער, זאָל אַ פאָלק יידען עסען פיש, לאָקשען און צימעס? שבת אינ- דערפרי — רעטיך מיט פּעטשאַ, לעבער און ציבעלעס מיט אייער, אַ אויסגעפריעטע קאַשע מיט אַ גרויסען מאַרכבייןן דרינען; אין דעם און דעם טאָג זאָל מען עסען קרעפּלעך, אין יענעם טאָג המן-טאַשען און אין דעם טאָג אַ געלען קוילעטש מיט זאַפרען? היינט איינער אָן צו זאָגען „כּל מקדש" אָדער שרייען „חי וקים" אין בערדיטשעוו, הערט זיך דעראייגענער ניגון און דאָסאייגענע קול אויך אין אַרגענטינע, וואָס אין עק וועלט. מיר זע- נען אַ עדה פון מילבען[2], וואָס ווי איינע, אַזוי די

---

[1]) ז' וזxx. — [2]) שפּאַצירט פון מיר. —

אַנדערע, אַלע גלײַך. אין דער נאַטורגעשיכטע, זאָאָלאָגיע, ווערט גערעדט וועגען מין[1] מילבען בכלל[1], אָבער נישט וועגן איטליכער[1] מילב באַזונדער"[2].

דערויף אַנ'ענטפער:

—„דאָס ייִדישע לעבען זעט טאַקע אויס ווי מיט איין נוסח, ווי בײַ די מילבען; אָבער אין אמת'ן איז צווישען זיי דאָ אַ גרויסער חילוק: די מילב מוז פון דער נאַטור טאָן אַזוינס, וואָס איז געשטעלט געוואָרען פאַר'ן גאַנצען מין מילבען, נישט צו קרימען זיך אַ האָר. בײַ מענטשען איז, אָבער, נישט אַזוי: איין זאַך, וואָס ליגט אין דער טבע בײַ אַ כּלל מענטשען, באַקומט בײַ יעדערען פון זיי אַ גאַנץ אַנדער פּנים[1]; יעדערער טוט זיך אָן זײַן שטייגער, אַנדערש ווי דער צווייטער; בײַ איטליכען מענטשען לאָזט זיך באַמערקען אַ באַזונדער כאַראַקטער אין דעם רעדען, אין דעם שמייכעל, אין דעם ווינקען מיט די אויגען, אין דעם גאַנג, אין דעם שטייגער עסען און טרינקען, כאָטש די אַלע זאַכען זײַנען אַ מתנה פון גאָט בײַ אַלע מענטשען."—

אין די אייגענאַרטיגע „שאלות-ותשובות" גיט אַבראַמאָוויטש אייגענטליך, די אויסטײַטשונג פון זײַן גאַנצער ליטעראַרישער טעטיקייט. אין די אויסגעשריבענע שטעלען געפינען מיר דעם אידייענאינהאַלט פון אַלע זײַנע ווערק, דעם תמצית פון זיינע שטימונגען, דעם סך הכל פון דעם אויטאָרס באַציִונג צום מאַטעריאַל, וועלכער איז געשילדערט אין זײַנע ביכער.

...געמאָלט דאָס ייִדישע לעבען, מיט איבער-מענטשליכער דיטאַליכקייט. געזען זײַן אָרעמקייט און עלענט, זײַן אויסערלישקייט, זײַן געשפּענסטישקייט, ביטער חוזק געמאַכט פון זײַן צובראָכענקייט, אומנאַטירליכקייט, קאַריקאַטוראַלישקייט. ביז עקעל זיך געמיאוסט מיט דער פלאַכקייט, קליינליכקייט, אײַנטאָניקייט, נישטיקייט פון דער ייִדישער ווירקליכקייט אין זײַנע צײַטען; באַטריבט, פאַראומערט געווען—די ליפּען געביסען פאַר ווייטיג, — כמעט געשאָלטען. — און גלײַכצײַטיג אויפגענומען

[1]) שפּאַצירט בײַ מיר. — [2]) ז' XXVII.—

די וואונדערבאַרע אינוויינינגסטע שיין, דעם אינערליכן כּשוף, דאָס איי־ביגע פייער פון גייסטיקייט, וואָס אין איטליכן ווינקל פון טרויעריגען יידישען לעבען, — און געהידושט זיך, — געוויינט מיט טרערען פון יראת־הכבוד און פרייד, — געליבט, — דיפיראַמבען געזונגען דער פירשטליכער נשמה אין היגטישען גוף.

אין דער גרויער, איינפאַרביגער מאַסע אונטערשיידט איינצעלנע פנימער — ווע‏לטען פאַר זיך. פּאַראַכיאַ־ג און ליבע, אַף אַ מאָדנע שטייגער אויסגעמישט, — צום קיבוץ צו איטליכען י ח י ד באַזונדער — בלויז די אומבאַגרענצטסטע ליבע.

די צוויי פראַגען מיט די צוויי ענטפערען זענען אויף דעם מחברס פּראָגראַם פאַר „שלמה ר׳ חיים׳ס“, וואָס שליסט אַבראַמאָוויטשס גאַנצע ליטעראַרישע אַרבעט, ווי אַ קופּעל די ווענט פון אַ טעמפּעל.

דאָס בוך פאַראייניגט אין זיך, הן בנוגע צום אינהאַלט, הן בנוגע צו דער פאָרם, אַלע מעלות פון אונזער נאַציאָנאַלען דיכטערס בעסטע ווערק, — און באַזיצט, אויסער דעם: ד אָ ס ה ע כ ס ט ע ש ל מ ו ת , צו וועלכען עס קען זיך דערהייבען נור אַ גאָנ טלער, וואָס ווייסט שוין קלאָר און פעסט זיין אמתען באַרוף, זיינע מיטלען, זיין מאַכט, — און די אָ ל י מ פ י ש ע ג ע ל אַ ס ע נ ק י י ט , ד י מ י ל ד ע ל י כ־ ט י ק י י ט פ ו ן ט אָ ן , — צוויי גאָבען, וואָס די וויזהייט פון זילבערנע האָר און איינגעשטעלטען געמיט קען זיך באַרימען, אַז זי האָט אַנטפּלעקט און זיך דערוואָרבען זייער ס ו ד.

אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש שילדערט דאָ די אַלטע צייט. אָבער ער קען שוין די נייע. ער האָט בייגעוווינט דאָס אַנטשטייען פון אַ אייראָפּע־יש־געבילדעטער יידישער אינטעליגענץ, דאָס דערוואַכען פון די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסען, דאָס אויסוואַקסען פון די יידישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען אין זייער מאָדערנעם געשטאַלט. און דאָס האָט אויך געדאַרפט אַביסעל לינדערן זיין ווייטיג, אָפּשוואַכען די ביטערקייט פון זיין טאָן.

דאָס אַלט־באַקאַנטע יידישע שטעטעל ר׳ מענדעלי׳ס לעבט נאָכאַמאָל אויף פאַר אונז אין „שלמה ר׳ חיים׳ס“. נור עפּעס אַנדערש אַביסעלע זעט עס דאָ אויס. די ליניעס זענען עפּעס ווייכער, און די שפּראַך זאַנ־פטער. דער אָטעם פון אויטאָרס יוגענד ליגט אַף די באַשרייבונגען אויס־געגאָסען, — און גיבעט אַ סך שאַרפע ווינקלען אַראָפּ, ווישט אָפּ פיל שמערצענדיגע עפּיצען.

אין נאָך וואָס: אָפּמאָלענדיג די אַלטע פאָרמען, אַף וועלכע מ׳האָט

פֿריִער געקוקט בלויז ווי אַף אָפּגעלעבטע בראָכוואַרג, האָט דער קינסט־לער דאָסמאָל דאָס באַוווּסטזיין פֿון דער פּאָזיטיווער באַטייטונג, וואָס דידאָזיגע רעשטען פֿון דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט אונזערער האָבּן פֿאַר דער יידישער ק ו ל ט ו ר ג ע ש י כ ט ע, פֿאַר דער יידישער סאָציאַלער אַרכעאָלאָגיע, אויב ס'איז דערלויבט אַזאַ אויסדרוק צו געברויכען, — און דאָס ציט נאָך מער צו זיין אויג צו דער פּלאַסטישער זייט פֿון די אָביעקטען און צו זייער ראָל אין דער אַלטער יידישער גאַס זיין פֿען פֿאַרהאַלט זיך לענגער אַף פֿיל פּרטים: זיין באַציִונג צו אַסך זאַכען ווערט וואַרעמער, און אין דעם מערקווירדיגען ווערק טרעט, דעריבער, דער א י ד י ל י ש ע ר עלעמענט שטאַרקער און בולטער אַרויס, ווי אין די פֿריִערדיגע ביכער אַבּראַמאָוויטשעס.

דאָס בוך עפֿענט זיך מיט אַן אידיליע.[1]

„אַ צען וויערסטלעך פֿון'ם שטעטעל ק. אין דער ליטע ערגיץ, געפֿינט זיך אַ מין דערפֿעל עפּעס, אַרומגערינגעלט מיט גרויסע וועלדער, צווישען וועלכע עס פֿליִיצט אַ היבשער, אַ שיינער טייך, וואָס לעבּען אים שטייט אַ מיל, און דעריבער הייסט דאָס דערפֿעל מ ל י נ י צ אַ. אַף איין זייט טייך קוקען אַרויס פֿון צווישען גרינוואַרג און ביימער אַ דריי קליינע הייזלעך פֿאַר דריי פּויערשע פֿאַמיליעס, די איינציגע איינוווינער דאָרט, און צו דער אַנדערער זייט טייך שטייט האַרט לעבּען וואַלד איין איינציגע שטוב פֿון קאַלעכדיגע בּרעוונעס מיט קליינע פענצטער און אַ הויכען, אַלטען דאַך. דאָרט זיצט חנא מלינער מיט זיין הויזגעזינט, דער אַרענדאַר פֿון דער מיל, וואָס די חזקה אַף דער זעלבּע גייט איבער אין זיין משפּחה פֿון טאַטעס צו קינדער. אייגענטליך זעט מלינער אויס ווי אַ נעסט, וואָס ליגט פֿאַרבאָרגען אין אַ ווינקעל, אָפּגעריסען פֿון דער וועלט, ווייט פֿון מענטשען און פֿון'ם טראַקט, נור קליינע שמאָלע וועגלעך שלענגלען זיך דורך דעם וואַלד דורך טאָלען און בערגלעך און פֿירען צו דערפֿער, וואָס ליגען צווייט אַרום און אַרום. און ווען מענטשען זענען דאָ זעל־

---

[1]) דאָס ערשטע קאַפּיטעל. —

טען, עס רעש׳ט נישט, ס׳ קאָכט נישט ווי אין שטעט, דערפֿאַר שווירבלט און גריבלט דאָ אין די וועלדער, אין די זומפּען און פֿעלדער אַלערליי באַשעפֿעניש, חיות און עופֿות; דערפֿאַר לאָזט זיך דאָ הערען אַלערליי קולות: אַ געזאַנג פֿון פֿייגעל, אַ קראַקען, אַ קוואַקען, אַ שמוצערן, אַ גריל־צעזומער, אַ וואַיען, אַ הײַלען פֿון הונגעריגע וועלף ווינטער און אַמאָל אַ ברומען פֿון אַ פֿער בלאָנדזשעטען בער אויך — און אין דעמדאָזיגען קאָנצערט פֿאַרטראָגט זיך אַ רוישען פֿונ׳ם וואַסער באַם אַראָפּפֿאַלען אַף די רעדער, אַ קלאַפּען, אַ מאָלען פֿון דער מיל״.

„ס׳איז אחרון על פּסח — אַ שיינער, אַ וואַרמער וועכנטאָג״. — „דאָס גאַנצע הויזגעזינט דעם אַרענדאַרס איז איצט אינדרויסען. חנא זיצט צושפּיליעט אַף דער באַנק לעבען דער שטוב, קוקט אַף גאַנס שיין וועלטעל און גענעצט״... — „די קינדער אַרום איִם שטייען און שמועסען תּוכזאַכען: וועגען אַ גרעבליע, וואָס האָט ערגיץ נישט ווײַט געגראָבען; וועגען דעם פֿאָרען אַהין אין שטעטעל מאָרגען פֿריִ, אײַנצוקויפֿען דאָרט פֿאַר דעם פּריץ און אויך פֿאַר זיך נייטיגע זאַכען״. — „די יונגערע לויפֿען אַרום פֿריי און זענען שטאַרק באַשעפֿטיגט: אַ טייל שטייען אַפ׳ן בריקעל לעבען דער מיל, קוקען, ווי דאָס וואַסער לויפֿט דורך די אָפֿענע זאַכטאַווקעס, פֿאַלט אין איין גוס, ווי איין שטיק גלאָז, אַראָפּ טיף אונטען מיט אימפּעט, מיט גערויש, און צושפּרינגט אין טויזענט קליינע עפּיצלעך, שפּילענדיג אַקעגען דער זון אין אַלערליי קאָלירען, ווי בריליאַנטען. ווידער אַ טייל שטעלען־אונטער שיסעלעך לעבען בערעזענע ביימער, פֿון וועלכע עס רינט, דורך אַ געמאַכט שפּעלטעל אין זיי, אַ געשמאַקער, קלאָרער זאַפֿט״. — „די שקאַפּע, אַ זקנה פֿון אַ יאָר דרײַסיג, בלינדלעך אַביסעל, ליגט, מחילה, צוליגט אַפ׳ן גרינעם גראָז אַקעגען, קײַקעלט זיך און גלייכט זיך אויס די אַלטע קראַנקע ביינער״. — „צוציק, דער הונט, אַ דיקבייכיגער מיט קורצע פֿיס און שוואַרצע פֿלעקען אַף דער שמוציגער ווײַסער פֿעל,... פֿאַרדרײַסט דעם וויידעל, טאַנצט, שפּרינגט משוגענערווייז אַהער, אַהין, אונטערפֿײַפֿענדיג עפּעס אַף אַ מין משונה הינטיש קול״. — הקיצור: „אַלע זענען פֿריילעך, זעען אויס יום־טוב׳דיג״.

זון „הינטער דער שטוב״ — „די צווייטע זייט פֿון מעדאַל״, ווי מ׳קען דאָ וועגען דעם זאָגען, שפּילט זיך צפּ אַ שטילע פֿאַמיליענדראַמע. — דאָרט, „אַף אַ פֿריי־רינגעם פּלאַץ אין וואַלד״, „זיצט אַף אַ שטיק

קלאָץ פון אַ גרויסער אומגעפאַלענער סאָסנע חנא מלינעצערס ווייב״. — דאָס איז נישט „די ברייטביינערדיקע, די יאָדערדיקע טויבע־סאָסיע, וואָס אירע הענט, איר פּנים זענען עפּעס כּגושם: כּאַרבערענט, פאַרבראָטען פון דער זון״ — און: „גייט זי — איז געגאַנגען מ׳פילט. אַז זי שטעלט אַ פוס; רעט זי — איז גערעט מיט לעפצען, אַף דער געמבע״. — דאָס איז שרה, — „די אײדעלע, די שוואַכע״, וואָס „האָט קליינע, ווייסע הענט מיט דינע בלויע עדערלעך, אַ פאַרפרומט בלייך פּנים מיט דינע ליפען — איינגעזונגען עפּעס אַ רודנות. זון אַז זי גייט, דאַכט זיך, זי שוועבט״. — ר׳ חיים איז יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט, חנא איז געבליבען אַן אַלמן, — און די נויט, וואָס ברעכט אייזען, האָט געטריבען שלמהלעס שיינע, צאַרטע מאַמע צו ווערן דעם אַרענ־דאַרס צווייט ווייב. — לאה, די טאָכטער, „אַ ווייבעל פון עטליכע און צוואַנציג יאָר״, איז געקומען צוגאַסט אַף פסח. איר איז שלעכט אין שטאָט, נור אויך דאָ איז איר ניט גרינג אַפ׳ן האַרצען. זי רעט נישט דער דעליקאַטער כאַראַקטער לאָזט נישט, אָבער „דאָס מאַמעס האַרץ פילט — אַז דער טאָכטער איז שווער. זי זיצט דאָ ווי אַף שפּילקעס. זי שווייגט, און די אויגען זיינע רעדען, איטליכער בליק איז אַ עכאָך, איטליכע מינע איז פול מיט כּאַרדראָס, ביטער ווי גאַל״. — און שרה בוושט זיך מיט טרערען: „געוואַלט, איך האַלט עס נישט אויס, עס שניידט מיר ביז אין דער זיבעטער ריפּ. ווי איז דער מאַמע, וואָס האָט די ווייסטע מאַמע געקענט טאָן, בעסער מאַכען? ס׳איז מיר אויסגעקוקט כאָטש לייגען זיך, שונא ציון, און שטאַרבען, אויסגיין פאַר הונגער. או וואָס וואָלט געוואָרען פון די ברעקלעך קינדער?״ —

דאָס אומעטיגע, מיט צער און טרערען דורכגעווייקטע געשפּרעך קייטעלט זיך, שטיל, נאַטירלעך. — ווי האָט ש. י. אַבראַמאָ־וויטש אונטערגעהערט דעם פּראָסטען, לעבעדיגען, באַהאַרצטען לשון? ווער האָט אים אויפגעדעקט דעם סוד פון לייכטען, איינפאַכיגען, און דאָך געוועלטיגע קאָנצענטרירטען, ווי גאָלדענע מטבעות געגאָסענעם און געזיגעלטען דיאַלאָג? — ס׳איז אוממעגלעך אין ווערטער איבערצוגעבען דעם גאַנצען צויבער פון דעם סטיל, אין וועלכען די פאַמיליענסצענע איז אויפגעשריבען. — דאָס דאַרף מען פילען.

אַף צוויי בלעטלעך סך הכל, אָבער דאָך אַף דעם שטאַרקסטען אופן, איז געשילדערט דער שרעקליכער חורבן פון ר׳ חיים׳ס שטוב. פאַר וועלכען עס שטייט שלמה׳לע, אַ 17־יעריגער בחור. טראָגענדיג אין

האַרצען, ווי די שוועסטער זײַנע, אַ טיפֿע ווונד — אַ בײַסיגען טרויער נאָך דעם, וואָס איז אַזוי אומגעריכט אַוועק און וועט שוין צוריק ניט אומקערען, — און האָבענדיג, אויסער דעם, זייער פיל מיט זיך צו טאָן.
...אַרומגעוואַלגערט זיך אין די ישיבות. אויסגעשטאַנען חרפּות און בושות. געקומען צו דער מאַמען... צום שטיפֿפֿאָטער. — אַ גאַנצען ווינטער פֿאַרבראַכט אין לערנען. „פֿלעגט אויפֿשטיין פֿאַרטאָג, לערנען גמרא פֿאַר זיך און בײַטאָג — מיט די קינדער". — „נור די לעצטע צײַט ווי עפּעס איבערגעביטען געוואָרען. די גמרא אין דער זײַט, תּמיד פֿאַרטראַכט, שרײַבט, טענטעלט", — ווי שרה דערציילט פֿאַר לאַה'ן. דערהויפּט, „זינט ס'איז וואַרעם געוואָרען, עס האָט אָנגעהויבען זומערטום צו וואַקסען, צו שפּראָצען, בלאָנקעט ער זיך שטענדיג איינער אַליין אין וואַלד אַרום. אַלץ פֿאַרטראָגען, פֿאַרפּלאָמט".

אַ טיפֿער פּרט איז עס, וואָס אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש האָט דאָס ערשטע קאַפּיטעל פֿון זײַן לעבענסגעשיכטע אָפּגעגעבען דער צײַט, ווען ס'האָט אין אים דערוואַכט ד ע ר ש ר י פֿ ט ש ט ע ל ע ר. דאָס 17־טע יאָר — אַ קריטיש יאָר פֿאַר דער פּסיכיק פֿון יעדען בחורעל, — און אין שלום־יעקבס אינערליך לעבען איז דאָס געווען, פֿיליכט, דאָס ק ר י ט י ש ס ט ע יאָר. — דערזען די פֿאַלשקייט פֿון זײַן ביזהעריגען וועג: „גענוג געשוואַרצט דאָס פּנים, געגעסען טעג, געקוועטשט די באַנק, געריבען זיך. רײַבען זיך ווײַטער דאָרט, ביז איך וועל מיך אויסרײַבען און ווערען אַ שמאַטע — פֿע! גענוג אויסגעריבענע שמאַטעס בײַ אונז אָהן מיר אויך"... — בלינד, אומבאַוווסטזיניג נאָך, זוכט ער אומגעקערט מיט'ן געוויכט צו זײַן ריכטיגען וועג, צו זײַן אמת'ן לעבענסציל, צו זײַןווירקליכען באַרוף.

און סימבאָליש אַפֿ'ן העכסטען גראַד איז עס, וואָס שלמהלע, — שלום־יעקב, הייסט עס, — ווײַזט זיך פֿאַר אונז אין דערדאָזיגער גרויסער — פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור הייליגער, — מינוט — אַפֿ'ן פֿאָן פֿון אַ נאַטירליכען לאַנדשאַפֿט, צווישען די יערענדיגע ווילגעוואַקסענע און אויפֿגערעגטע שאַפֿונגסגרויסען פֿון אַ שיינעם פֿרילינגטאָג.

„די גילדענע זון האָט באַם אויסגיין צוריסען, צוטריבען די גרויסע וואָלקענס אין דער לופֿט און מיט איר ליכטיג פנים אַראָפּגעקוקט פֿונ'ם בלויען הימעל מילד, פֿרײַנטליך אַף דער ערד. גראָזס באַשעפֿעניש, אַלע פֿון גרויס ביז קליין, האָבען אויפֿגעכאַפּט זיך פֿונ'ם לאַנגען ווינטערשלאָף, לעבעדיג פֿריילך, זיך גענומען

איטליכער צו זיין זאך. פריש-געלע בלומען שטעקן ארויס די קעפלעך פון צווישן די יונגע גרינע גראז, קוקן ארויס און מאכען חן. ווערבעס באם טייך כאפען זיך אנטאן זייער נייע גרינע זופיצע, שפיגלענדיג זיך אין דעם וואסער ריין קלאר ווי זילבער. פון די ווייטע ווארעמע לענדער, דארט אין דער פרעמד, קומען עופות משאטעסווייז צוריק אהער אין זייער רו ארייין. ווילדע גענז פליסקען זיך ערגעץ צווישן וויכעס דא אין טייך. ווילדע קאטשקעס דרייען זיך ארום דעם טשערעט, ארויס, אריין, מיט א געהילך, א געשווישטש. שוועלבעלעך פלאטערען, שוועבען אהין, אהער אין דער לופט, שטארק פארטראגען אין דעם בויען, פאר-ריכטען נייע און אלטע נעסטער. ברוך הבא, דאס אלטע באקאנטע פארפאלק בושעלס איז אויך למזל דא, אין א גוטער שעה. זי, די בושעליכע, שטייט אף איין פוס, דאס קעפעל אין דער זייט, שטייט, באגראבט איר אלטע נעסט אף א שפיץ בוים, און ער, אף די לאנגע שטעלצען, שפאצירט זיך האפנדיג אף דעם זומפ דארט, צוקוקענדיג זיך צו א קאליזשע, וו עס שפרינגען, קוואקען זשאבעס, און פלוציים פיק-פיק, א כאפ אין דעם רויטען ווייטען פיסק ארייין... ס'איז א לעבען, א פרייד, א פליענייש, א זוושענייש. א געזינגעריי, א געשווישטשעריי אומעטים".

און אויך אין דער יונגער נשמה פון געבוירענעם פאעט האבען אנגעפאנגען צו שפראצען דופטיגע בלומען פון דיכטונג, און טרוימען, ווי טשאטעס שיינע פייגעל, מיט א געהיימניספול צוויטשערן, — נעסטען צו בויען.

א ב ר א מ א ו ו י ט ש דערציילט נישט וועגען דעם דירעקט. פאר אים איז דאס א זאך, וואס ס'פארשטייט זיך פון זיך אליין. ער האלט, קענטיג, אז געוויסע פירושים זענען איבעריג. צו וואס דען האט ער אנגעדויבען דאס יוערק מיט דער קלאסישער שילדערונג פון פרילינג, דורכפייענדיג דאס „בחורעל מיט געגרייזעלטע האר, א הויכען שטערען און ברענענדיגע אויגען" דורך דעם זעלטענעם פייזאזש? דערמיט גופא איז דאך שוין אלץ געזאגט: אט איז זי — ד י ר י כ ט י ג ע א י י נ פ א ס ו נ ג פ א ר ד ע ם א י י ד ע ל ש ט י י ן.

ס'איז א סימן פון איבערגעלעבליכער באציונג, ווען מ'איז יוצא

מיט דער בלויזער פראַזע: „אַבראַמאָוויטש פילט און ליבט די נאַטור". — די ווירקונג, וואָס גאָטס וועלט האָט געהאַט אַף דער פסיכיק פון אונזער גרויסן דיכטער, איז געווען אַזוי אומגעהייער מעכטיג, טיף און דורכדרינגליך, אַזוי דערשיטערנדיג און פאַרקנעכטענדיג, ווי עס איז זיך גאָר שווער אויסצומאָלען. כאַראַקטעריזירענדיג דעם מחבר פון „פישקע דעם קרומען", צי אַלס מענטש, צי אַלס קינסטלער, מוז מען אַרויסגיין קודם-כל פון זיין אויסערגעוויינטליכען, כמעט מיסטישען, כמעט רעליגיעזישען צוזאַמענבונד מיט דער נאַטור. די טיפסטע וואָרצלען פון אַבראַמאָוויטשס שטאָקרייכער, פילקאַנטיגער, אָבגרינטליך-ווייזער פערזענליכקייט, דאַרף מען זוכען אין אָט דעם מערקווירדיגען צוזאַמענלעבען און צוזאַמענפילען מיט גאָטס וועלט און מיט דעם, וואָס האָט זי באַשאַפען און פירט זי אָן.

אַבראַמאָוויטש אַליין, איינקוקענדיג זיך אין זיין „איך", אַנאַליזירענדיג זיין אינערליך וועלטעל, נאָכשפירענדיג די געהיימע וועגען פון זיין גייסטיגער אַנטוויקלונג, — קען נישט אָבווענדען דעם געדאַנק זיינעם פון דער געוואַלטיגער, פון דער אַנטשיידענדיגער ראָלע, וואָס די נאַטור מיט אירע כשופען האָט געשפילט אין דער געשטאַלטונג פון זיין וועזען, אין דער דערוואַכונג און אין דער פאָרמירונג פון זיין באַוווסטזיין.

אין דער, אויבען איינינגע מאָל שוין דערמאָנטער און ציטירטער הקדמה — „אמר מענדעלי" — צו „שלמה ר' חיים'ס", געפינען מיר די פאָלגענדיגע זייער-זייער וויכטיגע שטעלע, אין וועלכער ר' שלום יעקב דערציילט, ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָנגעהויבע זיך צו דערקענען:

— „ס'איז פרילינגסצייט. פלוצלינג ווערט אַ כמאַרע און צווישען גערטנער אַף פריש-גרינעם גראָז לויפט זיך אַ יינגעלע באָרוויס אין איין העמדעל מיט אַ היטעלע אַפן קאָפ. לויפט געשווינט, אָפשטעלענדיג זיך צווייליען, די אייגעלעך וואַרפען זיך אין אַלע זייטען, און די אויערלעך הערען-צו אויפגעשטעלט ווי ביי אַ העזעלע. יענץ קינד — דאָס בין איך מיט מיין כבוד אַליין. ראָסמאָל עפענט זיך מיר צום ערשטען מאָל אויף די אויגען מיינע, און איך אַנטפלעק מיך צו מיר אַליין אינגאַנצען ווי זיך בין — איך אַנטפלעק מיך און בלייב פאַרגאַפט אַף

דעם בילד, וואָס שטייט פֿאַר מיר. איינער אַליין גייען איך מיך דאָ, קיין לעבעדיג באַשעפֿעניש אַרום נישטאָ. נור הימעל און ערד. אַ פלויט פֿון איין זייט, אַ פלויט פֿון דער אַנדערער זייט. אָט גיט אַ זעץ, אַ קלאַפּ אויוועץ אינדערהיין. דאָס קול קייקעלט זיך, אין ענדע וועלט צופֿאַלענדיג זיך אַף אַ סך שטאַרקע קולות דאָרט, און פֿייערדיגע שלאַנגען פֿליען מיט אַ צוק אין הימעל. — אָט דאָס קלאַפּען רעדער פֿון גאָטס רייטוואָגען, טראַכט איך בײַ מיר, גאָט פֿאָרט עס דאָרט אין הימעל, טראַסקעט מיט דער בייטש אַזש פֿונקען פֿליען. אַ זייל פֿון שטויב הייבט זיך אויף פֿון דרערד, עס יאָגט זיך, עס דרייט זיך ווי אַ דריידעל. נ'ר באַלד גיט אַ גאָס אַ רעגען, אַ ליבער וואַרעמער רעגען גאָר אַ דערקוויקעניש. גרויסע טראָפּענס פּויקען אַזש אַף גריןוואַרג אין די גערטנער: רעטעכלעך, ציבעלע, קנאָבעל, יונגעטשקע, ביגען איין די קעפּעלעך, ווי קינדער באַם מאַמען אין שויס, און צוואָגען זיך מיט פֿאַרגעניגען. אינדרויסען לויפֿען פֿון הונדערטער ערטער קליינע רינעלעך, נגימען זיך אַפּ'ן וועג צונויף, פֿליסענדיג ווייטער, ווייטער, זוזענדיג אין די אוירען. און אָט טוט זיך אַ ווייז די ראָד פֿון זיין רייטוואָגען, אַ ראָד אַ גרויסע דאָרט אין הימעל. נור אָבער אַ האַלבע זעט זיך אַרויס וווּנדערשיין געפֿאַרבט, אַ פֿאַרגעניגען צו קוקען, און עפּעס אַ ליכטיגע שיין אַנטקייגען. די זון גייט אַרויס דאָרט פֿון אונטער דער ראָד, ווי אַ חתן פֿון אונטער דער חופּה, גיט אַ קוק צו דער ערד, — שיינט זי, אַ ווונק צו די וואָלקענס — ווערען זיי רויט...

„דאָס איז דער אָנהייב פֿונ'ם דערקענען מיך אַליין, גאָט און די וועלט זיינע. מיט דונערן און בליצען איז מיר דאָס אַלצדינג אַנטפּלעקט געוואָרען צום ערשטען מאָל, און דאָס מענטשליכע פֿאַרשטאַנד האָט אין מיר אַ שיין געגעבען דורך דעם שטורעם. אָט דאָס וווּנדערליכע בילד האָט זיך מיר איינגעשניטען אין האַרצען, אייביג וועל איך, וויל איך עס נישט פֿאַרגעסען. די גאַנצע פֿאַנאָראַמע פֿאַר מיר, און דעם לשון פֿון דער נאַטור אַרום מיר האָב איך דאַמאָלסט פֿאַרשטאַנען און האָב עס געפֿילט מיט'ן האַרץ פֿון אַ אומשולדיג קינד. איך האָב

פֿאַרשטאַנעם דעם לשון פֿון די קרייטעכצער און געוויקסען פֿון גאָרטען, דאָס ליד, וואָס די רינעלעך וואַסער פּלאַפּלען, און וואָס פֿראָש קוואַקעט, ליגענדיג אין בלאָטע ביז'ן האַלז, אויסשטעלענדיג אַ פּאָר גרויסע אויגען — האָב איך גוט פֿאַרשטאַנען, איך האָב דאָך איר אָפּגעענטפֿערט קוואַקענדיג אויך אַף אַ קול ווי זי. און אַז איך בין געקומען אין הויף פֿון אונזער הויז, איז אַרויס דאָס קעלבעל פֿונ'ם שטאַל, אויסגלייכענדיג די ביינער, אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ און אויפֿהייבענדיג דעם עק, און געמעקעט, און ס'איז אויך אַרויס די הון מיט אירע קינדערלעך און געפּיקט אין מיסט פּישצענדיג, און דער האָן גייט-מיט פֿאַרויס קוממיות זייער האָפֿערדיג און מאַכט קוקעריקו. אויך די קאַץ זעה איך, ווי זי גייט אַראָפּ פֿונ'ם דאַך, קאַראַבקאַעט זיך אַהין וואַנט און מיאַוקעט. האָב איך געוווסט, וואָס זיי ווילען, און האָב איטליכען אָפּגעענטפֿערט אַף זיין לשון: געמעקעט, געמיאַוקעט, געפּישצעט הויך אַפ'ן קול". —[1]

אַלץ דער פֿרילינג, דער גרויסער כשופֿמאַכער! — אין פֿרילינג זיך צום ערשטען מאָל באַמערקט, גאָט און די וועלט זיינע דערשפּירט. — אין פֿרילינג — דעם ערשטען שאַפֿונגספֿיבער איבערגעלעבט, אַף די פֿליגעל פֿון דער פֿאַנטאַזיע הויך אויפֿגעשוועבט און ווייט, אַפ'ן האָריזאָנט, זיין שטערען אַנטדעקט. —

...דאָס ערשטע קאַפּיטעל אין „שלמה ר' חיים'ס" — דאָס איז די אמתע אידיליע, אין איר אורשפּרינגליכער גריכישער פֿאָרם. אַ שטיל, פּראָסט לעבען אַפ'ן שויס פֿון דער נאַטור — און אין דעם געמעל מיניאַטורען איינגעשפּרענקעלט, וואָס זייער אינהאַלט: צרות, פּיין, ליידען. —

אין דער רעם פֿון חנא מליניצער'ס ווילבאַשטאַנד אין דעם געבענטשטען ווינקעלע, „האַרט לעבען וואַלד", „אָפּגעריסען פֿון דער וועלט", — אַ נאָוועלישער עפּיזאָד: די דראַמע פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם ר' חיים'ס הויזגעזינט. — ווי פֿאַרבייגייענדיג. — און גלייך אָפּגעריסען, צוריקגעקערט צו די שטילע בילדער. — עס „פֿאַלט צו די נאַכט. שטילער, שטילער ווערט דאָס גערויש, דאָס געזוימעל אַרום און אַרום. איינס נאָך דאָס אַנדערע צינדען זיך אָן שטערענדלעך אין הימעל. וואַלד און

[1]) ז"ז XX — XXII. — ווו שפּאַצירט, איז עס פֿון מ״ר. —

פֿעלד שווײַגט. אַלצדינג דאָרט רוט. עס גלעט זיי, פֿאַרוויגט זיי דאָס
מילדע וואַרעמע וועסנעווינטעל. דער סאָלאָוויי זינגט זיי אַ שיין לידעל·
זשאַבעס קוואַקען, דערציילן זייערע אַלטע מעשיות — און גאָטס באַ·
שעפֿעניש שלאָפֿט. עס שלאָפֿט אונטער דעם שאָטן פֿון ביימער און טשערעט
אויף דער טײַך, איבערגעדעקט מיט טומאַן. שאַ, שטיל, נור וואָס אַמאָל
טוט זיך אַ וואָרף פֿון אונטן אַ פֿיש און דערלאַנגט אין אַ פּאַטש". —

און „מאָרגען גאַנץ פֿרי האָט פֿון מליניצאַ זיך געלאָזט אַ וואָגען,
וועלכן עס האָט געשלעפּט מיט איר כּבֿוד אַליין די אַלטע שקאַפּע". —
„א ו י ו ו ע ן  א י ן  וו אָ ג ע ן  אַ ף  פּ ע ק ל ע ך  ז אַ כ ע ן  מ י ט
אַ  ג ר ו י ס ע ן  ק י ש ע ן  ז י צ ט  ל א ה". — דידאָזיגע פּראַזע
איז דאָס איינציגע אָנצוהערעניש אין דעם בילד אַף די נעכטען-פֿאַרגע·
קומענע דראַמאַטישע סצענע. — מיט אמת העלענישן רויקייט פֿון אַ
וואָרען קינסטלער איז אַבראַמאָוויטש שוין צוריקגעקומען צום פּסיכישן
גלייכגעוויכט. זײַן אויג האָט זיך שוין אָפּגעווענט פֿון דער אומגליקלעכער
פֿרוי, — צוגעצויגען פֿון דער סבֿיבֿה, וועלכע זײַן מאָלעריש און מוז
אַרויפֿגענומען וואָרען אַפֿ'ן לײַוונט: „אײנער פֿון חנאס זין
זיצט אַף דער קעלניע, מיט אַ בײַטשעל אין דער האַנט,
גלאַט אַזוי זיך, פֿון יוצא וועגן, נישט צו באַליידיגן דערמיט, חלילה,
די זקנה, נעבעך, וואָס איז כּמעט צווייטמאָל עלטער פֿון אים און האָט
נאָך דעם זיידען זײַנעם, עליו-השלום, געפֿירט. זי גייט זיך איר וועג גע·
לאַסען, העצקענדיג זיך שיין, פֿײַן, ווי איר שטייט אָן. און צוצעק דער
הונד לאָזט, ווי אַ טרײַער געזעלען, זי נישט אָפּ: דאָ דרייט ער זיך איר
אַקעגען, פּלאָנטעט איר זיך צווישען די פֿיס; דאָ העצט ער זיך איר
אַפֿ'ן האַלז, אונטערשפּרינגענדיג און זאַנהאַווקענדיג איר פֿולע אוירען,
דערנאָך טוט ער זיך העצדוס-פֿעצדוס אַ יאָג, פֿאַרלויפֿט איר דעם וועג·
העט-ווײַט און שטעלט זיך וואַרטען אַף איר דאָרט, אַרויסשטעלענדיג
אַ צונג און מאַכענדיג מיט די זײַטען". —

די זיבען דרוקזײַטלעך פֿון ערשטען קאַפּיטעל זענען אַן'אויסגע·
צייכענטע אילוסטראַציע פֿון אַבראַמאָוויטשס מאַנערע צו שרײַבען אין
„שלמה ר' חיים'ס". — גלייכצײַטיג איז דאָס דער גלענצענדיגסטער מוס·
טער פֿון זײַן באַרימטער פּראָזע און טאָר נישט פֿעלען אין קיין שום
אָנשטענדיגער יידישער ליטעראַרישער כרעסטאָמאַטיע אָדער אַנטאָלאָגיע.

צווישן דעם רינג הייזער אַפ׳ן מאַרק, דער שענצטער פּלאַץ אין דעם שטעטעל ק..., שטייט אַ הילצערנע שטוב מיט אַ גאַניקעל, כמעט איין פּאַסאָן, איין געשטאַלט מיט די אַלע אַנדערע הייזער דאָרט, נישט מער, וואָס זי איז אָפּגעטינקעוועט, ווייס אָפּגעשמירט פאָרנט אַף דער גאַס אַרויס. דאָס קליינשטעטעלדיגע, אַלטפּעטערישע לעבען איבערהויפּט און דאָס געביי פון די הייזער איז, קען מען זאָגען, ווי דאָס לעבען און דאָס בויען נעסטען בא פייגעל, פּראָסט, איין שטייגער, איין שניט פאַר אַלע גלייך. עס וועט גענוג זיין, פון אַ זכר וועגען, אָפּצומאָלען איין הויז פונ׳ם רינג הייזער אין שטעטעל ק... למען ידעו דורותיכם״...

אַזוי הייבט זיך אָן דאָס צווייטע קאַפּיטעל, אין וועלכען עס איז דייטליך אָנגעוויזען זיין קולטורגעשיכטליכע כוונה, — און נאָך די שורות קומט אַ פּראַכטפולע שילדערונג פון דעם אַמאָליגען יידישען באַוווינעכץ, מיט זיין „סטיל״, חדרים, אַלקערלעך, קאַמערן, מיט זיין אויוען, רובע, פּריפּיטשעק, קוימענדעל, מיט זיינע בענק, מיט זיין ווינקעלשאַפעלע, וואָס האָט געגלייזטע טירלעך, „פון וועלכע עס קוקען אַרויס אַ בעכער מיט קידושגלעזלעך, אַ הדס׳ל פון דראָטאַרבעט, אַ חנוכהלעמפּעל, אַ פושקעלע פאַר דעם אתרוג סוכות, אַ מיירקעפּעל אַף חידושים, אַ טאַץ מיט שעלכלעך אַף איינגעמאַכטס, טעמבעקאָווע און וואַרשעווער-זילבערנע לעפעל״... — „לאָזען קינדס-קינדער וויסען, אין וועלכע הייזער די זיידעס זענען געזעסען און האָבען אָפּגעלעבט זייערע יאָרען אינאיינעם מיט קינדער, קליינע און גרויסע, און פאָרפאָלקען אַף קעסט!״ —

און אַזוי איז געווען זייער צייטפאַרברענג:

— „ס׳איז ווינטער, שבתצונאַכטס, נאָך הבדלה. אַפ׳ן „לוטשניק״ אונטער׳ן קוימענדעל, ברענט נאַטירליך אַ פייערל, וואָס פון צייט צו צייט ווערט עס אונטערגעהאַלטען מיט דינע טרוקענע שפּענדלעך. דעם פייערל אַקעגען, בא אַ טיש, צוגערוקט צו דער וואַנט־עמער רובע, זיצט דאָס הויזגעזינט. אַ שכנה פון דער צווייטער שטוב, פול מיט נייעס ווי אַ פויק, איז אויך דאָ. מ׳וואַרפט זיך איבער מיט אַ וואָרט און מ׳פליקט פעדערען. דערביי טאַקע לייענט איינס פון די קינדער פאַר די מעשה פון יוסף הצדיק מיט די ברידער, אַף עברי-טייטש. מ׳האָט הנאה, מ׳וואונדערט זיך אַף דער גבורה פון-יהודה — פון זיינעם אַ געשריי ווערט שיר ניט

אַ תּל פון גאַנץ מצרים; די קאַץ זיצט צושאַרענדיק זיך צום אויוען, לעקט אַ קאַפּקעלע, מאַכט מיט די אויערעלעך און האָט, ווי עס זעט אויס, איך הנאה. אין אויוען הייצט זיך, עס קאָכט זיך וועטשערע, נאָר קודם־כּל זיט דאָרט אַ טעפּעל קאַרטאָפּלעס, אַף איבערצוכאַפּען דערווייל. ר׳ חיים גייט הין און צוריק איבער דער שטוב, נאָך אין דער שבתדיגער קאַפּאָטע און זינגט זיך „אליהו־הנביא“ מיט גרויס געפיל. און ווי ער לאָזט אויס דעם סוף „במהרה יבוא אלינו“, גיך און באַלד קומט ער צו אונז, עפנט זיך די טיר און לייטישע מענטשען פונ׳ם שטעטעל קומען אַריין — אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָר!“ —

דאָס איז די התחלה פון דריטען קאַפּיטעל, אין וועלכען עס ווערט פאָרגעשטעלט, — ווי דער פּראָפעסאָר אַליין רופט עס אָן — אַ „סצענע“ אין שלהמהלכס טאַטענס שטוב. — אַ שבת־צונאַכטיגער שמועס פון די ק...־ער בעלי־בתים, באַ אַ זלעזעל „שפּעציעס“ — „וואָס אַ כּפּרה פאַר זייער טיי“, מיט שטיקלעך קאַנדעל־צוקער, וואָס אַ כּפּרה דערפאַר היינטיגער צוקער“... מ׳באַקלערט די שפּאָגעלנייע „גזרה פון די קליידער: יידען זאָלען זיך אָנטון דייטש: אַ קאַרטוז מיט אַ דאַשיק“... — וואָס קען זיין ד׳ר „שפּיץ“ פון דעם אויפּטו? — פיינע יידען מיט בערד שאַרפען זיך די מוחות, זאָגען אַרויס השערות און סברות, דערציילען גאַנצע מעשיות, נאַטירליך, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען. — אַ בראַמאָ־וויטש גיט דאָס אַלץ איבער מיט זיין געוויינטליך „מילד־שטעכענדיק שמייכעלע“[1] אַף די ליפּען. וויפל בטלנות — אין דער „סמעטענע“ פון שטאָט! — גרויסע קינדער! — וואָסער אומבאַקאַנטשאַפט מיט דער אויסערליכער וועלט! וויפל נאַיווקייט אין די באַגריפען און אין דער פאַנטאַזיע! — נאָר דאָסמאָל איז דאָס באַרימטע שמייכעלע ווייניגער שטעכעדיג און מער מילד, ווי תּמיד. כ׳לויט זיך דערקענען: דעם אויטאָר איז דאָך אָנגענעם, געמיטליך אין דער פאַרע פון די געקאָכטע קרייטעכצער, אין דעם רויך פון די פאַרצלייענע לולקעלעך מיט זילבערנע דעקלעך און לאַנגע געפלאָכטענע ציביקעס. — פאָרט דעם טאַטענס, דעם שיינעם, גוטען, ליכטיגען טאַטענס שטוב! — און פאָרט — פאָרגאַנגענהייט — וואָס אַף אייביג פאַרשוואונדען און וועט שוין קיינמאָל נישט

[1]) אַלע ווערק I ז׳ [illegible] —

צוריקגעצויגן! — און נאָך: אַ אינטערעסאַנט ווינקעלע פון דער פּאָלקסנשמה. אָפט זונטערע אויגען ווערט אַ לעגענדע געבוירען. דער גרויסער קינסטלער קוקט זיך מיט נייגיר צו און לאָזט אונז איך צווען: אָט אַזוי ווערט פון אַ היסטאָרישע געשעעניש, ווען די פאָלקסמאַסע הייבט פון אים אָן געוואָר צו ווערען, — פאָלקלאָר; אָט אַזוי ווערט אַ אויסעראָרדענטליכער פאַקט פון ווירקליכען לעבען, ווען פאַר די זונטערשטע שיכטען זענען נישט קלאָר זיינע מאָטיוען, מיט בבא-מעשיות באַוואַקסען. דער ניט אַנטוויקעלטער מענטש האָט זיך זיין פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע, — זי געפינט איר אויסדרוק אין דער פאָלקסשאַפונג, וואָס האָט אַ באַזונדער מין רייץ אין איר אויסטערלישקייט, אין דער אומגעריכטקייט, קוריעזישקייט און פאַנטאַסטישקייט פון אירע איינפאַלען און המצאות. —

און נאָך אַ מענגע בילדער פון דער אַלטפעטערישער ידישער לעבענסאַרט גיט אונז „שלמה ר׳ חיימ׳ס״. — וויפעל אַבראַמאָוויטש האָט זי ניט געמאָלט אין די פריעריגע ווערק זיינע, — דאָס איז אַ מאַטעריאַל, וואָס לאָזט זיך ניט אַזוי גיך אויסשעפּען.

אַלץ אויסצושרייבען איז אוממעגליך, — אַלס מוסטער בלויז איין בילד:

— „איינמאָל, אין אַ שטאַרק קאַלטער ווינטערנאַכט, אַז שלמה׳לה איז באַהאַרצט, ווי געוויינטליך, אַריינגעלאָפען אין שטוב, האָט מען אים באַלד אָפגעשטעלט מיט אַ בייז-זומעטיגער מינע, און דער „גוט׳ן אָוועגט!״ איז אים געבליבען שטיין ווי אַ ביין אין האַלז. ער וויל אַרויס מיט עפעס אַ וואָרט, נור מ׳ווייזט אים ווינקענדיג מיט אַ פינגער אַפ׳ן מויל — שאַ! ער זעט, ס׳איז עפעס נישט גלאַט. אין שטוב איז טונקעל, די מאַמע איז נישטאָ, פון די מאַנסבילען אויך קיינער נישטאָ. די קינדער זיצען צושטערט, איטליכער פאַר זיך אין אַ ווינקעלע. וואָס זאָל ער נעבעך טאָן? ער גייט, פון קיינעם נישט באַמערקט, אַף די שפּיץ-פינגער און קלעטערט אַרויף שטיל ווי אַ קעצעלע אַפ׳ן אויווען, כאָטש צו דערוואַרעמען אַביסעלע די נשמה פאַר קעלט. פונ׳ם אַלקערעל אַף יענער זייט אויווען — אַ חדרעל פאַר אַ פאַרפאָלק, פאַר דעם עלטערען ברודער מיט דעם ווייב — טוט

אים עפּעס שטאַרק אַ שײַן. ער ציט ליגענדיג זיך אויס דעם קאָפּ אַהין, גיט בגנבה אַ בליק און גלײַבט פאַרגאַסט, נישט קענען אַ ר ר זיך צו טאָן מיט אַנ׳אבר. דאָס װײַבערשע בעט דאָרט איז פאַרהאַנגען, זעט ער. מיט אַ פאָרהאַנג, אָנגעזעצט פון אויװען ביז אַראָפּ מיט ברילעך שפּילקעס, װאָס פונקלען אַקעגן דער שײַן פון אַ װאָגיש ליכט (אַ גראָב-חלבדיג ליכט מיט אַ באַװלענעם קנײַטעל); די באַנק, װאָס לעבן דער רופּע דאָרט, איז אָפּגערוקט און אַף איר אָרט איז אויסגעגראָבן אין דער ערד אַ גריבעל. אײַנער עפּעס פון אַ װילד אויסזען האַלט אַ שװאַרצען האָן, רײַכערט קרײַטיכער אַזוינע און משוגענע העװיות. טוט אַ זעץ דעם האָן אין קעפּעל און לאָזט אַרויס אַף משונה קולות עפּעס ניט קײַן מענטשליכע װערטער: „איה-פיה סטיטיה, אגרפּטי, מרום, שמריאל״; ער דרײַט מיט די אויגען, בלאָזט, שעפּטשעט: „מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ״, אַ טופּ געבענדיג מיט די פיס, אַ מאַך מיט די הענט, װי ער ראַנגעלט זיך מיט עמיצען, און באַ איטליכס „מצפּץ״ דערלאַנגט ער אַ דרײַ, אַ זעץ דעם האָן אין קעפּעל אַזוי. אַז ער פאַרגײַט זיך נעבעך כאָרכלענדיג. פון אונטער דעם פאָרהאַנג הערט זיך אויך אַ שרײַען, אַ קרעכצען, װאָס רײַסט אויס אַ שטיק האַרץ. דער װילדער פאַרשוין צושאָקלט זיך שטאַרק בייז, ציט אײַן דעם אָטעם אין זיך, קװעטשט זיך און לאָזט אַרויס װי פונ׳ם בויך עפּעס משונהדיגע װערטער: „תלמכא חישא ובסוסביק פסלמניא״, כאַפּט דעם האָן באַם גאָרגעל, דרײַט מיט אים װי צו כפּרות, טוט אים אַ װאָרף אין גריבעל... פאַרשיט אים — דאָס בענקעל שטײַט טאַקע װידער אַף זײַן אָרט... פון אונטערן פאָרהאַנג גײַט אַרויס אַ ביטער געשרײַ, צוגלײַך טאַקע אַ קװיטשעלע, אַ געװיין — מזל טוב! זאָגט עפּעס אַ ייִדענע און די מאַמע, צונעמענדיג אַביסעל דעם פאָרהאַנג און אַרויסשטעקענדיג די קעפּ, — אַ ייִנגעל, הלואי, אַף לאַנגע יאָר!״[1] —

װי פריש אָפּגעמאָלט די סביבה, װאָסער זכרון אַף די פּרטים פון אַ מינוט, װאָס איז אָפּגעטײַלט פון אונז מיט 70 — 75 יאָר! —

---

1) ז' 144. —

און ווײַט ר. דאָס געניאַלישע אויג פֿאַרמאָגט דעם סוד אײַן דערשײַנונג צו זען אין די פֿאַרשידענסטע געשטאַלטען אירע, אין אַלע וואַריאַנטען, וועלכע מ׳געפֿינט אין דער ווירקליכקייט. וואָס דערלײַדט, אין דער אמת׳ן, נישט קיין סטיראָטיפּען און צייכענט אויס איטליכען עקזעמפּלאַר פֿון אַ טיפּ מיט באַזונדערע, נור פֿאַר אים אַליין כאַראַקטעריסטישע ניואַנסען. — אין דעם איינמאָל אָדער פֿילמאָל שוין געשילדערטען ווייסט דער מחבר פֿון „ווינטשפֿינגערל" אָפּצוזוכען נײַע זײַטען, נײַע שטריכען, באַזיצענדיג פֿאַר דעם אויך נײַע ווערטער, — און מיט געוואַלטיגען אינטערעס לייענט זיך דעריבער אפילו דאָס שוין באַקאַנטע. פֿאָרזיכטיג, חלילה אַ וואָרט נישט איבערצוהיפּערן, שלינגסטו אַ שורה נאָך אַ שורה, מיט עונג, מיט פֿרייד, ווי די טראָפּענס פֿון אַ טײַער, שמעקעדיג און געשמאַק געטראַנק עפּעס. —

אַ גאַנצע קאָלעקציע אײַנגעראַמטע, זייער טרעפֿליך געפּאַסטע און מאָדעלירטע פֿיגורען ברענגט אַרײַן „שלמה ר׳ חיים׳ס" אין די רײַכע גאַלעריי טיפּען, אינדיווידועלישע פּאָרטרעטען, וועלכע אַבראַמאָוויטש האָט קינציג אײַנקרוסטירט אין די ברייטע געמעלדע פֿון דער יידישער לעבענסאַרט, וואָס פֿילען אָן זיינע אומשטערבליכע ווערק.

אַן׳עפּיזאָדיש פּנים: דער רירעווודיגער, צאַפּלענדיגער ר׳ יאָסעל, דער אומגעדולדיגער, היציגער יודע־הכל, מיט זיין אַרײַנפֿאַלען איטליכען אין די רייד און מיט זיינע משונה־ווילדע גוזמאות.

לעבען אים קען אָוועקגעשטעלט ווערען די „מייסטערין שרעקליכע נעשיות צו דערציילען", — יאַכנע־סאָסיע, „אָדער לײַבציכע, ווי זי האָט געהייסען". — „גאָט האָט זי באַשאַפֿען אַף דער וועלט", — זאָגט דער מחבר, — „מיט דער איינציגער כוונה אַליין, כדי אויסצודריקען מיט איר גאַנץ שאַרף, אין העכסטען גראַד, אַ טייל פֿון יענע חפצות, וואָס געפֿינען זיך בײַ ווײַבער איבערהויפּט צו ביסלעכווייז נור"; זי „האָט פֿאַרגעשטעלט מיט איר מײַלכען די ווײַבערשע תאווה — צו רעדען און צו באַרעדען, נישט אויסצולאָזען קיינעם און קיין זאַך אין דער וועלט"; — „אַוועקגענומען בײַ איר דידאָזיגע איינציגע מעלה, וואָלט זי געמעגט גאָרנישט געבוירען ווערען". — ווי נעמט מען זי, אָבער, אָט די יאַכנע־סאָסיע, אין אַרבעטצימער פֿון אַ יידישען פֿאָלקלאָריסט! — „אין די לאַנגע ווינטערנעכט פֿלעגט זי אָפֿט קו־

געזעסן אַ שעה מיט עפּעס אַן אַרבעט, מייניסטענס מיט אַ זאַק אין דער האַנט און האַלטען זיך עגבות, ווי ס'איז שוין צייט אָנצוהייבען די פּיאַטע, אַדער אַף וויפּעל אַזיגלען אָפּצולאָזען דעם זאַק. דערביי האָט זיך איר נישט צוגעמאַכט דאָס מויל. געררעט, באַרעט, דערציילט משונה־וואונדערליכע מעשיות, וואָס זענען זיך פאַרלאָפען אין דער וועלט, אויך מיט איר אַליין און מיט איר זייזען עליו־השלום, שווערנדיג זיך מיט כל השבועות, אַז אַלצדינג, וואָס זי זעט ציילט, איז אמת. פון איין מעשה איז זי איבערגעגאַנגען אין דער אַנדערער, און אַמאָל האָט זי אויסגעמישט צוויי מעשיות אינאיינעם. נון וואָס מען זאָל נישט געוויען רעדען, איז זיך עס נישט אויסגעגאַנגען אָהן ליבציכעס אַ מעשה". —

אַ אינטערעסאַנטע דערשיינונג פאַר דער יידישער עטנאָלאָגיע איז ר' אליי' בעל־שם, „אַ ייד מיט אַ ווילדער גרויער באָרד, איין אויג אַ בלינדס, דאָס אויסזען זיינס שטאַרק־שטאַרק משונה, און געקוקט האָט ער ביז פון אונטער די לאַנגע ברעמען, האַלטענדיג אַביסעל איינגעבויגן דעם קאָפּ"... —

אַ פאַרטרעטער פון אַ נייעם, ביז „שלמה ר' חיימ'ס" נאָך נישט באַריהרטען סאָרט קומט־צו צו דער אומענדליכער מחנה אַבראַמאָוויטשס קבצנים אין דער פּערזאָן פון דעם קלאַסישען ר' נחום אויס רויזעוו. — „אויסגעגעבען די יונגסטע טאָכטער זיינע און געבליבען אַף דער עלטער אַן אַלמן, האָט ער זיך פאַרנומען פאָרען בלי נדר שוואַרבען אין ארץ־ישראל". נור אַזוי ווי ביז דעם שטאַרבען באַדאַרף דאָך אַ מענטש האָבען צום לעבען, און אַ ייד — דערצו נאָך חתונה האָבען אויך, הייסט דאָך עס, מ'באַדאַרף האָבען געלט. וואָס־זשע טוט מען? „בכן האָט רבי נחום געטון דאָס, וואָס אַנדערע יידען אין אַזאַ פאַל טוען — ער איז עטליכע יאָר אַרומגעפאָרען צווישען יידישע קינדער, פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, זיך צו געזעגענען, ד. ה. נעמען שיינע נדבות און מאַכען באַשטעלונגען, אויב עס לאָזט זיך נור, אַף ווייטער אויך, אם ירצה־השם". —

זייער אַ כאַראַקטעריסטיש פּאָרעל זענען די צוויי חקרנים פון שטעטעל — לייזקע און אייזיק.

„לייזקע איז אַ געוועזענער אַרענדאַר, אַ ישובניק, וואָס אַף דער עלטער האָט ער זיך באַזעצט אין דעם שטעטעל, כדי צו געפינען זיך צווישען יידען, הערען אַ „ברכו", אַ „קדושה" און לעבען, ווי גאָט

האָט געגעבאָטען... לייזקע קען בעל־הבתיש לערנען, קוקט־אַריין אין אַלע יידישע חקירה־ספרים... לייזקע פאַררוקט זיך אַלץ אַף אַנדערע חקרנים, אַף אַריסטו, אַף דעם „ספר הברית” וכדומה נאָך אַזעלכע, און ער אַליין איז נישט אַזאַ בעל־מוח”...

אייזיק, ווידער, איז אַ שייד, לערנען קען ער „דוקא גאָרנישט” און „שטעלט נור אַף זיין שכל, ווייסט נישט פון קיין אַרטיסטיק און גייט אין חקירה אַף זיין אייגענעם דרך”.

צווישען די ביידע חקרנים „איז תמיד אַ שפּאַרעניש”. — אַלס ביישפּיל ברענגט אַבראַמאָוויטש זייער ויכּוח „איבער באַנקעס: פאַרוואָס שטייט אַ באַנקע צו פעסט צום לייב און פאַלט נישט אַראָפּ”? — דאָס איז איינע פון אונזער גרויסען קינסטלערס אייגענאַרטיגסטע הומאָרעסקעס. —

אַ באַזונדער אָרט אין דער סעריע פון אַבראַמאָוויטשס טיפּען פאַרנעמען ליפּע ראובנס און הערצעל קיילעס, — קינסטלערישע טאַלענטען, וואָס האָבען דאָס אומגליק געהאַט געבוירען צו ווערען אין דער אַלטער יידישער גאַס, וווּ ס'זענען נישט געווען די נייטיגע אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע זאָלען זיי געבען די מעגליכקייט צו ווערען דאָס, צו וואָס גאָטס גרויס גאָב האָט זיי באַרעכטיגט. —

וויפיל אַזעלכע אומגליקליכע האָט געקענט די אַלטע יידישע גאַס! אַבראַמאָוויטש כאַראַקטעריזירט זיי אַלע אין די פאָלגענדיגע, נעלונגענע און וואַרעמע ווערטער:

— ...„באַם אַרויסגיין פון גאָטס הענט אַהער, אַף דער וועלט, האָט זיי דער רוח, ווי אַ קערנדעל תבואה פאַרטראָגען ערגעץ אין אַנ'עק, אין אַ וויסט אָרט, וווּ עס איז נישטאָ די אַלע מיטלען, ווי געהעריג איז צום וואַקסען. דער גייסט אין זיי רייסט זיך, וכט זיך ערגעץ אַנ'אָרט, וווּ צו ווייזען זיך פריי, צופירען אַביסעל די הענט — באַ אַ טייל, אָבער, ווערט ער, נאָך אַלע אומזיסטע מי, נאָך דעם אויסגליטשען זיך אַף שטיינער אין דעם וועג, אַלץ שוואַכער, און זיי ווערען אינגאַנצען אָפּהענדיג. זיי ליגען, פוילען, נעמען זיך אַמאָל איך פאַר קרענקונג צו דער משקה, טויגען צו גאָרנישט און הייסען באַ דער וועלט: טויגעניכטסען, פאַרלוירענע מענטשען. ווידער באַ אַ טייל הערט דער גייסט טאַקע נישט אויף צו רייסען זיך אַרויס, אַרויס, עפּעס קאָכט עס, בורטשעט עס אין זיי, ס'איז אַ שטענדיג קאָכעניש, אַ ראַנגלען זיך, אַ אינווייניגסטע נישטצופרידענקייט. פאַר עסעניש גייען זיי פוג'ם

ליב אַראָפּ, זענען עפּעס פּאַראומערט, פּאַרטראַכט, דער גײַסט לאָזט זיי נישט רוען, זיי כאַפּען זיך צו אַלצדינג. דאָ צו דער, דאָ צו יענער זאַך, נור איטליכע זאַך קומט אויס ענגע מ[illegible]ה, עפּעס ווילד, ווי די נאַטור אַליין, וואָס איז נאָך רוי, נישט באַאַרבעט"...

ליפּע ראובנס „איז געווען אַ דאַרער, אַ קורצזיכטיגער מיט אַ בלייך פּנים, אַ שטילער, אַ גוטער און זייער באַליבט בײַ איטליכען אין דעם שטעטל. זײַן כאַראַקטער, זײַן וווינונג, זײַן שטייגער לעבען, זײַן טאָן און אַלץ מיטאַנאַנדער האָט באַשיימפּערליך געוויזען אַז אין אים איז דאָ דאָס פּינטעלע, דער ברען פון אַ קינסטלער. ער האָט געהאַט אַ האַנט צו שניצען, צו מאָלען, צו שרײַבען און צו קריצען אַף קופּער און אַף שטיינער, נישט צו מאַכען זיך דערפון אַ פּרנסה, נור גלאַט אַזוי, ווײַל דאַס איז געווען זײַן בעסטער פאַרגעניגען; ווײַל עס האָט אים דערצו עפּעס געטריבען, און ער האָט באַדאַרפט, געמוזט מײַסטערן. בײַ דעם שטעטעלדיגען עולם יידען האָט ער געהייסען אַ בריה צו אַלצדינג, אַ קענער, עפּעס גאָר אַ שרעק — און זיי האָבען בײַ איטליכער געלעגענהייט זיך מיט זײַן בריהשקייט באַנוצט. מ'האָט אים מכבד געווען מיט שניצען דעם אָרון-קודש, מאָלען אַ „מזרח", שלאָגען מצבות, קריצען חתימות. מיידלעך. כּלות, פלעגען אים מטריח זײַן, מיט זײַן גוטען ווילען צו מאַכען פאַר זיי כּמו טערן, זיף קייטעלטיכלעך, אַף העפטען, אויסנייען פאַר זייערע חתנים תפילין-זעקלעך. —

הערצעל קײַלעס איז „אַשפּירט", באַם רעדען בײַט זיך אים די שטימע, און ער גיט פון זיך אַרויס משונהדיגע קולות, אַמאָל אויך מיט אַ קוויטש. דער שמועס זײַנער איז געהאַקט, געבראָכען, לאָזט זיך אויס, פאַר גרויס אײַלעניש, מיט אַ ווונק, אַ מאַך מיט דער האַנט. נור עפּעס נישט אַזוי ווי ער וויל, קאָכט ער, זיט און צאַפּעלט מיט אַלע גלידער. אײַנגאַנצען טאַקע אַ פּאָעט מיט די ביינער, אַזוי משוגע, אַזוי קאַפּריזנע, אַזוי אויפגעבראַכט ווי אַ פּאָעט — און כאמת האָט אין אים עפּעס אַזוינס געגוטשעט — עס האָט אין אים געשטעקט אַ גײַסט פון אַ קינסטלער. דער דאָזיגער גײַסט זײַנער האָט אינווייניג אין אים ווי דער סמבטיון נישט גערוט זיך געריסען מיט אַלע קרעפּטען אַרויס, זיך אַרויסווײַזען אין אַלערליי האַנטאַרבעט. די סטאָלערײַ איז בײַ אים געווען נישט אַזוי וועגען דער פּרנסה, ווי צוליב דעם פאַר-

געניגען, וואס ער האט דערינען געזעהן — צו מאכען א כלי. ער האט גענומען צוזאמענזעצען אזעלכע שטיקעל ארבעט מער וויפיעל מ׳באדארף. פארציערען עס מיט צאצקעס, שניצערייען, כאטש יענער דאס גאר אזוי פיל נישט פארלאנגט. נור צוליב דעם אליין, עס זאל זיין שיין״. —

הערצעל קיילעס איז געוועזען דער איינציגער ייד אין שטעטעל — ניט רעכענענדיג, נאטירליך, דעם כלי-זמר פייטעל, — וואס האט געשפילט פידעל. — ער איז אויך אן אויסנאם אין ק... דערמיט, וואס ער האט ״ליב געהאט אפגעבען זיך מיט זייען און פלאנצען בא זיך אין גארטען״. בכלל איז זיין ״שטילער לעבען איבערהויפט נישט געוועזען לייטען גלייך, ווי בא אנדערע יידען״: 1) הערצעל האט נישט געהאט קיין שענקעל אין שטוב; 2) הערצעל האט פארמאגט, אויסער קי, נאך א פאר אקסען און א פערד אף צו אקערן זיינע פעלדער, און זאגאר א הונט, דעם איינציגען יידישען הונט אין שטעטעל; און, ענדליך, 3) הערצעל האט זאגאר דערוועגט זיך צו גיין אין שול אריין זייער זעלטען. — קורץ, דאס איז געוועזען א מענטש מיט אן אייגען פנים און מיט א פעסטען שטעל, א פרייער זעלבסטשטענדיגער גייסט, — א יחיד, וועלכען עס איז אוממעגליך אויסצומישען מיט׳ן כלל.

...מיט א וואונדערבארען אמת זענען די אלע פיגורען אויסגעקנאטען. פראסט, נאטירליך פליסט אבראמאוויטשס דערציילונג, — אין די פארשוינען זיינע וואקסען אויס פאר אונזערע אויגען ביז אילוזיע לעבעדיג, — אייטליכער מיט זיין געזיכט, מיט זיין שטאלט, מיט זיינע מאנערען, מיט זיינע מינעס, — מיט זיין שפראך, — מיט זיין נשמה. — מיר זעען דעם מענטשען ווי דורך א כשוף-גלאז: די אקס פון זיין נאטור, די הויפטשטריכען פון זיין ״איך״ און אלע כאראקטעריסטישע בייששטריכלעך, וואס צייכענען אויס איין עקזעמפלאר פון די טויזענטער ענליכע. —

דעם הויפטהעלד פון ווערק, ״שלמה׳לען״ — שלום-יעקב׳ן, הייסט עס — זעען מיר צום ערשטען מאל אלס ״א יינגעלע פון א יאר זיבען״, וואס ״האט פון דער קינדהייט אן זיך געוויזען פאר א ווילדס, א לעבעדיגס, מיט א שארף קעפעל צום לערנען״.

״אין איין יאר האט ער זיך אויסגעלערענט בא משה שלייען גוט עברי, געלייענט גיך ווי א וואסער און אנגעהויבען חומש, ווי דער

שטייגער איז, פון „ויקרא“, וואָס אַנדערע קינדער באַדאַרפֿן דערוין אַוועקזיצן אין חדר אַ צוויי דריי יאָר“.

באַם גאַנצן הויזגעזינט ר׳ חיים׳ס, ווי אויך באַ פרעמדע אַרייַנגייערס צו אים אין שטוב, איז שלמהלע געווען באַליבט פאַר זייַן לעבעדיקייט, פאַר זייַן פאַלן אַמאָל אַף קלאָץ־קשיות, און נאָך מער – פאַר זייַנע אָנשטעלען“.

„ס׳איז אין אים געלעגן בטבע עפּעס אַזוינס, אויפצוכאַפּן באַלד באַם ערשטן בליק יענעמס אַ מינע, אַ וואָרט, וואָס עפּעס נישט אַזוי, משונה ווי באַ אַנדערע. ער פלעגט ווונדערשיין נאָכמאַכן אַבי וועמען מיט אַלע פּאָסטעמפּעקעס — ווי יענער רעט, ווי יענער שטייט און גייט, אַזוי אַז מען פלעגט זיך האַלטן באַ די זייַטן פאַר געלעכטער, זעענדיג און הערענדיג אים“. —

אַבראַמאָוויטש מיט אַלע בישטשעווקעס — אין מיניאַטור. — די לעבעדיקייט האָט ער דורכגעטראָגן דורך דאָס גאַנצע לעבן, און זי איז עס די וווּנדערבאַרע קראַפט, וואָס באַזיגט אַפילו די לאַסט פון די יאָרן און מאַכט די פּנים פון דעם אַכציגיעריגן פריש און לויטער, ווי דאָס וואַסער פון אַ פעלקוואַל. — אַ ווילפערנער און אַ ליבהאָבער פון „קלאָץ־קשיות“ איז ער פאַרבליבן ביז אַף הייַנטיגן טאָג. און זענען דען נישט אַלע ווערק מענדעלי־מוכר־ספרים׳ס איין פאַסט מערקווירדיג שאַרפזיניקייט און חריפות, און איין ריזיגע „קלאָץ־קשיא“ דעם פאָלק ישראל און זייַן אויסטערלישער צוויי־טויזנטיעריגער געשיכטע? — און שוין צו זיבן יאָר האָט דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור פאַרמאָגט דאָס שאַרפע אויג פאַר אַלץ, וואָס נישט אַזוי, ווי באַ אַנדערע, און די גאָב „נאָכצומאַכן אַבי וועמען“, באַשאַפן לעבעדיגע פיגורען. יעדער קינסטלער פון דעם מין, וואָס אַבראַמאָוויטש, דאַרף האָבן אין זיך אַ געוויסע אַקטאָרישע באַגאַבונג. ר׳ שלום־יעקב זאָל נישט געווען ווערן אַ שריפטשטעלער, וואָלט פון אים געוויס, מעג מען זאָגן, געוואָרן אַ דראַמאַטישער אַרטיסט, פיליַיכט אַף דאָס אַמפּלואַ פון „כאַראַקטעררלען“.

„באַזונדערס ליב האָט ער געהאַט נאָכצומאַכן גיטעל די אָגערין, ווי זי קושט די מזוזה באַם אַרייַנקומען אין שטוב, אָנגעטאָן אין דער יופּע אַף איין אַרבעל; ווי זי פאַרציט די ליפּעלעך, זאָגט: „אַ גוטן העלף!“ מיט חן; ווי זי גיט אַ בייג דעם רוקן ווי אַ קעצעלע, אַזוי־

אַז אײַן אַקסעל קומט אויס נידריג, דער אַנדערער העכער, דאָס קעפּעל אין דער זײַט, אונטערגעהאַלטען מיט דער האַנט, און אַ פינגער אַף דער באַק; ווי זי קנײטשט דאָס פּנימעל, אַ סמאָרע מיט דעם נעזעל, פאַר-גלאָצט די אייגעלעך און רעט מיט תחינה-לשון, אַלץ: „געלויבט און געאַכפּערט דער אַלמעכטיגער, ברוך הוא וברוך שמו, וואָס באַשירעמט זײַן פאָלק ישראל!" — אַרײַנוואַרפענדיג אינדערמיט שטיקלעך פון'ם „נחלת צבי" און „רבינו בחיי". —

שטעקט שוין נישט אין דערדאָזיגער אַרט קאָפּירען — פון דעם זיבעניאָריג קינד, די גאַנצע סכעמע פון אַבראַמאָוויטש'עס שפּעטערדיגער קינסטלערישער מאַנערע, מיט אַלע כלי-שטערלעך אירע, — דאָס אויסכאַפּען די קאָמישע זײַטען פון אָביעקט; דאָס אַרויסגעבען דעם כאַראַקטער פון פאַרשוין אין באַזונדערס גרויס-שטאַרצענדיגע אייגענטימליכקייטען פון זײַן אויסזע, העויות און גענג; אַפילו דאָס נאָכרעדען מיט תחינה-לשון. —

זייער אַ גרויסע באַטײַטונג פאַר דער ליניע פון שלום-יעקב'ס גײַסטיגער אַנטוויקלונג האָט געהאַט, מוז מען אָנווײַזען, דער אומשטאַנד, וואָס ער שטאַמט פון אַ פײַנער גזע.

דער פאָטער זײַנער — ר' חיים אין דעם בוך — קען גערופען ווערען צו אַ צאַרטער בלום; ס'איז געווען, פיזיש און גײַסטיג, — אַ מיוחס.

דער „פּאָרנעס" אין שטאָט. — און וויסען דאַרף מען, אַז „צו זײַן אַ שיינער יוסטער בעל-הבית אין ק..., גענוג געווען צו האָבען אַ שטוב, אַ קו און עפּעס אַ שטיקעל פּרנסה דערצו; אָבער צו זײַן אַ פּאָרנעס, געבענטש, געלינט, איז קאַרג אַ רײַכקייט. אַפילו אַ כך אַ גרעסע-רע דערכון. אין דער לעצטער מאָל, הײַנט אפשר שוין נישט אַזוי, האָט מען געלייגט כבוד נישט אַזוי אַף געלט, ווי אַף תורה... יחוס איז נישט דאָס בײַנעזל, נור דער קאָפּ, דאָס האַרץ... בפרט נאָך אין דעם שטעטעל ק..., אַנ'אָרט פון תורה פון אייביגע יאָרען, וווּ די אײַנוווינער זענען כמעט אַלע לומדים... אין אַזאַ שטעטל אַז מען איז זוכה צו זײַן אַ פּאַר-נעס, מכּתמא איז עס ניט אומזיסט, מסתמא איז מען גוט, גרויס און גע-לערנט, מיט אַלע מעלות".

„און ר' חיים האָט די אַלע מעלות אין זיך געהאַט. מ'קען זיכער זאָגען, ווען ר' חיים'ס „פּאָנדיש", זײַן גאַנץ פאַרמעגען בײַ זיך אין שטעטיל וואָלט ערגיץ אַנדערש זיך אָנגעזען ווי גאָרנישט, אַקעגען ווײַ

וואָלט דערצײגנער ר' חיים מיט זײַנע מעלות אין אַ גרויסער שטאָט געוואַקסן געווען פיל מאָל גרעסער, נאָך געהויבענער". — „ר' חיים איז געווען, ווי מ'זאָגט, אי צו גאָט, אי צו לײַט. זײַן צײַט איז געווען אָפּגעגעבן צו דער פּרנסה, צו תורה און אויך צו שטעטישע זאַכן. יאָרנלאַנג אַוועקגעווען אי קאַזיאָנער רב דאָרט, נישט באַלוינט צו ווערן דערפאַר. פלעגט אויך זאָגן אומזיסט אַ שיעור גמרא מיט פּוסקים פאַר יונגעלײַט. זײַן הויז איז געווען תמיד אָפן. דער אַרײַן, יענער אַרויס. קיין זאַך האָט זיך נישט געטאָן אָן אים, ווו ערגיץ אַ שפּאַרעניש, אַ מאָדעניש איז ער געווען דער פאַרמיטלער. בשעת עפּעס אַ נויט אין כלל־זאַכן פלעגט מען אָנקומען צו זײַנס אַנ'עצה און וועגן אַלצדינג מיט אים זיך מישב זײַן." —

דער אינטערעס צו כלל־זאַכן, דערהויפּט צו צרות־הכלל איז איבערגעגאַנגען בירושה אויך צו „שלמה'לען", — צו שלום־יעקב'ן. — צוזאַמען מיט דעם האָט ער געירשנט פון שײַנעם טאַטן: זײַן אומגעווײנליכע חכמה, דעם שטאָלצן כאַראַקטער און דאָס איידעלע געוויסן.

די דרײַ מעלות האָבן, איינגענטליך, יונגערהייט געבראַכט ר' חיימען פון דער וועלט. אינגאַנצן איז ער אַלט געווען באַם שטאַרבן, אַ יאָר 42—43.

„געעלטערט האָט אים די טאַקסע. זינט דאָס שטעטל איז פאַררעמט געוואָרן, האָט די טאַקסע אָנגעהויבן צו גיין שלעכט. דער עולם האָט געגעסן ווייניקער פלייש. און וואָס נאָך? אַ טייל האָבן אַרײַנגעפירט „בשר־דון", ד. ה. פלייש, אַרײַנגעפּעקלט בגנבה אין שטאָט פונ'ם ישוב. פאַרשפּאָרט צו צאָלן טאַקסע און קאָסט וועלוועלער". — ר' חיים האָט געמוזט אָנווענדן רעפּרעסיעס. „די שומרים, אַף נישטערן, זוכן אַהין פלייש, אין אַוועקצונעמען עס מיט געוואַלט, האָבן אויך ווייניק וואָס געהאָלפן. ס'איז תמיד נור געווען געשרייען, טענות, אומצופרידנקייט, קללות, טרערן און צוגעצויגן האָט עס ר' חיימען שנאה, צאָרן און האַרצווייטיק". — „ס'איז אים געווען איבער דער שבע אָנציקימען צו אַזעלכע מיטלען, מלחמה האַלטן מיט קבצנים, דאַן ווען די טאַקסע, האָט ער אַליין גוט פאַרשטאַנען, איז ניט מסיני".

„דערצו האָט רב חיים געהאַט נאָך אַ אינווייניגסטע מכה, וואָס האָט אים שטאַרק געשמאַרצט. דאָס איז געווען די טאָכטער זײַנע, לאה.

זייער אַ געראָטענע איז לאה געווען, אַ בריה, אַ קלוגע, מיט אַ פעסטען כאַראַקטער". — ר' חיים האָט מיט איר געטון אַ לייטישען שידוך נאָך דער פרעמד, פון אַ שיינער משפחה, ווי אים שטייט אָן... דער יונגער־מאַן, אייגענטליך, איז געווען אַ גאַנץ פיינער, זיך אויפגעפירט, דאַכט זיך, ווי דער שטייגער איז, און באַליבט בײַ איטליכען אין שטוב". — האָט ער, אָבער, אָנגעהויבען אַרויסצובאַווייזען „מאָדנע" גענג, ד. ה. אויפפירען זיך קוים־קוים אַנדערש, ווי יענע פון דער „אַלטער וועלט". — „צווישען ר' חיימען און זיין איידעם איז מיט דער צייט אַרויסגעקומען עפעס אַ רוגז, איינער אַף דעם אַנדער־ען האָט זיך געבלאָזען, און געהייסען פאַר אַנדער־ע האָט עס: לאה דרייט זיך מיט דעם מאַן, נישט צווישען דעם פאַרפאָלק קיין גוט לעבען. ס'איז געקומען דערצו, אַז מ'האָט דעם יונגענמאַן אָפגעשיקט צו זיינע עלטערן, אים מיט די בעבעכעס, און לאה האָט אין דעם ווינטער טאַקע גענומען גט". — אָבער, קענטיג, קייגען איר ווילען. — ווי ר' חיים „האָט דערפילט, אַז בײַ איר אינווייניג איז דאָ אַ ווונד, זי האָט אַ געבראָכען האַרץ", האָט „איר בראָך נישט געלאָזט רוען אים, געשטאָכען אין דער זיבעטער ריפ". און „ר' חיים איז פאַר יסורים שטאַרק אַראָפּ פון פנים". — ער האָט נישט געמיינט אַפילו, דער טאָכטער צו טון אַן עולה. ער האָט פשוט געטון, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט: נישט געפרעגט בײַם מיידעל, ווען דעם שידוך געשלאָסען, נישט פאַראינטערעסירט זיך מיט איר מיינונג אויך דעמאָלט, ווען דעם איידעם משלח געווען. אַזוי פלעגט עס צומאָל צוגיין. נאָר דערשפירט, וואָס דאָ אָנגעמאַכט, שוין נישט געקענט זיך מוחל זיין דעם גרייז.

נאָר דערשלאָגען האָט אים די נויט. ער, דער קאָפּ און דאָס האַרץ פון שטאָט, זאָל פילען אַ דוחק אין די נויטווענדיגסטע באַדערפענישען, זיין אויסגעשטעלט אַף יענעמס טובה! פאַראַן שטאָלצע נאַטורען, וואָס לעבען אַזוינס נישט איבער. „ר' חיים האָט געצאַנקט, ווי אַ ליכט. עס האָבען זיך אים אויסגעלאָזט די כחות, ביז ער איז געבליבען ליגען שלאַף, ווי אַ קינד, נישט קענענדיג זיך רירען פון אָרט".

אין דער שטאָלצקייט שפיגעלט זיך אָפּ עפעס טיפערס, אי גרונטליכער עגאָיזם. זי ווייזט אָן אַף דאָס הויכע געפיל פון אייגענער ווערדע, אַלס מענטש, — אַף גייסטיגען אַריסטאָקראַטיזם. — מ'וועט זאָגען: אַ איסטנות אַ מפונק, אימפעטיג צום קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. אין אַ געוויסער מאָס, וועט דאָס, אפשר, אויך זיין ריכטיג. — אָבער

דער אמתער תמצית פון דעם דערמאָנטען כאַראַקטערשטריך — און אין היימ'ס יורש זעען מיר אים נאָך פולטער – האַס, פאַראַכטונג צו אביוניש-קייט. שלוב-יעקב, ווי זיין פאָטער, אָנערקענט פשוט נישט די טאָר-בע, זעט אין איר עפּעס אומגעהייער אויסטערלישס און עקעלדיגס. דער דלות דערנידעריגט דעם מענטש, דעמאָראַליזירט זיין פּסיכיק, פאַרקריפּעלט זיין גייסט, מאַכט אים גלייך צו דעם הונגעריגען הונט, וואָס נישטערט אַף די מיסטבערג. — די דם-שנאה צום עקאָנאָמישען אָרימקייט איז אַן אָרגאַנישער טייל אין אַבראַמאָוויטשס גייסטיגען „איך". זי פליסט פון דעם לויטערסטען קוואַל, וועלכער איז: די הויכע השגה איבער דער מענטשליכער נאַטור און דאָס הויכע געפיל פון דער מענטשליכער ווערדע.

די אָנגעוויזענע, פאַנאַטישע, אומענדליכע פיינטשאַפט איז איינע פון די הויפּטאַקסען אין מענדעלי-מוכר-ספרים'ס גאַנצער שאַפונג. אַבראַ-מאָוויטש האָט אפילו מיטלייד מיט יעדען קבצן באַזונדער, אַלס יחיד, וואָס לייט, נעבעך, אַזוי פיל און אַזוי שווער. אָבער צום קבצנות בכלל, צום קבצנות אַלס סאָציאַלישע דערשיינונג, אַלס נאַציאָנאַלישע עקאָנאָמיק, אַלס היסטאָרישע אומגליק פון יידישען פאָלק, קען ער זיך באַציהן נור מיט טיפען צאָרן, נור מיט קאַלטער פאַראַכטונג.

בלויז קיין „מפונק" איז אַבראַמאָוויטש נישט. אויסגעשטאַנען אין זיין לעבען אַ סך מער נויט, ווי ר' חיים, — און אַלץ דורכגעבראַכען מיט דעם פעסטען כאַראַקטער, מיט וועלכען „שלמהלה" האָט זיך אויס-געצייכענט אין דערזעלביגער מאָס, ווי זיין עלטערע שוועסטער — לאה.

...די מאַמע „שלמהלעס", שרה, איז, ווי געזאָגט, „אינגאַנצען עפּעס אַ רוחניות". „זי איז אַ וווילקענעוודיגע, קען אַלע תחינות פון ארץ ישראל, ווייסט אויך דעם „מעין טהור", אַלע דינים פון „חנה", וואָס געהערען זיך אָן מיט איין אשה, לייענט דעם „צאינה וראינה", דעם „מנורת המאור" און נאָך אַזעלכע ספרים. ווייזט ווייבער אין שול וואָס צו דאַווענען, וואָס צו זאָגען, ווען צו שפּרינגען קדוש, לייענט זיי אויך פאָר, און האָט מיט זיך דאָרט, אין דער ווייבערשער שול, אַ לימענע אָדער טראָפּענס אַזוינע, אויפצומינטערן אי זיך אי אַנדערע בשעת דעם חלשען"... — „און באמת טאַקע, אַז שרה פלעגט לייענען, האָט מען גע-קענט טאַקע חלשען. איר לייענען איז געווען פול מיט געפיל. איר נגונדעל דערביי האָט גערירט, געצופּט באַ דער נשמה, אַ שטיין אַפילו וואָלט פון אירע טרערען אויך צוגאָסען געוואָרען". —

דער גרויסער זון ברענגט „אף א ציקאַוועשט" א סצענקע: „שרה ליגט קנײטלעך. ווײבער, שכנות מיט געבראָכענע הערצער, שטײען ארום איר. זי לײענט און לײענט זײ דערנײ פיר מיט א ריריענדיגער שטימע טיף פון'ם הארצען". — און אט וואָס זי לײענט פיר: „רבונו של עולם, דערבארעמדיגער גאָט! די ליכט, וואָס מיר וועלען מאַכען אין שול ארײן פאר דײן הײליגען נאָמען ווענען און פאר די הײליגע רײנע נשמות, זאָלען דערוועקען די הײליגע אבות ואמהות, זײ זאָלען אויס ווײנען קברים פאר אונז בעטען, אז קײן בײז, קײן צרות, קײן לײד זאָלען אף אונז ניט קומען, און אונזער ליכט און אונזער מאַנענס ליכט זאָלען נישט אויסגעלאָשען ווערען פאר דער צײט, חס ושלום"... און אז. וו. און אז. וו. —

אויסשרײבענדיג די גאַנצע תחינה, רופט דער מחבר אויס מיט התפעלות, וועלכע מיר זענען גאָר נישט געוואוינט צו באגעגענען אין זײנע ווערק: „לאָז נאָכדעם לאַכען, ווער עס קען, לאָז ער זאָגען, אויב עס לײגט זיך אים דאָס מויל, אז דאָס איז נאַרישע זאַכען — אַהער ליכט, אַהער א כך אַזעלכע רײנע נשמות-ליכט! א סך אַהער אַזעלכע ברענענדיגע געפילען, רײנע הערצליכע ווערטער, הײסע טרערען, געבעטס און ליבשאַפט צו תורה און חכמה, ליבשאַפט צו מענטשען, צו א גאַנצער וועלט מענטשען! און דאָס אלצדינג בא וועמען איז עס? בא ייִדענעס, בא פראָסטע ייִדענעס, וואָס אָנקוקענדיג זײ פון דרויסען, דאַכט זיך, זײ זענען גאָרנישט; וואָס אָנקוקענדיג זײ אין מאַרק, דאַכט זיך, זײ זענען משונה פאַרגרעבט... הלואי א סך אַזעלכע הײבער מיט אַזעלכע געפילען און אַזעלכע ווערטער!" —

אויב פון פאָנער האָט ר' שלום-יעקב געירשענט די קלוגשאַפט און די זעלבסטווירדיקײט, האָט ער דער מוטער, ווי עס שײנט, צו פאַרדאַנקען דעם פאַעטישען פונק, דער טיפען ליריזם און יענע עכט ווײבליכע צאַרטקײט, וועלכע צײכענט אויס פיל בלעטלעך אין זײן אַמאָוויטשס געניאַלישע ווערק. —

...מאַן-און-ווײב האָבען געלעבט צווישען זיך אין שלום. „שלמהלע" האָט געהאַט פאַר זיך בלויז גוטע בײשפּילען. דער טאַטע „איז אף דעם קינד א מבין געווען". און דאָס ייִנגעל „איז מיט דער צײט אַלץ געוואַקסען, געוואַקסען ווי א בלימעלע אונטער א גוטער השגחה".

...מיט עטליכע יאָר צוריק איז ארויס אף רוסיש א אינטערעסאַנטע בראָשור, „דאָס קינד אין די ווערק פון באוווסטע שריפטשטע-

לער״, — אַ זאַמלונג דערציילונגען, סקיצען, פראַגמענטען פון פּאַרשיידענע אייראָפּעישע ראָמאַניסטען און נאָוועליסטען. — שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז דאָרט, נאַטירליך, נישטאָ. עס זעלט, אָבער, אַריין אַהין אַ פּאָר געהעריגע אויסשניטען פון „שלמה ר׳ חיימ׳ס״, — נישט אַ סך זאַכען אין דעם דיקען קענען קאָנקורירען מיט די איינפאַכיגע בלעטלעך, וואָס באַלאַנגען צו די געציילטע שעדעווירען, וועלכע די וועלט־ליטעראַטור פאַרמאָגט אַף דעם געביט. זעלטען ווו ס׳איז צו באַגעגענען אַזאַ טיף אַריינדרינגען אין די נשמה פון אַ קינד, ווי אין אַבראַמאָוויטשס קינסטלערישער אויטאָביאָגראַפיע: אַזאַ דייטליך זעען אַלע ווינקעלעך פון דעם קליינעם וועלטעל, — ווי ערשט עפענען זיך און זיין אָרגאַניש וואַקסען, דאָס ביסלעכווייזע אומוואַנדלען זיך זיינס אונטער דער ווירקונג פון די אויסערליכע איינפלוסען, דער שטייגער און דער אופן זיינע פאַרדייען די איינדרוקען פון דער אַרומיגער וועלט. דאָס אַנטוויקלען זיך פון זיין געפיל, פאַנטאַזיע, געדאַנק: אַזאַ פוסטריט־נאָכפאָלגען, ווי פון אַ זאָמען שפּראָצט־אויס אַ זאַנג, פון אַ ליאַלקעלע אַ מענטש, און נאָך וואָס פאַר אַ מענטש: אַ קינסטלער אַ ריז. —

אַז ר׳ חיים איז ווירקליך געווען אַ מבין אַף דאָס קינד, איז צו זען דערפון, ווי ער האָט עס דערצויגען. מיט קינדער פלעגט מען יענע צייטען תנ״ך, חוץ דעם אָנהייב פון איטליכער סדרה, נישט לערנען: „מ׳האָט זיך עפּעס געשייעט, עס האָט עפּעס געשמעקט מיט אַפּיקורסות״. — ר׳ חיימען, אָבער, האָט זיך געגלוסט פאַר שלמהלען זיינעם מאַכען אַ נ׳אויסנאַם, פּרוּווען לערנען אים דוקא גאַנץ תנ״ך מיט דעם תּרגום אויך, כסדר פון אָנהייב ביז צום סוף״. — אין דער אמת׳ן טאַקע, אַ מערקווירדיגער מענטש, אַ חכם אין פולען זין פון וואָרט, געווען איז דער ר׳ חיים, אַז דערשפירט מיט׳ן הוש, וואָסער שפּייז דאָס באַגאָבטע יינגעל באַדאַרף. — „נור ווו נעמט מען, אָבער, דעם מלמד דערצו״? ר׳ חיים האָט לאַנג געטראַכט, און לסוף געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נור ליפּע ראובנס קען דאָ טויגען. „איך האָט עס ר׳ חיים געמאַכט פאַר אַ מלמד, צו סנעלען מיט זיין שלמהלען, מתיר געווען אים צוצונעמען נאָך עטליכע קינדער, כדי ער זאָל קענען ווי־עס־איז מיט ווייב און קינד, ווי אַלע יידישע קינדער, עט אַזוי זיך לעבען״. — וואָס זאָל מען זאָגן וועגן אַ־אַ זעלטענעם אויסוואַל!

„און דער זיווג איז עולה-יפה געווען! דער רבי און דער תלמוד האבען זיך איינער דעם אנדערן זייער גוט געפאסט", — צוויי קינסטלער-נאטורען! — „דער רבי האט געקנעלט געטריי, און דער תלמוד — געלע נט געשמאק".

„דער שטייגער איז, געוויינטליך, געווען, בשעת דעם לערנען באס טיש פלעגט דער רבי זיצען אף זיין ארט מיט עפעס אנ'ארבעט — מאלען אדער שטעכען א חתימהלע. נור דאס האט, אבער, נישט געשאט צום גאנג פונ'ם לערנען, ער האט נישקשה, זיך גוט צוגעהערט, פארקערט, דאס לערנען איז געגאנגען נאך פיל בעסער. די ארבעט איז פאר איהם געווען דאסאייגענע, וואס א פראסטען בעל-מלאכה א גוטער טרונק בראנפען. זי האט איהם באגייסטערט, באלעבט, געמאכט בארעדעוודיג. ערשט דענסטמאל האט ער דערקלערט אלצדינג שארף, קלאר, פונ'ם מויל האבען זיך איהם געשיט פערעל, און די אויגען האט געפינקעלט א הייליג פייערעל, ער האט געקוקט מיט ליבשאפט עפעס אזוי גוט, אזוי גוט.. און דעם תלמיד פלעגט עס געבען א נעם, א ברען אונטערגעגעבען איהם א חשק, ער האט געשלונגען איטליכס ווארט, אויפשטעלענדיג די אויערעלעך".

דערמאנען נישט די שורות דאס בילד פון קליינעם שפינאזע בא די קני פון אוריאל אקאסטע! —

„דאס לערנען איז נישט געווען. ווי בא יענע, ערגעץ אנדערש א שטייגער, א שווערע משא, א ריין אפקומעניש, ווו דער רבי מיט דעם תלמיד לייזען, נעבעך,ביידע גלייך: איינער שלאגט אין קאפ אריין מיט געוואלט, איז דערביי אויפגעבראכט, היצט זיך א שרעק, און דער אנדערער, וואס זאל ער, נעבעך, טאן, מאכט זיך כלומרשט ווי איהם איז עס אין קאפ אריין, ציטערט, פלאטערט, — און ביידע ווינטשען איינער פונ'ם אנדערן פטור צו ווערען... ניין! דאס איז געווען גאר עפעס ווי א שמועס צווישען צוויי פריינט, אין וועלכען איינער פילט דאס אנדערע — א שמועס, וואס מאכט פארגעניגען אי דעם, וואס רעט, אי יענעם, וואס הערט, ביידע פארשטייען זיך זייער גוט, און עס ווילט זיך צוברענגען אזוי די צייט נאך און נאך". —

דידאזיגע שמועסן האבען א געוואלטיגע באטייטונג געהאט פאר דעם קליינעם פאעט. — „שלמהלע איז בטבע געווען א הייסבלוטיגער.

אָנצינדענדיג זיך ווי אַ שוועבעלע, ווײַבאַלד נור עפּעס האָט אים געטון אַ ריר״. — און „די פײַערדיגע רייד פון די נביאים די דערציילונגען זייערע איבער גאָט, איבער די וועלט, האָבען אויפגעוועקט זײַן כח־הדמיון און אים געגעבען גענוג שטאָף צו דענקען, צו טראַכטען״. —

— „איך האָב געזען גאָט, — זאָגט ישעיה הנביא, — ווי ער זיצט אַף זײַן הויכען שטול, די פּאָלעס צושפּרייט, פאַרנעמען דעם הייליגען פּאַלאַץ. שרפים — ברענענדיגע מלאכים, שטייען איבער אים איטליכער מיט זעקס פליגעל... און ער רופט איינער צום אַנדערן און זאָגט: קדוש, קדוש, קדוש — הייליג, הייליג, הייליג איז דער גאָט צבאות, פול איז די וועלט מיט זײַן כבוד! און עס וויגט זיך, עס ציטערען די זײַלען דאָרט פון׳ם שרײַענדיגען קול. און דאָס הויז ווערט פול מיט רויך. אַזוי, זאָג איך, ווי איז מיר, איך בין פאַרבײַ! איך בין דאָך אַ מענטש מיט אַ אומרייַן מויל און צווישען אַ פאָלק מיט אַ בייז אומרייַן מויל געפין איך מיך״.

„שלמהלען זענען דידאָזיגע ווערטער שטאַרק אין קאָפּ אַרײַן״.[1]

אַ לײַדענשאַפטליכער פאַרערער פון תנ״ך איז אַבראַמאָוויטש שוין פאַרבליבען אַף דאָס גאַנצע לעבען.

א. פּאַפּערנאָ[2] דערציילט אין זײַנע זכרונות[3]: „די קאָפּולער קלויז איז אויך געווען אַ הויכשול, ווו די אָרטיגע בחורימלעך, וואָס האָבען געענדיגט אַ געהעריגע פאַרבערייטונג אין די חדרים, האָבען דערגאַנצט זייערע קענטעניסען אין תלמוד און אין דער רבנישער ליטעראַטור. צווישען זיי האָבען אין אָנהייב פון די 50־גער יאָרען צוויי יונגעלײַט, שלום און שלמה, צוגעצויגען אַף זיך

[1]) אין צענטען קאַפּיטעל פון דער „קליאַטשע״ רופט זיך אָפּ אַ ענליכער מאָטיוו פון תנ״ך. דאָס איז די באַרימטע שטעלע, אין וועלכער אַבראַמאָוויטש גיט אַ בילדליכען פּירוש צום פאַנטישען קאַפּיטעל י״ח פון תהלים (זע אויבען ז' 50). —

[2]) ווי ש. י. אַבראַמאָוויטש, א געבוירטיגער פון קאַפּולע. —

[3]) אין זאַמעלבוך „דאָס איבערגעלעבטע״ („פּערעזשיטאָיע״), ב. II (פּעטערבורג) ז' 13. —

די אויפמערקזאמקייט דערמיט[1], וואס זייענדיג פעיגע תלמודיסטן, האבען זיי קונדעסוויעגען א סך צייט אפגעגעבען אף צולערנען תנ"ך מיט'ן פירוש „מצודות". געוויס, די ביבעל איז א הייליג ספר, הייליגער אפילו פון תלמוד, אבער דאס איז דאך א גרינגע זאך, צוגענגליך זאגאר א מענטש פון המון; וע־יבער האט בא אלעמען אויסגעזען מער, ווי משונה, צו מאכען תנ"ך נאך אנ'אביעקט פון א ערנסט שטודיום, פטר'ן דערויף די טייערע צייט. איינעם פון די דאזיגע ביבעלליבהאבער, שלומען, א הויכען, שלאנקען בחור, מיט אביסעלע ארויס פאררוסענע נאזלעכער, וואס האבען צוגעגעבען דעם פנים זיינעם א איראנישען אויסדרוק, איז שפעטער באשערט געוועזען צו ווערען איינער פון די בעסטע פארטרעטער פון דער נייהעברעישער און יודישער ליטעראטור, באוווסט מיט'ן פסעוודאנים „מענדעלי-מוכר-ספרים" (ש. י. אבראמאוויטש)". —

ה' בן-עמי, ווידער, אין זיין ארטיקעל „רב מענדעלי-בבעל-פה",[2] גיט-איבער וועגען ש. י. אבראמאוויטש, דעם באריהמטען שריפטשטעלער: — „מ'דארף נישט פארגעסען, אז ר' מענדעלי איז קודם-כל א תלמיד-חכם, א למדן און א חריף. אז מ'פארנעמט זיך נישט מיט ליטעראטור, שלעפט ר' מענדעלי ארויס דעם תנכ'ל אדער א מדרש, אדער גאר אמאל א גמרא, נור אפטער זיין טייערן ליבלינג — דעם תנכ'ל, און הייבט אייך אן ווייזען חידושים, אזוינע ווערע, ניט פארשטענדיגע ערטער, ווו עס איז כלה מוקשה, ניט גלאטיג. און דערנאך, אז איר זעט שוין גוט, אז איר וועט פון דעם פסוק ניט ארויסקריכען, הייבט אייך אן ר' מענדעלי צו באלייכטען און דערקלערט דעם ענין, פארגלייכענדיג מיט צוואנציג אנדערע פסוקים אדער ווערטער — און פלוצלינג ווערט אייך די זאך אזוי קלאר און עס ווערט אייך אזוי ליכטיג אין די אויגען, אז איר שפרינגט-אונטער פון התפעלות. יא, אין דערקלערען און באלייכטען די שווערסטע ערטער אין תנ"ך איז ר' מענדעלי איינער פון די גרעסטע און שארפסטע

1) אלע צווארפעגע ווערטער אין דער ציטאטע זענען ע פ א צ י ר ט דורך מיר. —

2) „דער פנקס", ארבוך פאר דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור, אין אז. וו. — ערשטער יארגאנג. — ז' 173. —

מײַסטערס — ער האָט אַזױנע רײַכע און טיפֿע אײַנפֿאַלן אין דעם ענין, אַז אָפֿט באַװוּנדערט איר אין אים דעם גרױסען חריף, װי דעם גרױסען קינסטלער״. —

ווען שלמהלע איז געקומען אין עלפֿטען יאָר, — די תּורה פֿאַר אים בײַ ליפּא ראובנ׳ס האָט זיך אױסגעלאָזט, — איז ער איבערגעגאַנגען אַף דעם טאַטענס הענט. — לערנען אונטער זײַן השגחה, — „אַמאָל בײַ טאָג, אַמאָל בײַנאַכט, װי דעם טאַטען איז אױסגעקומען, — און גאָר אַמאָל פֿלעגט דער טאַטע אױפֿװעקען שלמהלען פֿאַר־טאָג אױך, און אַװעקגײן מיט אים לערנען אין קלױז״. —

פֿון רײן פּעדאַגאָגישען שטאַנדפּונקט גענומען, אפֿשר נישט אַזױ ריכטיג געטון: אַ קינד דעם בעסטען שלאָף איבערגעריסען. — אין שלמהלעס אינערליכער ביאָגראַפֿיע האָבען, אָבער, דיזאָזיגע אױפֿשטײַעכצען באַגינען געשפּילט אַ געװאַלטיגע — פּאָזיטיװע — ראָלע.

„אמת טאַקע, דאָס אױפֿשטײן פֿאַרטאָג, בשעת דער שלאָף איז אַזױ געשמאַק, איז שלמהלען אָ געקומען נישט אַזױ גרינג. נור איז ער אָבער שױן אױסגעשטאַנען, אַראָפּ פֿונ׳ם געלעגער, האָט עס אים זײער הנאה געטון. דאָס אױף־זײַן, דאָס גײן אין קלױז און דאָס לערנען האָט אים גרױס פֿאַרגעניגען געמאַכט. װער ס׳איז אַ ייד, אַ ייד מיט דעם פּינטעלע, דער קען פֿילען דעם טעם פֿון אַזאַ פֿאַרגעניגען. אין דעם יידענס קאָפּ מאָלט זיך די נאַכט מיט װוּנדערשײנע בילדער. עס שטעלט זיך אים פֿאָר אין דער נאַכט געטליכע זאַכען, יענע װוּנדערליכע דערצײלונגען פֿון די הײליגע ספרים, װאָס רירען בײַ דער לעבער — און ער װערט אַזש צושמאָלצען פֿאַר הײסע ברענענדיגע געפֿילען.״ —

...„שלמהלע גײט פֿאַרטאָג איבער דער גאַס, דאָס שטעטעל שלאָפֿט. לבנה און שטערען שטײען אין הימעל אַף דער װאַך. עס דוכט זיך אים דאָרט, אױװען, טוט זיך אַצונד עפּעס גאָר אַ שרעק! טוט פֿון ערגעץ אַ בלאָז, דאַכט זיך אים, יענץ צפֿון־װינטעלע, דאָס גוטע װינטעלע, װאָס װײעט אונטער די פֿליגעל פֿון מלאכים, װאָס האָט אַמאָל אױך געבלאָזען אַף דוד־המלך׳ס פֿידעלע, אים צוקאָפּענס בײַנאַכט אַפּ׳ן געלעגער, און עס האָט זיך געשפּילט זיסע געטליכע לידער. זשװשען ערגעץ בײמער אין

אַ גאָרטען — דאָס זשוזשען דאָרט די ביימער אין גן־עדן; הריינט ער־
געץ אַ האָן — דאָס זאָגט ער שירה. און זענען אים די האָר, דאָס
פנים פֿייכט פֿון טוי־אָפּען — דאָס זענען גאָטס טרערען, וואָס וויינט
ער, יאָמערט אַף זיינע פֿאַרוואָגעלטע קינדער. עס שלאָפֿט נישט, עס
דרעמעלט נישט דער היטער פֿון ישראל!... עס צושפּילט זיך שלמהלען
די געבליטען, זיין כח־הדמיון איז פֿלאַם־פֿייער, דאָס האַרץ זינגט אים
שיר פֿאַר גרויסע געפֿילען — און ער נעמט זיך לערנען מיט חשק,
געשמאַק אַף אַ ניגון". —

די רעליגיעזישע ראָמאַנטיק, מיט וועלכער עס איז דורכגעדרונגען
די אַלטע יידישע לעבענסאַרט, האָט אין דער צאַרטער פּאָעטישער נשמה
פֿון באַגאָבטען יינגעל אָנגעטראָפֿען אַף אַ דאַנקבאַרען באָדען און איינ־
געזאַפּט זיך אין די ווייטסטע ווינקעלעך אירע. דאָס מינדסטע קערעל
נישט פֿאַרפֿעלט, — די גאַנצע מערקווירדיגע גייסטיגע אָרגאַניזאַציע
אַדורכגענומען, — אַף שטענדיג, גאָר נישט אויסגעוועפּט צו ווערען.

און יוען אין אַבראַמאָוויטשס ווערק איז די רעליגיעזישע ראָמאַנטיק
פֿון יידישען לעבען, — דער שבת, די ימים־נוראים, זיין געוויסע פּאַלעז
און באַ געוויסע אומשטענדען — די קלויז, — געשילדערט אין אידילי־
שע ליניעס, איינגעזונקען אין די איידעלסטע פּאָעזיע, מיט די דעלי־
קאַטסטע פֿערנומען באַהויכ; ווען דאָס אויג פֿון גרעסטען יידישען
שריפֿטשטעלער, מיד פֿון די טריבע, פֿון די אומעטיגע, פֿון די טרייסט־
לאָזיגע און האָפֿנונגלאָזיגע בילדער פֿון דער שרעקליכער יידישער
ווירקליכקייט, פֿון דעם גרויזאַמען יידישען עלענט, — רוט זיך אָפּ אַף
די שטילע אָאזיסען פֿון דער שיינער יידישער רעליגיעזישער ראָמאַנטיק,
דאַרף מען ווּסען, אַז דעם אוצר, דאָס גליק האָט ר' שלום־יעקב —
„שלמהלע" — אַרויסגעטראָגען פֿון טאַטענס שטוב, מיט די איינדרוקען
פֿון זיין ליכטיגער קינדהייט, — פֿון דעם שבתצונאַכטס אין דעם גרוי־
סען, לאַנגען חדר מיט דעם גרויסען אויווען, מיט דער רונע פֿון גרינע
קאַפּלעס, מיט זיין אייזערנעם „לוטשניק", און מיט דעם „כּכּר הישר"
אַף דעם הילצערנעם טיש; פֿון די ימים־נוראים אין דעם קאַפּולער בית־
המדרש; פֿון דעם פֿאַרטאָגעדיגען לערנען אין קלויז...

בן־עמי, אין זיין איינמאָל שוין ציטירטען אַרטיקעל, דער־
ציילט: צום בעסטען האָט ער מיט די אַבעריגע אַדעסער יידישע ליטע־
ראַטען זיך געפּילט אין ר' מענדעלעס קאַבינעט — שבת אָדער
יום־טוב; „וואָרום שבת איז ר' מענדעלע גאָר אַן אַנדערער, אַ

שבתדיגער, און דער עונג-שבת איז אינגאנצען אויסגעגאסען אף זיין פנים, און יום-טוב איז ער א יום-טובדיגער, א ווייכער, אן אויפגעלייגטער, מיט׳ן גוטען יום-טובדיגען שמייכעל אפ׳ן פנים." —

אין פערזענליכען לעבען, אין דער אייגענער אינערליכקייט — נו-קט אזוי, ווי אין די ליטערארישע ווערק. נישטא קיין סתירה פון דעם, וואס דער גרויסער קינסטלער זאגט-ארויס אין זיינע זעלטענע שאפונגען, און דעם, וואס ער ווייזט אין זיין פריוואטער פירונג, בא זיך אין קאבינעט. די געבענטשטע הארמאניע פון אמתען געניע! —

אין עלפטען יאר האבען אויפגעזאטען די "הייסע, ברענענדיגע געפילען" — און ביז אכ׳ן היינטיגען, נאך א לעבענסוועג פון זיבען יארצענדליגער, נישט אפגעקילט געווארען. — דער עכטער "ייד מיט דעם פינטעלע". —

שלמהלעס דערציונג האט געהאט אין זיך איין גרינטליכען חסרון: די שרעקליכע איינזייטיקייט, וואס פירט צו באדענלאזיקייט. — מ׳האט דאס יינגעל צו פיל געשטאפט מיט רוחניות און צו ווייניג — לגמרי נישט, מעג מען זאגען, — באקאנט מיט דער ווירקליכקייט. — "דאס איז אזוינס, — ווי אבראמאוויטש זאגט, — וואס פאר אלע אנדערע פעלקער איז עס א סוד, גאר ניט צום פארשטיין, נור בא יידען פארלויפט זיך עס זייער אפט. בא יידישע קינדער נור געשעט אזוינס, אז מ׳זאל זיצען טאג ווי נאכט פארשפארט אף איין ארט, נישט צו וויסען, וואס דא ארום גייט פיר, וואס מ׳ברויכט צו לערנען, צו טון, בכדי צו לעבען מיט לייטען גלייך; מ׳זאל אויסגעטון זיין פון אלצדינג דא, מבטל זיין אלע זאכען, וואס זענען נייטיג פשוט אין לעבען אריין און איבערטראגען זיך אינגאנצען מיט די ביינער אין אלע געדאנקען העט וייט אין אן אנדער וועלט, אין אנדערע צייטען; מ׳זאל נישט זען פאר זיך די וועלט, דאס, וואס פאר דער נאז, און אפגעבען זיך אינגאנצען נור מיט אזעלכעס, וואס העט אמאל, צו וועלכעס מ׳באדארף נישט האבען אזוי די אויגען און די אנדערע מענטשליכע גראבע חושים, ווי א שארפען כח-הדמיון — א הוילע נאקעטע גשמה אהן לייב, אהן לעבען!"

אבראמאוויטש שילדערט דאסדאזיגע סיסטעם פון קינדער-דערציונג — אויספירליך, טיף, בייסיג, — און ווער עס וועט אמאל שרייבען

די קולטורגעשיכטע פון די רוסישע און פוילישע יידען און וועט קוקען צו דערדאָזיגער טעמע, וועט ער קענען דרייסט יוצא זיין נור דערמיט, וואָס ער וועט אות באות אויסשרייבען די קלאַסישע בלעטלעך אויך „שלמה ר' חיים'ס".

„שלמהלע נאָך אַ יונג קינד, אַ הינדעלע, וואָס ליגט נאָך אין דעם איי, נישט צו וויסען דאָס אָרט, דאָס לאַנד, ווו ער איז, נישט דאָס פאָלק, די מענטשען, צווישען וועלכע ער געפינט זיך; וואָס פרעגט אים בחרם נון אַ לעבען דאָ צו זאָגען — ער, שלמהלע טראָגט זיך אין די געדאַנקען אַרום ערגעץ אין די ווייטע מקומות דאָרט! ער איז פאַרוואָגלט אין מצרים, אין די לענדער פון סיחון, עוג מלך הבשן און נבוכדנצר מלך בבל, דער קאָפ ליגט אים אין דעם ים-סוף, אין דעם ים-המלח, אין דעם טייך כּרת און דעם ירדן. פאַר אים גע- פינט זיך מיני מענטשען, מיט וועלכע מ'באַדאַרף רעדען לשון-קודש, עפּעס גאָר תּרגום, מ'זיצט זיך באַ זיי אין געצעלטען, מ'רייט אַף מויל- אייזלען און קעמלען, מ'טרינקט פון אַ „לאָגעל", מ'גייט באָרוועס און טראָגט נאָזבאַנדען, אַלצדינג ווי דער שטייגער איז. אונזער נאַטור דאָ, מיט אירע מיני געוועקס, חיות און עופות געהער זיך מיט שלמהלען נישט אָן. וואָס מאַכט עס אים אויס פעלדער מיט תּבואה — קאָרען רעטשקע, קאַרטאָפלעס, כו'.וואַנען ער עסט אַ „קרופּניק" מיט ברויט אָלע טאָג? וואָס ווייסט ער אַ סאָזנע, בערעזענע און דעמבענע ביי- מער! ער ווייסט נור באַ זיך אין האַרצען: וויינגערטנער, טייטלען, פייגען, מילגרוימען און איילבערטען, פימסענהאָלץ און בוקסענביימער, פון לעבעדיגע מיני באַשעפעניש ווייסט ער: אַ ווילזעלטיר, אַ לינדען, וואָרם און אַ פּיפּענאָטער, אַ לעמפּערט, אַ אינד, וואָס טוט טון גלוסטען אַף קוואַלען וואַסער, אַ שור-הבור און אַ טערקעלטויב. הכּלל, שלמהלע איז נור אַ געבירטיגער דאָ. און אַליין איז ער עפּעס ווי נישט קיין הי- גער, לעבט ערגעץ דאָרט, דאָרט... זיין צייט איז פאַרצייטען, און זיין וועלט איז אַיענע, וואָס אַמאָל, דאָ איז ער אַ גר און דאָרט — אַני. אַלטגעזעסענער; ער קומט אַהיים נור אַף אַ ווײַלע, ווי אַ גאַסט אַף דער סטאַנציע, עסט-אָפּ, נעכטיגט-איבער — און מאַרש אַהין, ווייטער זאָקע אַהין!" —

און אין „יענע וועלט, וואָס אַמאָל", פון ווייטען עבר, רייסען זיך אַרײַן — „רוחות, שלעק, און ס'איז רעכט בהמות מיט מענטשליכע צורות, ובדומה נאָך אַזעלכע ווילדע באַשעפעניש", — די פאַנטאַסטישע

אַטמאָספּערע, פול מיט בבא-מעשיות און פּחדים, אין וועלכער עס לעבט די יידישע פאָלקסמאַסע. — „שלמה ר' חיים'ס" איז דאָס ערשטע, און, דאַכט זיך, דאָס איינציגע קינסטלערישע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכען עס איז אַזוי ברייט און מיט אַזאַ קראַפט געמאָלט דער נעפּעל פון די יידישע פאָלקסגלויבענס, די „זאַבאָבאָנעס", וואָס הילען איין די יידישע גאַס. — אַף דאָס אַנטפּינדליכע יינגעל האָבען זיי געהאַט אַ מעכטיגע ווירקונג. אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש ווייזט דאָס גענוי אין זעקסטען און אין זיבעטען קאַפּיטעל. דאָס ערשטע פון די צוויי, אין וועלכען עס ווערט באַשריבען ר' א ל י ה ו און ס'ווערט דערציילט די מעשה מיט דעם „באַנעמעניש", ענדיגט זיך דערמיט, אַז שלמהלע איז נאָכדעם „שטאַרק צודרייט. עס דאַכט זיך אים, ס'איז איינגאַנצען דאָ — אַ פ אַ ר ב ל ע נ ד ז ע נ י ש! אָט כאַפּט דעם, יענעם דער רוח, אָדער דער רוח האָט זיי שוין לאַנג געכאַפּט. עס דאַכט זיך נור בריות, און באמת איז זייער נשמה פ ו ן ק ל י אָ ט ש ע... פאַר אַליין איז א ו י ך ק ל י אָ ט ש ע"... — און דאָס צווייטע, וווּ עס קומען פאַר לייבציכעס מעשיות, — לאָזט זיך אויס אַזוי: „פון דענסטמאָל אָן דאַכט זיך שלמהלען גלגולים. דער גאַנער איז נישט קיין גאַנער, די קאַץ איז נישט קיין קאַץ, אויך דער מענטש, להבדיל, איז נישט קיין מענטש, ד י ד אָ ז י ג ע ו ו ע ל ט ד אָ א י ז א י נ ג אַ נ צ ע ן ט אַ ק ע ג אָ ר — א י י ן ע ו ל ם-ה ד מ י ו ן!" —

אַף אַבראַמאָוויטשס שטייגע — שטעכעדיגע אָנצוהערענישען. — אַ געשפּענסטישע וועלט מיט מענטשען-געשפּענסטער — דאָס אַלטע יידישע לעבען. טויטע באַשעפענישען, געשטאַלטען פון קליאָטשע דרייען זיך אַרום אַף אַן עולם-התוהו, געטראָגען דורך אַ וואונדערליכער קראַפט, און זייער גאַנצע עקזיסטענץ איז עפּעס אָהן אַ טעם און אָהן אַ זין, ענעז טאַקע „נ ו ר פ ו ן אַ ז כ ר ו ו ע ג ע ן", ווי דער געניאַלישער אויטאָר דריקט זיך מערקווירדיג טרעפליך אויס. —

אַזאַ אָפּגעריסען, אין ווייטע עולמות פאַרטראָגען באַשעפענישעל האָט די דערציִונג געמאַכט אויך פון שלמהלען.

זיין גליק איז, אָבער, געווען, וואָס טיף אין אים גופא איז געלעגען פאַרבאָרגען אַ געהיימע קראַפט, וואָס האָט אים נישט געלאָזט אומקומען, בטל ווערען אין דעם ים פון די קליאָטשע-שלמהלך.

„מיט דעם אַרויסגיין שלמהלעס כונ'ם חדר גייט ביסלעכווייז באַ אים פאָר אַ פאַרענדערונג אין דעם לעבען. אַצונד פילט ער זיך שוין

פריער צו פארבלייבען אביסעל מער דא אף דעם עולם. עפעס טוט א וויי אין אים אנ'אנדער גייסט, העלער אביסעל ווערט אים אין מוח, ער הייבט זיך אן ארומצוקוקען... ווי איינער, וואס שטייט אויף פון שלאף, אין די אויגען גייט אים אויף א ליכט, און אלצדינג קומט אים פיר עפעס גאר ניי, גלייך ווי ערשט פונ'ם איי ארויסגעקראכע"[1]...

„און וועמעס ארבעט האט עס געקענט זיין, ארייינלייגען שלמהלען א פינגער אין מויל, ארויפצופירען אים אף אזוינע זאכען?"

דעם מופת האט באוויזען די פאעטישע פונק, מיט וועלכער שלמהלע איז שוין אף די וועלט געקומען. זי איז געוועזן אין אים אף אזויפיל שטארק, אז אלע שטיקענדיגע איינפלוסען און ווירקונגען פון דעם עולם-הדמיון, אין וועלכען אים איז באשערט געוועזן די יונגע יארען צו פארברענגען, האבען זי נישט געקענט אויסלעשען. זי האט געצאנקט, געצאנקט, און ביסלעכווייז זיך צוברענט, גרעסער געווארען, גענומען צוגיסען זיך איבער דער גאנצער יונגער נשמה, איינגעבען שלמהלען „שכל, געפיל, ליבשאפט צו דער שיינער נאטור"[1]...

נאטור!

דאס איז דער אלף און דער תו פון ר' שלום-יעקב'ס — „שלמהלעס" — אינערליכען אנטוויקלונגסקרייז.

אין איטליכען קריטישען מאמענט פון זיין לעבען טרעט זי ארויס אפ'ן ערשטען פלאן. זי איז זיין אמתע דערציערין. זיין אמתער לערער און וועגווייזער. איר שטימע האט אים אויפגעוועקט אויך פון דעם געפערליכען שלאף, אין וועלכען אלץ ארום אים איז געלעגען, — און אף דעם ברייטען וועג פון פרייען, פארשידענזייטיגען גייסטיגען וווקס ארויסגעפירט.

און ברייט, און הייס, באגייסטערט, שיין שילדע'ט אבראמאוויטש דעם ראמאן צווישען שלמהלען און דער קאפולער נאטור, — און באם לעזער בלייבט גאר קיין ספק נישט, אז דא איז, ווירקליך, דער סוד פון שלמהלעס דערוואכונג אף דער שוועל נאך פון לעבען.

...טאר מען, אבער, אזוי? — „שלמהלע טוט תשובה"... „ער ראזוענט, בעט, גיסט אויס זיין הארץ שטילערהייט מיט געפיל"... נור —

---

[1]) קאפיטעל IX. —

„איז אין אַ מענטש דאָ געשמאַק, געפיל, באַהיט זאָל מען יוגרען, ל ז ט זיך עס נישט גרינג מיט דער האַנט אַוועקמאַכען". —

דאָס גאַנצע קליינע קערפּערל איז איבערפולט מיט שטומע טענער. אַיין מעכטיג ליד הילכט אַהן ווערטער אין דעם יונגען פּאָעטישען אָרגאַניזם. עפּעס אַ נס וועבט זיך אין אים. עס רייסט זיך, זוכט זיך אַן אויסגאַנג. און אָט צינט זיך אָן דאָס קינדיש הערצעל און הייבט אָן צו רעדען. שלמהלע  ל י ב ט.

אַ וויכטיגער עפּיזאָד אין זיין ביאָגראַפיע. די ליטעראַטור־געשיכטע ווייסט פון אַ סך גרויסע דיכטער, וואָס האָבען דערקענט די ליבע דעמאָלט, ווען זייערע חברים זענען נאָך אַרום־געפּאָרען רייטענדיג אַף הילצערנע פערדלעך.

ס'איז צו שטוינען, ווי געטרוי  אַ ב ר אַ מ אָ ו י ט ש  געדענקט דעם עפּיזאָד, און ווי פריש, ווי לעבעדיג, מיט וויפל צאַרטקייט און קונסט ער באַשרייבט אים.

נאָך פריער האָט ער אים פאַרבייגייענדיג באַריהרט, מיט איין שמיר־גון פענזעל, אין „ווינטשפינגערל", אַריינלעגענדיג הערשעלען אין ברוכט שלמהלעס איבערלעבונגען.

און ווען פישקעס ראָמאַן מיט דעם האָרבאַטע מיידעל איז מיט אַזויפיל געפיל, גוטסקייט, ווייכקייט, וואַרעמקייט און דופּט דערציילט, האָבען מיר דאָס אויך צו פאַרדאַנקען דער שיינער  פ ר אַ ד ע ל, — דער מעלאָדיע, וואָס איז אָפּגעריסען געוואָרען אַף די ערשטע אַקאָרדען דער וואָר, וואָס איז פאַרשוואונדען ווי אַ חלום...

שלמהלע איז אינגאַנצען געוואָרען אַנ'אַנדערער. „דער קאָפּ זיינער ליגט שוין נישט אין דער גמרא ווי אַמאָל. עס גלוסט זיך אים דאָס, יענץ, און ער האָט אין זינען הבלי הבלים. דאָס שטיקעל „לייענען" פאַר דעם טאַטען מאַכט ער גור ווי ס'איז. זופּט אָפּ אַ בלעטעל גמרא אין כאַפּעניש, אין איילעניש, עס אַזוי, אַבי געפּטרט. איבערגעקומען, און שפּאַצירט זיך דערנאָך דעם גרעסטען טייל טאָג אַרום. ער זוכט זיך אויס נייע מיני געענג, נייע מיני חברים, זיין גלייכען, נישט זיין גלייכען, יינגער צי עלטער פון אים, וואָס מאַכט אויס? אַבי זיי זענען אים צום האַרצען, עס פאַרברענגט זיך מיט זיי די צייט, עס שמועסט זיך, עס טראַכט זיך און עס פילט זיך עפּעס אַזוי גוט, געשמאַק"...

אַמאָל, „געמיינט, אַ וועלט יידען וויסט נישט מער ווי לערנען ווי אויפצוטון א פשטעל, ווי צו פּאַלען אַף אַ מהרש"א"ס אַ קשיא" — און פלוצים אַנטדעקט: „עס זיינען דאָ יידען, וואָס געבען זיך נישט אַזוי אָפּ מיט דער גמרא, האָבען אין זיינען אַנדערע זאַכען, און לעבען אויך!" — לעבען דערפאַר נאַטירליך, אוממיטעלבאַריש, די ערד אונטער די פיס, — און זייער לעבען איז פאַרביג, נישט איינטאָניג, וואָרעם.

אַף פראַקטפולע עטליכע בלעטלעך גיט אַבראַמאָוויטש די כאַראַקטעריסטיק פון אַמאָליגען יידישען בעל-מלאכה-שטאַנד, טיף, קלוג. — „ווי אָרעם, פאַראומערט דעם בעל-מלאכהס דירה האָט אויסגעזען פון דרויסען, אַזוי לעבעדיג-פריילך איז דאָרט צייטענווייז געווען פון די פועלים בשעת דער אַרבעט". דאָרט האָט מען עס געקענט באַגעגענען „אַ פרייע מינע, אַ פריילך פנים, אַ גוט וואָרט". — „מ'קען מיט רעכט זאָגען, אַז באַ בעלי-מלאכות האָט געטליעט אַ פּאָעטישער פונק, זיך גע־לאָזט פילען אַ יונגע פרישע נשמה"...

מ[illegible] זיינען פון דער נאַטור שטיקלעך בעלי-מלאכות, ייי האָבען ליב צו מייסטערן, שניצען, בויען, מאָלען וכדומה". און בעלי-מלאכות זענען קינדער: אוממיטעלבאַריש, לעבעדיג, פראָסט באַ זיך, — קענען זיי זיך צונויפרעדען: דער בעל-מלאכה גייט אום מיט די קינדער ווי אַ חבר, און ווידער „אַז קינדער קומען צו בעל מלאכהס, זענען זיי זיך פשוט מחיה פאַר גרויס פאַרגעניגען צו זיצען מיט זיי".

„אָט צו אַזעלכע אַלטע-יונגלעך האָט איצט שלמהלען דער יצר-הרע געטראָגען". זיין בעסט פאַרגעניגען איז געווען אַריינצוגיין צו אייזיק דעם שמיד אין צו הערציל קיילעס.

צום לעצטען האָט אים געצויגען מערסטענטיילס, ווען „דער הימעל איז געווען לויטער, און די זון האָט געשיינט": — וואָרעם „הערצעל קיילעס'עס הויז און דאָס גאַנצע בעל-הבתישקייט זיינס האָט געשמעקט דאָרט מיט דאָרף, מיט אַ פרישען ריח פון פעלד". צו אייזיקען פלעגט שלמהלע אַריינקומען אים הערבסט, „אין די בלאָטעס, אָדער בשעת אַזוי אַ מיאוסער פאָגאָדע, אַז ס'איז נאַס און קאַלט, בלאָזט פון צוויי זייטען, דער הימעל איז אָנגעדרודעלט, שלעפט אַף זיך אַרויף מעשה קבצן, אַ שטאַרק אָפּגעבליאַקעוועטען מאַנטעל פון אַ מיתה-קאָליר מיט פלעקען, מיט לאַטעס צף לאַטעס פון גרויע, שוואַרצע טונקעלע וואָלקענס, און וואַרפט אָן אַף איטליכען אַ מרה-שחורה מיט זיין פינצטערן פנים, דערנסמאָלט — „פאַרקלויבט זיך שלמה אין קוזנע אַריין. צווישען

אָנגעיואָרפֿען געציַיג, אין אַ ווינקעלע, בלייַבט זיצן נאַרעטאַרט עטיל פֿאַרטראַכט, און קוקט. עס הידעט דער בלאָזזאַק, עס פֿלאַמען די קוילן, אייַזענס גליִען, פֿונקען פֿליִען. שלמהלע איז פֿאַרגאַפֿט, פֿאַרצויבערט, עס טראָגט אים דער קאָפּ, פֿאַרפֿליט עס עט־עט אין די ווייַטע עולמות אַרייַן. עס טרעטען פֿאַר אים אַרויס געטליכע בילדער, שיינע געשטאַלטען פֿון וואונדערליכע מעשיות, אַלטע אגדתות—אַלצדינג, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. פֿון די פֿלאַמענדיגע קוילען אינ׳ם אויוועך קוקען צו זיך אַרויס שוואַרץ־ברענענדיגע אויגען, דער אוינגעבלאָזענער זייַל פֿייַער דאַרט ווערט ביז אין הימעל אַרייַן אַ הויכער לייטער, די פֿונקען — פֿליִענדיגע מלאכים אַרויף און אַראָפּ אַף אים, קלאַפּ — קלאַפּ, אַף דעם גליִענדיגען אייַזען קלאַפּען די האַמערס — און עס דאַכט זיך, דאָרט, דאָרט ברעכען זיך פֿון פֿאַרצויבערטע פּאַלאַצען די שלעסער, און עס גייען אַרויס פֿונ׳ם לאַנגען שלאָף אויפֿגעוועקטע בת־מלכות, שיינע, שייַנענדיגע, און פֿון צווישען זיי לויכט אַרויס ווי דער מאָרגענשטערען פֿראַדיל, זייַן כּראַדיל! דער בלאָזזאַק הידעט־הידעט — און שלמהלע ווערט אָנגעצונדען, רויט ווי פֿייַער... אָט אין אַזאַ מרה־שחורהדיגער פֿאַגאָדע פֿלעגט שלמהלע, ער אַליין מיט לייַב און ביינער, זיצן אין קוזנע, פֿאַרשלאָגען אין אַ ווינקעל, נור די נשמה זייַנע — זי פֿלעגט זיך אויפֿהייבען און פֿאַרפֿליִען אין אַנדערע וועלטען, וווּ ס׳איז אים ליכטיג, וואַרעם, שיין, וווּ עס שפּראָצט, עס בליט און עס לאָזען זיך זען זייער גוטע, וואונדערשיינע זאַכען. שלמהלע, הייסט עס, איז אַ בורא. ער באַשאַפֿט און לעבט אין זייַנע, מיט דעם כּח הדמיון באַשאַפֿענע וועלטען — און די נשמה זייַנע האָט הנאה". — אָט־אַ־דאָ, צווישען די ווילע, שיינע, פּראָסטע מענטשען — אין אייַזיקס קוזנע, אין הערצעלס גאָרטען, — באַ די פּועלים מיט זייער פֿריילך געמיט און ריִרענדיגע לידלעך, האָט שלום־יעקב׳ס — „שלמהלעס“ — יונגינקע נשמה זיך אָנגעזאַפּט — אַף דאָס גאַנצע לעבען שוין: — מיט דעם געזונטען אַראָמאַט און מיט דעם זיכערען ריטם, וואָס צייכענען אויס דאָס לעבען פֿון דעם יידישען המון און זייַנע פּשוטע, אָבער שיינע גענג. אָט־אַ־דאָ האָבען אין אַבראַמאָוויטשען צום ערשטען דערוואַכט די דעמאָקראַטישע געפֿילען, וואָס ברענען ווי אַ העלער גלייַכער פֿלאַם אין אַלע זייַנע ווערק און באַלייַכטען זייַן באַנוצטן לאַנגען און פֿרוכטבאַרען ליטעראַרישען וועג.

אָט־אַ־דאָ. האָט זך אין אים צום ערגטען שטאַרק אַ ריר געטון דער קינסטלער, לעת־עתה נאָך געשאַפען בלויז אין דער פאַנטאַזיע... אין די טרוימען תמיד געבלאַנקט פראַד:לס ליכטיג געשטאַלט — כאַראַקטעריסטיש. ווער ביסטו, און ווו ביסטו, אונזער גרעסטען שריפטשטעלערס מוזע? — ...[1]

---

[1]) דיזאָזיגע פראַגמענטען פון אַ רעפעראַט זענען געדרוקט געווען אין „מאָמענט“ 1913, נומערן 208 — 210, 213 — 215, 220, 244, 250, 262, 274, 279, 289. —

# נעקראָלאָג.

מענדעלי-מוכר-ספרים איז נישטאָ! דערלעבט אַ טיפֿע עלטער. אַ בן-שמונים געווען. אין די יאָרען איז דער טויט גאַנץ נאַטירליך. און דאָך האָט די ידיעה איבערראַשט. אַ זעץ געטון אין האַרץ און אין מוח.

מענדעלי-מוכר-ספרים איז פֿאַר אונז תמיד געווען עפּעס מער ווי אַ לעבעדיגער מענטש. ער האָט אָנגעהויבען זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט 60 יאָר צוריק. ווען מיר זענען נאָך געווען קינדער, איז זיין נאָמען שוין געווען אַרומגערינגעלט מיט גלאַנץ און מיט כבוד. מ'האָט גערעט וועגען אים מיט אַ באַזונדער ערפֿורכט. אין געזעלשאַפֿטליכען און פּאָליטישען לעבען האָט ער זיך נישט באַטייליגט. מ'דאָט אים ווייניג געזעען. ער האָט זיך געלעבט אָן אַ זייט פֿון גרויסען טראַקט פֿון דער יידישער פּרעסע. אַרום זיין נאָמען איז ניט געווען דער טאָגגערויש פֿון צייטונגסנאָטיצען, צייטונגספּאָלעמיק און אַז"ו, און ער איז אַנטפֿונדען געוואָרען ווי אַ הייליגטום. ערגעץ ווייט, אויף אַ הויכען באַרג, הינטער וואָלקענס, אין דער שטילקייט פֿון שניישפּעלדער, ווינט אַ גרויסער גייסט, וואָס איז פֿון קיינעם נישט געזעען און זעט אַלץ. שפּירט אַלץ, פֿאַרשטייט אַלץ און נעמט אַלץ אַרום מיט זיין פֿאָטערליכען בליק און מיט זיין באַפֿרוכטענדיגער ווירקונג.

און פלוצלונג — די שרעקליכע ידיעה: דער גרויסער גייסט איז שוין נישטאָ! אַפּגעטון זיך פון'ם ווייטען, הויכען באַרג. אויסגעלאָשען געוואָרען אַף די אומבאַפלעקטע שנייפעלדער. נישטאָ מער מענדעלי מוכר-ספרים, דאָס היילגטום פון עטליכע דורות, דער לעבעדיגער קוואַל פון אונזער נייַ לעבען.

און עס גלייבט זיך נישט. וואָרום מענדעלי מוכר-ספרים איז פאַר אונז נישט געווען דאָס, וואָס יעדער פון די אַנדערע גרויסע שריפטשטעלער, וועלכע מיר האָבען פאַרלוירען אין די לעצטע יאָרען. מענדעלי מוכר-ספרים איז שוין באַם לעבען געוואָרען אונזער אַטמאָספערע, אונזער וועלטאַנטפינדען און אונזער וועלטאַנשויונג, אונזער מאָדערנער מיטה.

די עפּאָכע, אין וועלכער עס לעבט יעצט דאָס רוסלענדישע און פוילישע ידענטום. און אין וועלכער עס ווערט ביסלעכווייז אַריינגעצויגען אַ טייל פון אונזערע מערבאייראָפּעישע ברידער, פליסט דירעקט פון מענדעלי מוכר-ספרים. אונזער גאַנץ געגענוואַרטיג לעבען, אַלע שטרעמונגען אין איִם, אונזערע מאָדערנע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע, נאַציאָנאַל-סאָציאַלישע און נאַציאָנאַל-קולטורעלישע אידעאַלען זענען מענדעלי-מוכר-ספרים'יש. ער איז דאָס געווען דער טיטאַן, וואָס האָט דער ערשטער איבערגעריסען די קייטען פון דער געטאָפּסיכיק און פון דער געטאָ-וועלטאַנשויונג, דער ערשטער אַראָפּגעלאָזט די אויגען צו דער ווירקליכקייט, דער ערשטער דורכגעבויערט מיט'ן בליק דעם תהום פון יידישען לעבען ביז צו די טיפסטע טיפענישען זיינע, און דער ערשטער פאַרזייט די געבענטשטע זריעה פון אַ מאָדערנער נאַציאָנאַלישער פּסיכיק, וועלבסטאַנטפינדונג, זעלבסטבאַוואוסטזיין און פון אַ מאָדערנעם רעאַלען נאַציאָנאַלישען פּראָגראַם.

יעדער פון אונז זעט דאָס, וואָס אַרום, זעט איינצעלנע דערשיינונגען אין לעבען. מענדעלי-מוכר-ספרים איז געווען דער אויסדערוועלטער, וואָס האָט געזעען דאָס ידענטום אין רוסלאַנד און פוילען אַלס גאַנצעס, אַלס באַשטימטען קאָמפּלעקס מיט זיין גאַנצער קאָלעקטיווער קאָנסטרוקציע, מיט דעם פאַרהעלטעניש פון די טיילען, מיט אַלע קאָלעקטיווע פונקציעס, מיט אַלע אינערליכע מעלות און חסרונות זייערע. דער ריז האָט דער ערשטער געשטעלט דעם דיאַגנאָז פון דער נאַציאָנאַלישער קראַנקייט, וואָס האָט גענאָגט דעם יידישען פאָלקסאָרגאַניזם און פאַראַליזירט זיינע אינערליכע פונקציעס. ער האָט אויך אָנגעוויזען דעם וועג צו

נגענזונג. ער האָט גלײַכצײַטיק געגעבען אַ פֿאַרניכטענדיגע קריטיק פֿון דער מעטאָדע, לויט וועלכער אַנדערע דעמאָלדיגע רופֿאים האָבען געוואָלט דעם חולה הײלען. ער האָט אויפֿגעדעקט דאָס גאַנצע אײנזײטיקייט, פֿלאַכקײט און אָרעמקײט פֿון דער השכלה, וואָס האָט נישט געוואָלט קענען דאָז אײנערליכע יידישע לעבען און האָט די אײנציגע סגולה צו אַלע יידישע צרות געזעען נאָר אין דער בילדונג, וועלכע דאַרף קומען פֿון דרויסען. מענדעלע־מוכר־ספֿרים האָט מיט אַ מעכטיגער שטימע גערופֿען צו אַן אינערליכער אויפֿלעבונג אין דער יידישער גאַס. מיט ליבע צו דער יידישער פֿאָלקסמאַסע און צו איר שפּראַך, האָט ער אָנגעצײכענט די וועגען צו אַן אינערליכער רעוואָלוציע אַף אַלע געביטען פֿון יידישען לעבען און פֿון יידישען נאַציאָנאַלישען געדאַנק. די קווינטעסענץ פֿון זײַן תורה איז געווען: גענוג געלעבט אין דער וועלט פֿון חלומות און פֿון באַגריפֿען פֿון פֿאַר טויזענטער יאָרען; צײַט צו אָנערקענען די ווירקליכקײט, מיט איר זיך רעכענען און אַף איר בויען. דעם שורש פֿון טרויעריגען יידישען מעמד האָט ער געזען אין דעם כאַראַקטער דאָס געגענוואַרטיגע לעבען נאָר אַלס „גלות", אין דעם אָפּגערעדען זײַן פֿון דעם רעאַלען היסטאָרישען פּראָצעס, אין דעם נישט באַטײליגען זיך אַלס גלײַכבאַרעכטיגט גליד אין דער משפּחה פֿון די מאָדערנע פֿעלקער.

אַזוי האָט מענדעלי מו"ס געלערענט, און געלערענט מיט דעם מעכטיגסטען מיטעל, וואָס איז נאָר פֿאַראַן אַף דער וועלט — מיט דעם קינסטלערישען וואָרט. זײַנע רעוואָלוציאָנערישע אידייען האָט ער פֿאַרקערפּערט אין מײַסטער־ווערק, אין קינסטלערישע געמעלער, וואָס וועלען אַף אײביג פֿאַרבלײַבען אין אונזער ליטעראַטור אַלס קלאַסישע מוסטערן. ער האָט דעם נאַציאָנאַ־לישען שאַפֿונגסזשעני אַרויפֿגעפֿירט אַף אַ נײַ מאָדערן גע־ביט. ער האָט דאָס פֿאָלק, וועלכעס ער אַליין האָט מאָ־דערניזירט, אַרײַנגעפֿירט אין דער משפּחה פֿון די מאָדערנע פֿעלקער, געבענדיג אים אומשטערבליכע אוצרות פֿון דער מאָדערנער קונסט... פֿרעי, דיגענדיג אָנערקענונג פֿון דער ווירקליכקײט, האָט ער די שפּראַך פֿון אונזער ווירקליכקײט אויפֿגעהויבען אַף די הײך פֿון אַ מאָדערנער ליטע־ראַרישער שפּראַך, געבענדיג אונז, וואָס זענען אויסגעוואַקסען אין זײַן אַטמאָספֿערע, אַ גאָלדען געווער אין דער האַנד.

פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין ענגען זין פֿון וואָרט, איז מענדעלע מו"ס געווען אַ זײדע. פֿאַרן גאַנצען יידישען פֿאָלק — אַ

גרויסער לערער. פון יענע לערערס, וואָס מאַכען אַ רעוואָלוציע, ברעכען דורך נייע וועגען, צינדען אָן נייע שטורקאַצען, גיבען אין די האַנד אַ נייע פאָן. פון יענע לערערס, וואָס וואַקסען איבער די גרענעצען פון זייער דור, זענען אַן אויטאָריטעט אויף פאַר דער צוקונפט; וואָס זייער נאָמען ווערט אַ סימבאָל; וואָס זייער גייסט רוט אַפ'ן פאָלק ווי אַ ברכה, ווי אַ שכינה.

מענדעלי מוכר־ספרים איז ניט געשטאָרבען[1].

[1]) געדרוקט אין „מאָמענט" נ' 299 פון 28־טען דעצעמבער 1917. —

# אינהאַלט

זײַט


1) מענדעלי מוכר-ספרים, יובילייאַרם (1907) . . . . . . . 3

2) אַ גאָלדענע עלטער, יובילייאַרס (1911) . . . . . . . . 5

3) שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש, נאָטיצען („די טאַקסע“ — „די קליאַ-
טשע“ — „דאָס ווינטשפינגערל“) . . . . . . . . . . . 8

4) מענדעלי מוכר-ספרימס יידיש . . . . . . . . . . . 41

5) „פישקע דער קרומער“ (עציור) . . . . . . . . . . 51

6) אַבראַמאָוויטשס קינסטלערישע אויטאָביאָגראַפיע
(„שלמה ר׳ חיים׳ס“) . 136

7) נעקראָלאָג . . . . . . . . . . . . . . . . 186



נייער פערלאג

# „נײַער פערלאַג"

נומער 8.




פרייז---------מארק

אדרעס: „WYDAWNICTWO NOWE“

Warszawa, Dzika № 3.